STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00769

HSIDES UN LEBN

Menasheh Unger

Permanent preservation of this book was made possible by
Richard P. & Joan G. Hauser
in honor of
their parents and grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנשה אונגער

חסידות און לעבן

חסידות און לעבן

פון

מנשה אונגער

ניו־יארק, 1946

CHSIDUS UN LEBN

BY

MENASHE UNGER

Copyright, 1946

Printed in U. S. A.



מאַרק שאַגאַל אַ חסיד

אַרײַנפֿיר

מיט דעם בוך „חסידות און לעבן", האָט דער מחבר געוואָלט פּרוּוון אָנווייזן אויף די גרויסע שנויים וואָס דאָס חסידות האָט אַריינגעבראַכט אין טאָג-טעגלעכן לעבן פֿון די יידן און די באַציאונג פֿון חסידות צו די פֿאַרשידענע שיכטן פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט אין איר אַנטשטייאונג און בלי-פּעריאָד.

ארכיוון אָדער דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל צו באַנוצן זיך פֿאַר אַזאַ ארבעט, איז ליידער פֿאַראַן זייער ווייניק, דער מחבר האָט זיך דעריבער געמוזט באַנוצן מיט חסידישע תּורות, חסידישע לעגענדעס און חסידישע ווערטלעך און דורך זיי געפּרוּווט אויסגעפֿינען די סאָציאַלע סיבות פֿון דער אַנטשטייאונג פֿון חסידות, די סאָציאַלע פֿונקציעס וואָס חסידות האָט דורכגעפֿירט אין יידישן לעבן, די סיבות פֿון דער ירידה פֿון חסידות און וואָס מיר קענען ירשענען פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג.

דאָס בוך איז געטיילט אין צוויי טיילן. אין ערשטן טייל ווערט באַהאַנדלט חסידות ווי אַ פֿאָלקס-באַוועגונג.

עס ווערט אָנגעוויזן ווי די באַגרינדער פֿון חסידות זיינען אַרויסגעוואַקסן פֿון די יידישע פֿאָלקס-מאַסן און זיי האָבן פֿאַרטיידיקט דעם פּשוטן פֿאָלקס-מענטש. ערשט ווען דאָס חסידות איז קאָנאָניזירט געוואָרן, האָט עס אָנגעהויבן אָוועקצוגיין פֿון איר אור-אידעע. בלויז די פֿאָלקס-רביים, וואָס זיינען געווען אַפֿילו אין די גאָר שפּעטע צייטן פֿון חסידות, האָבן אין זיך געטראָגן דעם גלי פֿון בעש"טס חסידות.

אין צווייטן טייל ווערן געבראַכט בלויז איינצלנע פֿאָלקס־רביים, וועלכע האָבן געלעבט אין פֿאַרשידענע צייטן און אין פֿאַרשידענע לענדער.

דער מחבר האָט די ביאָגראַפֿישע און ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן בנוגע די רביים און ספֿרים וואָס ווערן דערמאָנט אינעם בוך נישט אָנגעגעבן אין טעקסט, נאָר צום סוף פֿונעם בוך, אינעם זוך־צעטל, ווערט ביי די נעמען פֿון די רביים און ספֿרים געגעבן קורצע ביאָגראַפֿישע און ביבליאָגראַפֿישע ידיעות.

מ. א.

ערשטער טייל

די חסידישע לעגענדע אַלס מקור פֿאַר געשיכטס־פֿאָרשונג

דער סאָציאַלער מאָטיוו אין דער חסידישער לעגענדע. — מען דאַרף קענען אויסשיילן דעם קערן פֿון דער חסידישער לעגענדע.

דער קוואַל פֿאַר חסידות־פֿאָרשונג איז נאָך אַלץ די חסידישע לע־גענדע, דאָס חסידישע ווערטל און חסידישע תורהלע. בפֿרט איז דאָס חל ווען מען וויל פֿאָרשן די סאָציאַלע ענדערונגען וואָס חסידות האָט אַריינ־געבראַכט אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אין דער חסידישער לעגענדע ווערט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פֿון די יידן אין שטאָט, אין דאָרף, די סאָציאַלע דיפֿערענצירונגען צווישן די יידן, דער אונטערשיד צווישן פּראָסטאָק און וואויל־לערנער, צווישן אָרעמאַן און גביר און צווישן בעל־מלאכה און באַלעבאָס.

דריי פֿאַזעס זענען דורכגעגאַנגען אין באַציאונג צו דער חסידישער לעגענדע. געווען אַ צייט, אין דעם בלי־פּעריאָד פֿון דער השכלה־עפּאָכע, ווען מען האָט געקוקט אויף דער חסידישער לעגענדע, ווי אויף עפּעס אַ באָבע־מעשה, ווי אויף אַ ווילד אויסטראַכטעניש, וואָס אָפּגעע־שטאַנענע מענטשן, „פֿאַנאַטיקער" האָבן „זיך געקוועטשט הינטער דעם אויוון פֿון בית־המדרש" און דערציילט מופֿתים פֿון די רביים.

די צווייטע תקופה איז געווען די „נעאָ־חסידישע" עפּאָכע, וועלכע האָט שוין דערזען אין דער חסידישער מעשה די פּאָעטישע פֿאָרם, וועלכע האָט שוין באַטראַכט די חסידישע לעגענדע אַלס קוואַל פֿון פֿאָלקס־שאַ־פֿונג און פֿאַרשטאַנען זי איבערצופֿורעמען אין אַ פּאָעטישער און קינסט־לערישער שפּראַך, זי רייניקן און צוריק דערציילן אין פֿאָלקס־סטיל, ווי עס האָבן געטאָן פּרץ, בערדיטשעווסקי, מאַרטין בובער, עגנון און אַנדערע.

ערשט די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין אויך אויס־צונוצן די חסידישע לעגענדע פֿאַר פֿאָרשידענע פֿאָרשונגס־צוועקן;

ערשט לעצטנס האָט מען זיך אָנגעהויבן אַריינטראַכטן, אַז דאָס פֿאָלק האָט נישט סתּם אין דער וועלט אַריין דערציילט מעשׂיות, נאָר מיט יעדער מעשׂה איז דער פֿאָלקס־מענטש, דער פּרימיטיווער דערציילער, עפּעס אויסן געווען און אַז דער דערציילער האָט דעם תּוך זיינעם, דעם עיקר מיין זיינעם איינגעהילט אין פֿאַרשיידענע שאָלעכצן פֿון מופֿתים, אָבערגלייבענישן און דאָס גלייכן. נעמט מען אָבער אַוועק אָט די אַלע זאַכן, שיילט מען אָפּ אָט די אַלע שאָלעכצן און מען לאָזט איבער דעם קערן אַליין, דערזעט מען ערשט, וואָס די אמתע כּוונה פֿון דעם דערציילער איז געווען...

מיט אָט דעם מעטאָד האָט זיך שוין באַנוצט דער גרויסער יידישער היסטאָריקער ש. דובנאָוו אין זיין בוך: „די געשיכטע פֿון חסידיזם". ער האָט פֿאַרשטאַנען צו קאָנען אויסשיילן דעם קערן פֿון דער לעגענדע, אַרויסנעמען דעם עיקר־מיין פֿון דער חסידישער לעגענדע, כּדי אויסגעפֿינען אַ סך היסטאָרישע דאַטעס און איינשטעלן אַ סדר אין די פֿאַרשידענע שיטות און לערעס פֿון חסידות.

וואָרים מיר קאָנען גאָר נישט צוגיין צו פֿאַרשן דאָס אַנטשטיין פֿון חסידות, אויב מיר וועלן זיך נישט באַנוצן מיט דער לעגענדע. מיר ווייסן אַפֿילו נישט אויף באַשטימט ווען און וואו דער באַשאַפֿער פֿונעם חסידות, ר' ישׂראל בעל־שם־טובֿ, איז געבוירן געוואָרן, ווייל אַזוי ווי ער איז געווען אַ פֿאָלקס־קינד, האָט מען אויף אים אין די יונגע יאָרן קיין גרויס אַכט נישט געלייגט. ווילט איר פֿאַרט זיך דערוויסן ווען בערך דער בעש"ט איז געבוירן געוואָרן, מוזט איר אָנקומען צו דער חסידישער מעשׂה.

און לויט דער חסידישער לעגענדע אין „שבחי בעש"ט", געדרוקט געוואָרן אַן ערך 55 יאָר נאָך דעם בעל־שם־טובֿ'ס טויט, איז פֿאָרגעקומען אַן אויסטערלישע מעשׂה מיטן פֿאָטער פֿון בעל־שם־טובֿ, וואָס מיר וועלן זי דאָ איבערגעבן בלויז אין קורצע שטריכן, נעמליך אַזוי: ערגעץ אויף דער גרענעץ פֿון פּאָדאָליע און מאָלדאַוויע, אין אָקאָפּ, האָט געוואוינט אַ יידישע משפּחה, ר' אליעזר, דער פֿאָטער פֿון בעש"ט. ער איז איינמאָל גענומען געוואָרן געפֿאַנגען פֿון די טערקן, געבראַכט געוואָרן אין אַ ווייטער מדינה. דאָרט איז ער צוליב זיין גרויסער חכמה געוואַקסן, ביז ער איז אַזש געוואָרן אַ „שני־למלכות" פֿונעם סולטאַן. האָט אים דער סולטאַן ליב באַקומען און ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער פֿאַר אַ ווייב. מען האָט

מיט איר געשטעלט אַ חופּה, אָבער ר׳ אליעזר האָט זיך צו איר נישט צוגערירט און איר מגלה געווען בסוד, אַז ער איז אַ ייד און אַז ער האָט שוין אַ ווייב. איז צו אים געקומען אליהו הנביא און האט צו אים געזאָגט, אַז דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי ערלעך אויפגעפירט, וועט ער האָבן אַ זון, וואָס וועט באַלייכטן די גאַנצע וועלט. ער איז צוריק אַהיים געקומען, און זייענדיק שוין אַ זקן פון קרוב הונדערט יאָר, האָט זיין ווייב אים געבוירן אַ זון און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישראל... וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער גרינדער פון חסידות.

שיילט מען אַרויס דער קערן פון אָט דער לעגענדע, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן אין אָקאָפּ, נישט ווייט פון קאַמעניעץ, אויף דער גרענעץ צווישן פּוילן און טערקיי נאָך דעם טערקיש־פּוילישן קריג, בערך 1700.

אָט לויט דעם דאָזיקן מעטאָד קאָנען מיר זייער אַ סך זיך דערוויסן פון פאַרשיידענע חסידישע לעגענדעס.

וויל מען דעריבער פאָרשן די חסידישע באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען, וויל מען דערגיין דעם מקור פון חסידות, וויל מען וויסן וואָס פאַר אַ שטעלונג דאָס חסידות האָט געהאַט צום טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן, ווי אַזוי חסידות האָט געקוקט אויף פאַרשיידענע דערשיינונגען פון יידישן לעבן, זאָל מען זיך ווענדן צו דער חסידישער לעגענדע, צו דער חסידישער תורה, צום חסידישן ווערטל, דאָרטן וועט מען געפינען אַן אוצר פון מאַטעריאַל און אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל.

און דער דאָזיקער געביט איז נאָך כמעט אינגאַנצן ניי און נישט באַאַרבעט געוואָרן. כדי אָבער צו מאַכן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונגס־אַרבעט, וואָלט מען געדאַרפט, קודם־כל, צונויפזאַמלען אַלע חסידישע לעגענדעס, די סאָרטירן, צונויפקלייבן אַלע חסידישע ווערטלעך, פּרואוון זען וועלכע זענען עכט־חסידישע און וועלכע ניט, און דערנאָך ערשט אויפן סמך פון די געזאַמעלטע מאַטעריאַלן מאַכן אַ גענויע פאָרשונג.

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז כמעט אַלע חסידישע מעשיות וועגן די ימים־טובים זענען געבויט אויף אַ סאָציאַלן מאָטיוו, וואָס האָט די כוונה צו באַווייזן, אַז דער אָרעמאַן, דער פּראָסטאַק, דער עם־הארץ, דער פאָרגרעבטער ישוב׳ניק, האָט תמיד מער שאַנצען, אַז זיין תפילה זאָל אָנגענומען ווערן אין הימל, ווי די תפילות פון די „שיינע יידן״, די לערנערס און די גבירים...

ווייל אין תוך גענומען, איז דאָך די חסידישע באַוועגונג אין איר אורשפּרונג געווען אַ סאָציאַלע פאָלקס־באַוועגונג אַלס פּראָטעסט קעגן די רבנים, תקיפים און פּרנסים, וועלכע האָבן געקוקט אויפן אָרעמאַן פון אויבן אַראָפּ; איז דאָך די חסידישע באַוועגונג געווען דער ערשטער אום־צופרידענער אויפברויז פון די „הינטערן־אויוון זיצערס" קעגן דער „מזרח־וואַנט".

דערפאַר טאַקע זענען די ערשטע חסידישע לעגענדעס פול מיט מעשיות וועגן דאָרפס־יידן, וועגן פאַכטערס און וועגן „פּדיון שבויים".

האָט איר דערפאַר חסידישע מעשיות ווי אַזוי דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער האָט געהאַקט האָלץ פאַר אַ גוי'אישער יולדת (געווינערין) פאַרטאָג, ווען דער עולם איז געגאַנגען צו סליחות, וואָס די לעגענדע איז געוואָרן אַזוי פיין באַאַרבעט דורך פּרצן. דערפאַר ווערט דערציילט פון דעם זעלבן רבין, אַז ער איז יעדן פרימאָרגן פאַרן גיין אין בית־מדרש אַריין דאַווענען, אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און האָט געזאָגט צו יע־דער אַלמנה „גוט־מאָרגן", כּדי ער זאָל דערפרייען זייערע פאַרביטערטע הערצער...

דאָס חסידות האָט אויך געפירט אַ קאַמף מיט די רבנים און מוסר־זאָגערס. די פירער פון חסידות האָבן זיך אָנגענומען פאַרן אָרעמאַן און פאַרן פּראָסטאַק און האָבן אים געשטיצט קעגן די מגידים און קהל־פאַר־זאָרגערס.

גענוג צו דערמאָנען די מעשה מיטן בעל־שם־טוב:

עס ווערט דערציילט: ר' ישראל בעל־שם־טוב איז אַמאָל געקו־מען אויף שבת קיין אָליק, איז ער איינגעשטאַנען ביים פּרנס־חודש. שבת צו מנחה האָט אין בית־המדרש געזאָגט אַ מגיד מוסר דעם עולם, אַזוי ווי דער סדר איז דעמאָלט געווען, זיי געשטראָפט, אַז מען איז ניט גענוג פרום, אַז מען לערנט ניט, מען דאַוונט ניט ווי געהעריק, ווי דער שטיי־גער פון די מגידים איז געווען. אַז דער בעל־שם־טוב איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער געשיקט רופן פון בית־המדרש דעם פּרנס־חודש. ווען דער פּרנס־חודש איז אַרויס פון בית־המדרש, האָט דער עולם אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, ביז דער מגיד איז געבליבן איינער אַליין שטיין אויפן באַלעמער.

אויף מאָרגן איז דער מגיד געקומען צום בעל־שם־טוב נעמען שלום. פרעגט אים דער בעל־שם־טוב:

— ווער זענט איר ?

— כ׳בין, — זאָגט ער, — דער מגיד, וואָס האָט נעכטן געזאָגט אַ מוסר־דרשה אין בית־המדרש, און איך וואָלט טאַקע געוואָלט וויסן, פאַרוואָס האָט איר אויף מיר אַזוי געצאָרנט ?

— דו, — גיט אַ געשריי דער בעל־שם־טוב מיט טרערן אין די אויגן, — ווּעסט רעדן שלעכטס אויף ייִדן ?! דו ווייסט, אַז ווען אַ ייִד גייט אַ גאַנצן טאָג אַרום אין מאַרק און די אויגן קריכן אים אַרויס צו געפינען אַ גראָשן פרנסה, און ערשט פאַרנאַכט כאַפּט ער זיך : „אוי, ווי, כ׳וועל פאַרשפּעטיגען מנחה אין שטוב !" און ער דאַוונט מנחה שנעל און ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט, ציטערן דעמאָלט אין הימל אַלע מלאכים און שׂרפים ! דערוועגסטו דיך צו רעדן אויף ייִדן ?!

פון דער מעשה זעען מיר, אַז דאָס חסידות האָט פּשוט נישט צוגעלאָזט, אַז מ׳זאָל רעדן שלעכטס אויף די ייִדן, וועלכע האָבן אַן עול פרנסה און האָבן נישט קיין צייט צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און לערנען.

טראַכט איר זיך אַריין אין די חסידישע לעגענדעס, וועט איר זען, אַז קעגן יעדער דערשיינונג, וואָס איז געווען דערווידער דער חסידישער שיטה, האָט מען דערציילט אַ חסידישע מעשה, אַ ווערטל, אַ משל, וואָס האָט אָנגעטייט וועמען מען האָט געמיינט און וואָס מען איז דערמיט אויסן געווען.

באַציאונג פון חסידות צו דאָרפס־יידן

די חסידישע לעגענדע שפּיגלט אָפּ די צייט און אָרט פון יידישן לעבן. — דער בעש״ט חברט זיך מיט פשוטע דאָרפס־יידן. — חסידישע לעגענדעס וועגן דאָרפס־יידן.

די חסידישע לעגענדע פּאַסט זיך תמיד צו צו דער צייט, וואו יידן האָבען געלעבט און מיט וואָס זיי האָבן זיך באַשעפטיקט. מיר קאָנען אָפּ פעסטשטעלן די צייט און דאָס אָרט פון אַ חסידישער מעשה לויט איר אינהאַלט· מיר ווייסן, למשל, אַז אין אַכצענטן יאָרהונדערט האָבן גרויסע יידישע מאַסן זיך קאָנצענטרירט אין די דערפער, אַז כמעט די איינציקע באַשעפטיקונג פון די ישוב׳ניקעס איז געווען אָרענדע פון שענקען. דערפאַר ווערן טאַקע כמעט אַלע חסידישע מעשיות פון יענער צייט זיין וועגן שענקערס און פּריצים.

עס איז ניט וויכטיק צי די חסידישע מעשה ווערט דערציילט וועגן בעל־שם־טוב אַליין, אָדער וועגן אַן אַנדער רבי׳ן, צי דער מופת האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, צי אַנדערש, דער עיקר איז, אַז די מעשה ווערט דערציילט וועגן דאָרפס־יידן, ווייל זיי זענען געווען די ערשטע „אָנהענגער״ פון בעל־שם־טוב.

דאַקעגן, ווען דאָס חסידות האָט אָנגעהויבן אַריינצוציען מער שטאָטישע יידן, בעלי־בתים, טרעפט מען שוין אויך חסידישע מעשיות וועגן יידן סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדעלט אין שטאָט און זענען אַפילו געפאָרן „קיין מרחקים איינקויפן סחורה...״

דערפאַר פילט זיך אַרויס אין יעדער לעגענדע, וואָס דאָס חסידות דערציילט אין דעם ערשטן פעריאָד פון איר אויפבלי, אַ שטאַרקע ליבע צו דעם ישוב׳ניק און דאָס ווערן אַרויסהויבן דעם דאָרפס־ייד קעגן דעם שטאָטישן יידן.

ווייל דער בעל־שם־טוב אַליין איז דאָך אין זיינע יונגע יאָרן, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, געווען אַ שענקער אין אַ דאָרף נעבן קיטעוו, וואָס

זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער האָט אים פֿאַר אים געדונגען, כּדי דער „בעל־שם״ זאָל זיך געפֿינען ווייט פֿון אים. און ווען מען האָט דעם בעש״ט אויסגעדונגען די שענק, וואָס דאָס פֿלעגן זייער אָפֿט טאָן די רייכע אַרענדאַרן, האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און איז געוואָרן אַ מלמד אין דאָרף. דעמאָלט, דערציילט דער „שבחי הבעש״ט״, איז ער געווען אַזאַ גרויסער אָרעמאַן, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ טוזליק פֿון קיטאַי (אַזאַ גראָבער שטאָף) און די פּיס־פֿינגער האָבן אים אַרויסגעשטעקט דורך די לעכער פֿון די צעריסענע שטיוול. „וואָרים ער איז געווען אַ גרויסער עני״.

אָבער אין שטאָט אַריין האָט דער בעל־שם־טוב ניט געוואָלט גיין, נאָר לעבן צוזאַמען מיט די דאָרפֿס־יידן.

און איז אַפֿילו אַמאָל דער בעל־שם־טוב געקומען אין שטאָט אַריין, דערציילט דער קעגנער פֿון חסידות ר׳ דוד מאַקאָוו, פֿלעגט דער בעל־שם־טוב „אַרומגיין איבער די גאַסן און מאַרקן מיטן שטעקן אין דער האַנט און פֿאַר פּשוטע דאָרפֿס־יידן און ווייבער דערציילן מעשיות און משלים...״

נאָר מיט פּשוטע דאָרפֿס־יידן האָט זיך גע׳חבר׳ט דער בעל־שם־טוב.

ווייל דאָס חסידות האָט געוואוסט ווי שטאַרק דער דאָרפֿס־ייד, דער ישוב׳ניק, איז גע׳רודפֿ׳ט געוואָרן דורך די שטאָטישע יידן... דער ישוב׳ניק קומט נאָר אין שטאָט אַריין אויף די ימים נוראים דאַוונען. דערויף זאָרגט זיך שוין קהל, ווייל פֿון זייער קומען אין שטאָט אַריין דאַוונען האָט קהל אַ הכנסה. פֿאַרדינגט מען זיי אַ „שטאָט״ אין שול, פֿאַרקויפֿט מען זיי אַן עליה, מאַכט מען אַ „מי־שברך״, איז דערפֿאַר קהל קעגן דעם, אַז מען זאָל מאַכן מנינים אין די דערפֿער אין די ימים־נוראים.

אָבער דער בעל־שם־טוב האָט זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפֿן אונטער דער „גזירה״ פֿון קהל, און עס ווערט דערציילט אַ חסידישע מעשה, אַז בעת דער בעל־שם־טוב איז נאָך געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף ניט ווייט פֿון לעמבערג, איז אים אויסגעקומען צו דאַוונען שבת פֿאַרן עמוד, האָבן די דאָרפֿס־יידן געזען, אַז דער מלמד ישראליק איז אַ גאַנץ גוטער בעל־תּפֿילה איז זיי איינגעפֿאַלן, אַז זיי זאָלן אים בעטן, ער זאָל זיין זייער בעל־תּפֿילה אויך אויף די ימים־נוראים. ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט דערויף מסכּים געווען און מען האָט ראש השנה געמאַכט אַ מנין אין דאָרף. האָט דאָס שטאַרק פֿאַרדראָסן די ראשי־הקהל פֿון לעמבערג, ווייל קהל האָט געהאַט אַ הכנסה פֿון די דאָרפֿס־יידן, האָט מען באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען

מיט זיי, ווען זיי וועלן קומען אויף יום־כּפּור אין שטאָט אַריין. אָבער די דאָרפס־יידן האָבן געמאַכט אַן אייגענעם מנין אויך אויף יום־כּפּור. האָט קהל אָנגעזאָגט אַלע אַרומיקע שטעטלעך, מען זאָל זיי ניט פאַרקויפן קיין אתרוגים, זענען זיי געווען נעבעך געצוואונגען צו קומען קיין לעמבערג אויף סוכות. האָט קהל אַרויפגעלייגט אויף די דאָרפס־יידן אַ שטראָף, זיי זאָלן פאַר זייער „העזה" מוזן גיין פון די טויערן פון שטאָט אָן, אָנגעטאָן אין די יום־כּפּור'דיקע קיטלען, ביז צו דעם רבס הויז און פון דאָרט אין בית־המדרש אַריין, און אין בית־המדרש וועט מען אויספרואוון דעם „בעל־תּפלה" (ר' ישראל בעל־שם־שוב), צי ער קען דאַוונען אַן גרייזן. מ'האָט דעם „בעל־תפילה" אויך געגעבן אַ שופר אין דער האַנט אַריין און אים געהייסן בלאָזן שופר, צו זען, צי ער ווייסט גענוי ווי אַזוי צו מאַכן די תּקיעות... און אויפן גאַנצן וועג, פון טויער פון שטאָט ביז צום בית־המדרש און אין בית־המדרש, זענען קינדער נאָכגעלאָפן די דאָרפס־יידן און פון זיי חוזק געמאַכט. אָט אַזוי האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט די דאָרפס־יידן, וועלכע האָבן געוואָגט אַליין צו מאַכן אַ מנין אין דאָרף („אמונת צדיקים").

אויך דער בעל־שב־טוב אַליין האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן עם־הארץ, כּדי אַזוי־אַרום זאָל ער ווייזן די שטאָטישע לומדים, אַז אויך דאָרפס־יידן, „גראָבע יונגען", קאָנען אויך זיין ערליכע יידן. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער שוואָגער זיינער, ר' גרשון קיטעווער, דער גרויסער למדן און מרא־דאתרא פון שטאָט, האָט אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן, פון וואַנען ער האָט גענומען אַ געוויסן דין וועגן תּפילין לייגן, האָט אים דער בעל־שם־טוב געענטפערט: „איך האָב עס געזען בספרי טייץ", דאָס הייסט, אין די ידיש־דייטשע ספרים. עס איז גענוג צו דערמאָנען, ווי דאָס רוב לומדים און וואויל־לערנערס האָבן זיך באַצויגן צו די „ספרי־טייץ", כּדי מען זאָל פאַרשטיין די בייסנדיקע איראָניע פון דעם בעל־שם־טוב.

אָבער ניט בלויז צו די פּראָסטע דאָרפס־יידן האָבן זיך די שטאָטישע לומדים באַצויגן מיט ביטול, נאָר אַפילו צום בעל־שם־טוב אַליין. ווען ער איז שוין נתגלה געוואָרן, האָבן די מנהיגי הדור ניט געקאָנט גלויבן, אַז אַ פּראָסטער דאָרפס־מלמד, וואָס חבר'ט זיך מיט די ישוב'־ניקעס און מיטן המון־עם, זאָל זיין אַ בעל־שם. און לויט דער חסידישער לעגענדע, איז אַפילו באַשלאָסן געוואָרן אויף אַן אסיפה פון „ועד

ארבע הארצות" צו שיקן רופן ר׳ ישראלן און מיט אים שמועסן אין לערנען, זען, צי ער איז ניט קיין עם־הארץ.

איז ר׳ ישראל געקומען צו דער אסיפה. דער ראש־המדברים אויף דער אַסיפה איז געווען דער פּרנס ראשון ר׳ אברהם אַבא, געווען איז עס אין דעם טאָג פון ראש־חדש.

רופט מען אַריין ר׳ ישראלן אויף דער אַסיפה און מען נעמט אים אויפן פאָרהער.

„מען זאָגט", רופט זיך אָן ר׳ אברהם צו ר׳ ישראלן, „אַ כבודו איז ניט קיין בן־תורה און דאָך רוט אויף אייך אַ רוח־הקודש, בכן ווילן מיר הערן פון אייך אַ דין. ווי איז, אַז מען פאַרגעסט זאָגן „יעלה ויבא" אין דער שמונה־עשרה?"

„דער דין איז ניט פאַר מיר און ניט פאַר אייך", ענטפערט געלאַסן ר׳ ישראל, „מחמת איר וועט פאַרגעסן אַפילו צום צווייטן מאָל און איך וועל אַפילו ס׳ערשטע מאָל ניט פאַרגעסן..."

אַט אַזוי האָט זיך דער בעל־שם־טוב אָפּגעהאַלטן פון געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף אַ פשוטן דין, ווייל ער האָט געוואָלט, לויט דער חסידישער לעגענדע, אַז מען זאָל אים טאַקע האַלטן פאַר אַ גראָבן יונג און אַ פשוטן עם־הארץ...

די חסידישע לעגענדע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט אַפילו דערהויבן אַ דאָרפס־ייִנגל, וואָס האָט ניט געקענט קיין צורת־אות, אַז זיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל, ווייל לויט דער חסידי־שער שיטה איז ניט וויכטיק וואָס מען דאַוונט, נאָר ווי אַזוי מען דאַוונט, דאָס הייסט, וואָס מען איז מכוון ביים דאַוונען, וואָרין לויט דעם בעל־שם־טובס חסידות איז: „המחשבה נקראה אב לדיבור והדיבור בן" (דער געדאַנק איז דער פאָטער פון וואָרט און דאָס וואָרט איז דער זון), איז ממילא ניט קיין חילוק, וואָס דאָס וואָרט איז, אַבי די מחשבה איז לשם־שמים, פאַר׳ן אויבערשטנס וועגן...

דערציילט די חסידישע לעגענדע די מעשה פון דעם דאָרפס־ייִנגל, וואָס איז געווען אַזאַ עם הארץ, אַז ער האָט ניט געקענט קיין אלף־בית, האָט אים דער פאָטער מיטגענומען איינמאָל אויף יום־כּפּור אין שטאָט אַריין, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אין דאָרף וועט ער נאָך עסן אין דעם הייליגן תענית־טאָג. דאָס ייִנגל האָט גע־האַט אַ פייפעלע, וואָס ער פלעגט דערמיט שפּילן אין פעלד ביים היטן

די סטאָדע. האָט ער דאָס פּייפּעלע מיטגענומען און באַהאַלטן אין דער הויזן־קעשענע. זיצט דאָס ייִנגל אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און זעט, אַז אַלע ייִדן זענען מתפּלל צו גאָט, נאָר ער איינער זאָגט גאָר־נישט, ווייל ער קען אַפילו ניט קיין אלף־בית. צו מוסף ווענדט ער זיך צום פאָטער זיינעם און זאָגט אים: „טאַטע, איך האָב אַ פּייפעלע, ווייל איך אַ פייף טאָן פאַר גאָט!"

„זאָלסט דיך ניט דערוועגן דאָס צו טאָן!" זאָגט אים אָן דער פאָ־טער.

דער דאָרפס־ייִד האָט אַפילו געוואָלט דאָס פּייפעלע צונעמען ביי זיין ייִנגל, אָבער ער האָט עס ניט געטאָרט אָנרירן, ווייל עס איז דאָך געווען מוקצה...

ביים דאַוונען מנחה זעט דאָס ייִנגל, אַז אַלע ייִדן וויינען און קלאָ־גען, און ער קאָן גאָרנישט מיטדאַוונען, ווענדט ער זיך ווידער צום פאָ־טער און זאָגט אים, אַז ער וויל געבן אַ פּייף. בייזערט זיך אויף אים דער פאָטער און האַלט אים צו די הויזן־קעשענע, וואו דאָס פּייפעלע איז געלעגן. און דאָס ייִנגל שטייט אין איין געוויין, ווייל ער קאָן ניט קיין פּייף געבן. ביז עס איז געקומען צו נעילה און דאָס ייִנגל האָט גע־הערט, ווי אַלע ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען: „פּתח לנו שער..." ער זעט יעדער איינער בעט גאָט, נאָר ער אַליין קאָן גאָר־נישט מספּלל זיין, האָט ער זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך געגעבן אַ ריס אַרויס פון פאָטערס הענט און געגעבן אַ פּייף איבער דעם גאַנצן בית־המדרש, אַז אַלע ייִדן זענען דערציטערט גע־וואָרן.

דער בעל־שם־טוב, וואָס האָט דעמאָלט געדאַוונט פאַרן עמוד, האָט שוין דערנאָך שנעל פאַרענדיקט דאָס דאַוונען, און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די חסידים און האָט געזאָגט, אַז ער האָט מקצר געווען מיטן דאַוונען, ווייל דאָס ייִנגל האָט מיט זיין פּייף געשפּאַלטן אַלע זי־בען הימלען! וואָרים דאָס ייִנגל האָט זער שטאַרק געגלוסט צו דאַוונען צוזאַמען מיט אַלע ייִדן, און אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט, האָט ער לכל־הפּחות געוואָלט אַ פּייף טאָן פאַרן אויבערשטנס וועגן, און דאָס וואָס דער פאָטער האָט אים ניט געלאָזט, איז ביי אים דאָס גלוסטעניש נאָך מער געוואַקסן, און דערפאַר, ווען ער האָט שוין יאָ אַ פּייף געגעע־בען, האָט ער עס געטאָן מיט אַזאַ ברען און התלהבות, אַז עס איז אָנ־

גענומען געוואָרן אין הימל מער ווי פון אַלע תפילות פון די יידן, ווייל דער עיקר איז דאָס האַרץ — „רחמנא לבא בעי...״

די חסידישע לעגענדע האָט אויך אַריינגעלייגט אין דעם דאָרפס־יידנס מויל רייד, וואָס פּאַסן נאָר פאַר פּראָסטע מענטשן, ווייל לומדים, שטאָטישע יידן, לערנערס וועלן ניט פאַלן אויף אַזוינע אויפטועז.

אַזוי ווערט דערציילט אַ חסידישע מעשה פון אַפּטער רבין, אַז ער האָט אַמאָל געהערט, אַז אין אַ נעבנדיקן דאָרף איז פאַראַן אַ ייד, וואָס האַלט די אַרענדע ביים פּריץ און ער האט דאָרטן פּרנסה בריוח, בעת אַלע יידן, וועלכע האָבן פריער פאַר אים געהאַלטן די אַרענדע, זענען בדיל־הדל געוואָרן.

איז דאָס דעם אַפּטער רבין געוואָרן אַ גרויסער חידוש, האָט ער באַשלאָסן, ער וועט אַריבערפאָרן צום דאָרפס־ייד און זען, ווי אַזוי ער פירט זיך אויף, פאַרוואָס גאָט שיקט אים צו אַזאַ גוטע פּרנסה.

איז דער אַפּטער רבי געקומען צום דאָרפס־ייד פאַרשטעלטער־הייט און האָט זיך צוגעקוקט צו זיין התנהגות, האָט ער געזען אַז דער דאָרפס־ייד עסט און טרינקט, שלאָפט צו דער צייט און דאַוונט נישט קיין סך. האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די הצלחה איז ביי אים אזוי גרויס, ביז ער האָט אַריינגערופן אין אַ שטיבל דעם דאָרפס־ייד און האָט אים אויסגעזאָגט, אַז ער איז דער אַפּטער רבי און אים געבעטן, ער זאָל אים דערציילן פאַרוואָס ער האָט אַזאַ גוטע פּרנסה.

ענטפערט אים דער דאָרפס־ייד:

מיר איז כסדר זייער שלעכט געגאַנגען. צו וואָס איך האָב זיך ניט גע־נומען האָב איך דאָס גאַנצע געלט פאַרלוירן. איינמאָל רופט מיך אַריין דער פּריץ און הייסט מיך באַצאָלן מיט איין מאָל די גאַנצע ראָטע, וואָס איך בין אים שולדיק געווען. איך האָב שוין געוואָלט פאַרלאָזן די שענק און אַוועק צוריק אין שטאָט־אַריין, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל ניט זיין בכח אַלץ מיט איין מאָל אים צו באַצאָלן. רופט זיך צו מיר אָן מיין ווייב: ווייסטו וואָס? פאָר אין שטאָט אַריין און זוך דיר אויס אַ שותף. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט האַנדלען מיט אַ שותף. איך האָב אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און האָב איינ־געשפּאַנט דאָס פערד און וועגעלע און בין געפאָרן אין שטאָט אַריין. אויפן וועג האָב איך מיך באַרעכנט: צו וואָס דאַרף איך מיר ערשט

אויסזוכן אַ שותף, אַז איך קאָן מיר נעמען אַ שותף, וואָס איז דער בעסטער בעל־בטוח!

האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גרינעם פֿעלד און האָב מתפּלל געווען צו גאָט און האָב אַזוי געזאָגט: „דו האַר פֿון אַלע וועלטן, דו ביזט דאָך אַ משגיח איבער אַלץ וואָס עקזיסטירט, דו טוסט שפּייזן יעדעס לעבעדיקע באַשעפעניש, פֿאַרנעם־זשע מיין געבעט! איך געפין זיך איצט אין אַ שווערער נויט, צווינגט מיך מיין זוגתי, איך זאָל מיר זוכן אַ שותף, בעט איך דיך, ווער דו מיין שותף! איך זאָג דיר צו, אַז פֿון אַלץ וואָס איך וועל פֿאַרדינען, וועל איך זיך טיילן מיט דיר. איך וועל דעם ריוח צעטיילן אויף צוויי טיילן, איין חלק וועל איך נעמען פֿאַר מיר און דעם צווייטן חלק וועל איך צעטיילן צווישן די תלמידי חכמים, צווישן די אָרעמע־לייט, וועלכע גייען איבער דער מדינה קלייבן נדבות״...

און איך האָב אויסגעדרייט דעם פֿערד און וואָגן און בין אַהיים געקומען און האָב דערציילט מיין בני־בית, אַז איך האָב אַ גרויסן שותף באַקומען, אַ ייד אַ גביר־אדיר, וואָס האָט מיר געגעבן גלייך אַן „אַדערויף״ צום מסחר, און איך האָב אַרויסגענומען דעם לעצטן גראָשן, וואָס איך האָב געהאַט און דעם פּריץ אָפּגעצאָלט די ראַטע...

זינט דעמאָלט, האָט דער דאָרפס־ייד אויסגעלאָזט, איז ניט צו פֿאַרזינדיקן, גייט מיר זייער גוט. איך האָב אַ באַזונדער קעסטעלע, דאָרט לייג איך אַריין דעם חלק ריוח פֿאַר „מיין שותף״ און איך אַליין זיץ ביי דער קאַסע און גיב השגחה, אַז מען זאָל „אים״ ניט באַ׳גנבֿ׳־ענען....

אַז דער אָפּטער רב האָט דאָס אויסגעהערט, האָט ער זיך געווענדט צו זיין גבאי און האָט געזאָגט: וואָס האָט איר זיך צו חידושן אויף אַט דעם דאָזיקן מענטשן? גאָט ברוך הוא בכבודו ובעצמו איז דאָך זיין שותף.

חסידות פאַרטיידיקט די דאָרפס־יידן

די באַגרינדער פון חסידות פלעגן איינשטעלן זייער לעבן צו ראַטעווען יידישע שענקער פון פריצישע הענט. — רביים פלעגן אויסלייזן אָרעמע אַרענדאַרן. — חסידישע לעגענדעס וועגן אָרעמע און רייכע אַרענדאַרן.

דאָס חסידות האָט נישט בלויז פאַרטיידיקט די דאָרפס־יידן פון די אָפטע בזיונות מצד די שטאָטישע יידן, נאָר האָט אויך פאַרטיידיקט דעם אָרעמען דאָרפס־ייד, דעם אַרענדאַר, קעגן דעם רייכן יידישן גוט־באַזיצער און פאַכטער.

פון פאַרשידענע חסידישע לעגענדעס קאָן מען זען, אַז די רייכע אַרענדאַרן האָבן אויסגעניצט בלויז פאַר זייערטוועגן די כרוזים און קול־קוראס וואָס די רביים האָבן אַרויסגעגעבן, אַז מען זאָל נישט אויסדינגען די פאַכט איינער ביים צווייטן, און מען זאָל האַלטן פון דער „חזקה", ווער עס איז געזעסן פריער אין גוט דער זאָל ווייטער זיצן.

קעגן אָט די רייכע אַרענדאַרן טרעט אַרויס שוין דער תלמיד פון בעל־שם־טוב, ר׳ יעקב יוסף, וועלכער איז בייז אויף די „יידן וואָס געפינען זיך שטענדיק אין הויף פון פריץ און ניצען אויס זייער ווירקונג אין הויף אויף צו שטאַרקן זיך איבער די יידן"...

אַ חסידישע לעגענדע דערציילט אויך וועגן דער נישט גוטער מידה פון די רייכע אַרענדאַרן, וועלכע „דערשלאָגן זיך ביים פריץ, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין די ראַטע, און אַליין נעמען זיי ביי זייערע אָרעמע אַרענדאַרן יעדעס יאָר אַ הוספה"... (מעשיות ומאמרים יקרים).

בכלל זענען די חסידישע מעשיות פול מיט די אָרעמע אַרענדאַרן, וואָס די רביים האָבן זיך פאַר זיי אָנגענומען און זיי געראַטעוועט פון די פריצישע הענט.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן בעל־שם־טוב אַליין, אַז ווען ער האָט זיך באַזעצט אין מעזשיבוזש, האָט ער געמאַכט אַ „תקנה" צווישן די דאָרפס־

יידן פון זיין געגענט, אַז איינער זאָל ביים צווייטן נישט אויסדינגען די פּאַכט. דער פּריץ האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די יידן האָבן מיטאַמאָל אויפגעהערט צו קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן. האָט ער גע־פרעגט דעם פּאַסעסאָר זיינעם די סיבה דערפון. האָט ער אים געענטפערט, אַז עס האָט זיך באַזעצט אַ בעל־שם־טוב אין שטאָט און ער איז מעניש יעדן איינעם, וואָס דינגט אויס די פּאַכט ביי אַ צווייטן. האָט דער פּריץ גע־שיקט רופן צו זיך דעם בעל־שם־טוב. האָט דער בעש״ט אים אויפגעוויזן, ווי די דאָרפס־יידן לעבן אין גרויס דחקות. איז דאָס האַרץ פונעם פּריץ איבערגעקערט געוואָרן צום גוטן, און ביידע זענען דערנאָך געגאַנגען אָנ־קוקן, ווי אַזוי ס'לעבן נעבעך אין אָרעמקייט די יידישע אָרענדאַרן...

מיט אויסלייזן אָרעמע אָרענדאַרן פון פּריצישע הענט (פּדיון שבויים) האָבן זיך צום מייסטן אָפּגעגעבן דער רבי ר' משה סאַסאָווער און דער רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. זיי האָבן אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, כּדי צו ראַטעווען אָרעמע אָרענדאַרן, וועמען די פּריצים האָבן אַרעסטירט, מחמת זיי האָבן נישט געקאָנט באַצאָלן די ראַטעס.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז דער רבי ר' משה לייב סאַסאָ־ווער געגאַנגען אויפן וועג, האָט ער געהערט פון דערווייטנס אַ יאָמערלעך געוויין. איז ער נאָכגעגאַנגען נאָכן קול, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ קע־לער. האָט ער געזען, אַז אַ ייד זיצט דאָרט פאַרשלאָסן. האָט אים דער רבי געפרעגט, פאַרוואָס ער זיצט תּפוס. האָט אים דער ייד געענטפערט, אַז דער פּריץ האָט אים איינגעזעצט, ווייל ער האָט נישט געהאָט צו באַצאָלן די ראַטע פאַר דער שענק, וואָס ער האָט געדונגען. האָט ר' משה לייב זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מיט זיך אַ לעבל ברויט, וואָס ער האָט מיטגענו־מען אויף „צידה לדרך״ און אַ גילדן רענדל. האָט ער קודם כּל אַריינגע־וואָרפן דאָס לעבל ברויט אין קעלער אַריין, דער ייד זאָל האָבן מיט וואָס דאָס חיות צו דערהאַלטן, און דערנאָך איז ער באַלד געלאָפן צום פּריץ און האָט אים אַוועקגעגעבן דאָס גילדערנע רענדל.

פון די פאַרשידענע חסידישע לעגענדעס, וואָס ווערן דערציילט וועגן די אָרעמע אָרענדאַרן וועלכע האָבן נישט געהאָט צו באַצאָלן דעם פּריץ די ראַטעס, זעען מיר, אַז די פּריצים פלעגען די דאָזיגע אָרענדאַרן פּשוט פאַרשקלאַפן, מאַכן זיי פאַר „לייב־אייגענע״. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס זענען נישט קיין לעגענדעס, נאָר פאַקטן, וועלכע האָבן זייער היס־טאָרישן מקור. אַלס באַוויז קאָן דינען אַן אויסצוג פון אַ טאָג־בוך פון אַ

פּוילישן פּריץ פֿון 18טען יאָרהונדערט, יאַן דוקלאַן אָכאַטסקי. ער שרייבט:

„יאַנואַר 5 (1774). דער אַרענדאַר הערשקאָ האָט מיר נאָך נישט אָפּ־געצאָלט די ראַטע פֿאַר דעם פֿאַרגאַנגענעם טערמין, 91 טאַלער. איך בין געווען געצוואונגען צו מאַנען מיט געוואַלט. לויטן אָפּמאַך, מעג איך, אויב ער צאָלט נישט וואָס עס קומט מיר, אים אַריינזעצן אין תּפֿיסה, צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינט, אויף וויפֿיל צייט איך וויל. נעכטן האָב איך געהייסן אים בינדן מיט שטריק און אים פֿאַרשפּאַרן אין חזיר־שטעלכעל. נאָר זיין ווייב מיט די „בחורים" האָב איך געלאָזט אין קרעטשמע. מער נישט, זיין יינגל לייזיא (לייזער) האָב איך אַריינגענומען צו מיר אין שטוב אַריין און געהייסן מען זאָל אים לערנען דעם קאַטעכיזם און תּפֿילות. דאָס יינגל איז זייער אַ גערעאָטענס. איך האָב בדעה אים אָפּצושמדן און איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם צום ביסקופּ... לייזיאָ האָט צוערשט נישט גע־וואָלט זיך צלמען און איינחזרן אונדזערע תּפֿילות. אָבער סטרעלעצקי (דער פֿאַרוואַלטער פֿון מאַיאָנטעק) האָט אים געגעבן שמיץ, און היינט האָט ער שוין געגעסן חזיר.. דער גלח פֿון אונדזער קירכע האָט שטאַרק געשוויצט, ביז ער איז בייגעקומען די עקשנות פֿון דעם יינגל.

און אין דריי וואָכן שפּעטער פֿאַרצייכנט דער פּריץ:

„געקומען יידן פֿון בערדיטשעוו, אָפּגעצאָלט הערשקאָס חוב און גע־געבן אַ מתּנה — אַ זייל צוקער און צען פֿונט שלעכטע קאַווע. איך האָב באַ־פֿוילן אַרויסצולאָזן הערשקאָן אויף דער פֿריי. אָבער זיין יינגל האָב איך געוואָלט פֿאַרהאַלטן ביי מיר. וואָרום ער האָלט דאָך שוין ביים אַריינגיין אין דער קאַטוילישער אמונה. נאָר די יידן האָבן זיך אַזוי געבעטן, אַז איך בין געווען געצוואונגען אויך אים צו באַפֿרייען. נאָר איך בין זיכער, אַז הערשקאָ וועט ווידער אַמאָל נישט צאָלן צו דער צייט, און לייזיאָ וועט סוף כּל סוף אַריינפֿאַלן צו מיר אין האַנט אַריין, און ער וועט זיך אָפּשמדן!" (געבראַכט אין דער הקדמה פֿון ש. דובנאָוס בוך: „געשיכטע פֿון חסידיזם").

מיר קאָנען אָננעמען, אַז די יידן, וואָס זענען געקומען פֿון בער־דיטשעוו אויסלייזן דעם אַרעסטירטן אַרענדאַר, זענען געווען חסידים, וועל־כע האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט „פּדיון שבויים".

אָפּטמאָל האָט זיך אַ פּריץ דערלויבט לוסטיק צו מאַכן איבער די יידן און זיי צו פּייניקן, און קיינער האָט אים נישט געקאָנט שטערן.

אַזוי איז באַקאַנט, אַז דער סטאַראָסטע פֿון דער שטאָט קאַניעוו האָט אַמאָל דערהרגעט אַ יידן, אַן אַרענדאַר פֿון זיינעם אַ שכן. האָט ער דעם

שכן, אַ פּריץ, געוואַלט פּאַרגיטיקן, האָט ער געהייסן אָנלייגן אַ פּולען וואָגן מיט יידן, צופירן זיי ביזן טויער פון זיין שכנס הויז, און זיי דאָרט אַראָפּגעוואָרפן אויף דרערד, אַזוי ווי מען וואַרפט אַראָפּ זעקלעך קאַרטאָפּעל. דער זעלביקער סטאַראָסטע האָט זיך אַמאָל דערלויבט צו באַפעלן די יידישע פרויען פון דאָרף אַרויפצוקריכן אויף די ביימער און שרייען ווי קוקאַוקעס, דערנאָך האָט ער אויף זיי געשאָסן מיט אַ גֶעיעג־ביקס. און אַז די אומגליקלעכע פרויען זענען אַראָפּגעפאַלן פון די ביימער פאַרוואונדעטע, האָט ער זיך פרעהלעך צעלאַכט און זיי צוגעוואָרפן גילדערנע רענדלעך..

די אָרעמע אַרענדאַרן האָבן אָבער געהאַט אויסצושטיין נישט בלויז פון די פריצים און פון די רייכערע אַרענדאַרן, נאָר אויך פון די רבנים אַליין, וועלכע פלעגן פון זיי שלעפן געלט, וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט ..

קעגן דעם טרעט טאַקע אַרויס דאָס חסידות, און די רביים שרייען, אַז די רבנים האָבן זיך פאַרלייגט אויף די אָרימע ישובניקעס און נעמען ביי זיי צופיל „מתנות" — פאַרן אָרום אין די דערפער חנוכה־צייט צו נעמען „חנוכה־געלט" . . .

אין די „שבחי הבעש"ט" ווערט דערציילט, אַז די רבנים, וועלכע פאָרן נאָך חנוכה־געלט, מיידן נישט אויס דעם אָרעמסטן און פאַרגרעבטסטן שענקער. און ווען דער רב קומט אַריין צו אַן אָרעמען שענקער, פילט ער זיך גאַנץ פריי . . . „וואָס וועל איך דאָ עסן ?" — פרעגט ער דעם שענקערס ווייב, נישט וואַרטנדיק אַפילו ביז די גאַסט־פריינדלעכע דאָרפסלייט וועלן אים מכבד זיין . . . און דאָס חנוכה־געלט ווערט שוין אַ צוואַנג־אָפּצאָל . . .

קעגן אָט דעם נייעם „שטייער", וואָס די רבנים האָבן אַליין איינגעפירט, טרעט אויך שטאַרק אַרויס דער תלמיד פון בעל־שם־טוב, ר' יעקב יוסף, אין זיין ספר „תולדות יעקב יוסף" (זייט 172). „אַמאָל פלעגן די רבנים אויך אַרומפאָרן חנוכה־צייט. אָבער דאָס איז געווען, כדי צו פירן די ישוב'ניקעס אויפן דרך הישר. זיי פלעגן נישט באַקומען דערפאַר קיין שום באַלוינונג. אָבער אין די איצטיקע דורות, ווען די מורא פאַר גאָט ווערט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט, פאָרן די רבנים אַרום אין די דערפער, נישט כדי אַכטונג צו געבן אויף די דאָרפס־ענינים, נאָר כדי אָנצוקלייבן מתנות. נאָכדעם ווערט עס שוין אַ חוק, און מען נעמט ביי די אָרעמע דאָרפסלייט מיט געוואַלט . . ."

אויך די רביים זענען געגאַנגען אין די דערפֿער. האָבן באַזוכט די יידישע אַרענדאַרן. אָבער זיי זענען געגאַנגען אויסגעפֿינען, ווי אַזוי עס לעבט זיך דעם יידישן אַרענדאַר. און טייל רביים, ווי למשל, דער רבי ר׳ אלימלך און דער רבי ר׳ זושא, זענען פֿריער אַרומגעגאַנגען „גלות אָפּ־ריכטן״ אין פֿאַרשידענע דערפֿער, כּדי זיך צו באַקענען מיטן ביטערן גורל פֿון די יידן, ווער די רייכע יידן זענען, וויסן וואָס עס פֿעלט די אָרעמע יידן, כּדי דערנאָך צו קאָנען בעטן גאָט, ער זאָל זיי העלפֿן...

אַזוי דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז ווען דער רבי אלימלך איז געגאַנגען אָפּריכטן גלות, איידער ער איז „נתגלה״ געוואָרן, גע־וואָרן אַ רבי, איז ער געגאַנגען פֿאַרשטעלטערהייט, אָנגעטאָן אין קורצע מלבושים, אַ גאַרטל פֿון שטרוי אַרומגעגורט אַרום זיינע לענדן און צוויי קאַלטענעס האָבן אים נאָכגעהאַנגען פֿון דער באָרד. איז דער רבי ר׳ אלימלך איינמאָל געקומען, אין אַט דעם הילוך, אין שטעטל זשאַרנאָוויצי, איז ער געגאַנגען צום פּרנס החודש, ער זאָל אים דערלויבן צו האַלטן אַ דרשה אין בית־המדרש, אַז דער פּרנס החודש האָט אָנגעקוקט דעם „פֿאַרשוין״, וואָס וויל האַלטן אַ דרשה, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וועט נישט דערלאָזן אַז אַזאַ פּראָסטאַק זאָל רעדן פֿאַר יידן. אָבער דער רבי ר׳ אלמלך האָט אים געבעטן, ער זאָל אים דערלויבן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער ביים דאַוונען — איז דער פּרנס החודש אַזוי בייז געוואָרן אויף אים, אַז ער האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון קהל־שטיבל („עשר צחצחות״).

אַט אַזוי האָבן זיך באַצויגן די קהל־לייט צו די פֿאַרשטעלטע רביים. מען האָט זיי נישט דערלויבט צו האַלטן דרשות אין די בתי־מדרשים, ווייל מען האָט זיי אַליין געהאַלטן פֿאַר גראָבע יונגען.

דאָס חסידות האָט אויך געוואָלט, אַז דער דאָרפֿס־ייד זאָל זיין אַ מאַמין, אַ תּמים, ער זאָל זיך נישט קיין סך אַריינחקרענען נאָר מיט זיין תּמימותדיק האַרץ זאָל ער דינען גאָט.

אַלס אילוסטראַציע איז אינטערעסאַנט די חסידישע מעשה וועגן אַ דאָרפֿס־ייד און דעם רבין ר׳ זושא.

געוועזן אַ פּראָסטער ייד, אַן אַרענדאַר, ווערט דערציילט, וואָס איז כּמה יאָרן געפֿאָרן צום רבין ר׳ זושא קיין אַניפּאָליע און אים געגעבן פּדיונות.

איינמאָל איז דער אַרענדאַר געקומען צום רבין ר׳ זושא און דעם רבין נישט געטראָפֿן אין דער היים.

פרעגט דער דאָרפס־ייִד אין גבאים־שטוב: „וואו איז דער רבי?" ענטפערט אַ גבאי:

„ער איז געפאָרן צום רבין זיינעם, קיין מעזריטש, צום מגיד."

„אַזוי?" מאַכט דער אַרענדאַר, „מיין רבי האָט אויך אַ רבין, טאָ צו וואָס־זשע דאַרף איך פאָרן צו אים, קאָן איך דאָך אויך פאָרן צו וועמען ער פאָרט?"

איז דער אַראַנדאַר געפאָרן קיין מעזריטש, צום מגיד, און אים אָפּ־געגעבן אַ קוויטל.

גראָד האָט דער אַראַנדאַר דאָס יאָר געהאַט אַ שלעכט יאָר און ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון זיין גוטן מעמד.

האָט דאָס ווייב זיינס אים אָנגעהויבן צו יאָדען:

„רעכט אויף דיר! פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון אַלטן רבין?"

פאָרט דער אַרענדאַר אַוועק צום רבין ר׳ זושא און דערציילט אים די גאַנצע מעשה און חידושט זיך:

„כל־זמן איך בין געפאָרן צום רבין, האָב איך מצליח געווען, אַז איך בין אָבער געפאָרן צום רבינס רבין, האָט זיך די הצלחה אָפּגעטאָן".

„פאַרשטייסטו מיך", ענטפערט אים דער רבי ר׳ זושא, „כל־זמן דו האָסט געגעבן אַ פּדיון אַבי וועמען, אַ זושאן, האָט השם־יתברך אויך געגעבן אַבי וועמען, אָבער אַז דו האָסט אָנגעהויבן צו זוכן מיוחסים צו געבן, זוכט גאָט אויך מיוחסים צו געבן..."

חסידות האַלט מיט די אָרעמע קעגן די רייכע

געווען יידישע גבירים וואָס האָבן זיך געפירט ווי פּריצים. — ווי די רביים האָבן זיך פאַרהאַלטן צו די דאָזיקע גבירים. — די חסידישע לעגענדע ווי אַזוי דער בעל־ש־טוב באַגעגנט זיך מיט דעם אוקראַינישן רויבער—דאָבאָש.

חסידות איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן די גבירים, וועלכע זענען געווען זייער אָנגעלייגטע מענטשן ביי די פּריצים. אַ סך יידישע גבירים האָבן זיך אַליין פאַרהאַלטן אין שטעטל ווי פּריצים, און גאַנץ אָפּט האָט זיך דער נגיד, דעם פּריצס אַרענדאַר, געפילט, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער שפּייזער פון די יידן, אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די שטאָטישע פאָלקס־מאַסן זענען אָפּהענגיק פון אים, פּונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט נאָר אין זיין זכות.

אַזוי, למשל, קאָנט איר טרעפן אין אַ חסידישער דערציילונג וועגן דעם קאָוולער גביר זוסמאַן, וועלכער איז פאַרבונדן מיטן „הויף" און איז אַ גאַנצער „כל־ולך" אין שטעטל, און אַז ער גייט טאַקע אַמאָל פרייטאָג אין „שלאָס" אַריין, מוז דער גאַנצער עולם אין שול וואַרטן אויף אים מיטן **דאַוונען ביז שפּעט אין אָוונט, ווען ער קומט צוריק פון פּריץ...**

און נישט נאָר דער גביר אַליין איז אַ גאַנצער תקיף אין שטעטל, נאָר אויך זיין ווייב פילט זיך ווי אַ פּריצטע און וואַרפט אַרויף אַ פּחד אויף אַלע יידן („שבחי הבעש"ט").

און טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ גביר געפינט זיך אין אַן עת־צרה און ער אַליין דערמאָנט זיך, אַז עס איז פאַראַן אַ רבי, צו וועמען מען קאָן קומען בעטן, מתפלל זיין, לאָזט אָבער נישט צו דער המון־עם, אַז דער רבי זאָל זיין בקשה דערפילן...

אַזוי ווערט דערציילט וועגן די באַוואוסטע סלוצקער גבירים, וועלכע זענען געווען שטרענגע מענטשן און האָבן שטאַרק אונטערדריקט די קליינע יידישע אָרעמע אַרענדאַרן, אַז איינמאָל זענען זיי אַליין געווען אין אַ גרויס

אומגליק, ווייל דער פירשט האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ גרויסע שטראָף, פּרייט זיך דער שטעטלדיקער המון מיט זייער מפּלה און זיי שיקן אַ שליח־מיוחד צום בעל־שם־טוב אים בעטן, ער זאָל פאַר די גבירים נישט מתפּלל זיין . . .

אַז די גבירים, — די, וועלכע זענען געוועז „פּאַני־בראַט" מיט די פּריצים, — האָבן אונטערדריקט די שטעטלשע יידן, אַזוי דאָס די יידן האָבן אויף זיי געטראָגן אַ האַס, דערוויסן מיר זיך נישט בלויז פון דער חסידישער לעגענדע, נאָר מיר האָבן אויף דעם היסטאָרישע מאַטעריאַלן. אַזוי, למשל, ווערט דערציילט אין דער אַנקלאַגע פונם גוטסבאַזיצער יאַקאָוו סקאַלסקי אויף די בריסקער יידן, אין יאָר 1701, דער פאָלגנדער פאַקט:

דער פאַקטאָר פונם פּריץ, יודע איזראַילעוויטש, איז געוועזן זייער איבערגעגעבן נישט בלויז זיין פּאַן, נאָר אויך אַלע איבריקע שליאַכטשיצעס, מיטהעלפענדיק זיי רייך צו ווערן. ווען יודע איזראַילעוויטש איז אַריבערגעפאָרן פון זיין אייגן הויז אין טשערנאַווטשי, בריסקער גובערניע, קיין בריסק, האָבן אים די יידן געוואָרנט, ער „זאָל זיך אָפּזאָגן צו האָבן באַציאונגען מיט די פּריצים"; ווען נישט, — האָבן זיי אים געדראָט, — וועלן זיי אים לייגן אין חרם אריין. אַ טערעספּאָליער ייד, מיטן נאָמען יום־טוב, ביי וועמעס שוואָגער יודע האָט אָפּגענומען צוויי טויזנט פּוילישע גילדען, וואָס ער איז שולדיק געוועזן דעם פּריץ, האָט אים פּשוט געדראָט מיט טויט. מיט דעם זעלבן האָט אים אויך געדראָט דער שניידער יוסף און זיין זון.

אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט זיך דער גביר יודע געפילט זיכער און ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון די אַלע „סטראַשונקעס", ביז דער סוף איז געווען, אַז איינמאָל, שבת־צו־נאַכטס, האָבן אים אַ גרופּע יידן אָפּגעוואַרט, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאַוונען פון דער שול, האָבן אים אַרומגערינגלט און אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער. זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט שטעקענס, ביז ער האָט פּשוט אויסגעהויכט די נשמה; דערנאָך האָט מען זיין קערפּער אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, און די איבעריקע יידן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין וואוינונג און צעראַבירט זיין פאַרמעגען (פאַרצייכנט אין רוסישן: „רעגיסטי אי נאַדפּיסי", נומער 1349).

און וויפיל די חסידישע לעגענדע זאָל זיך נישט באַציִען שלעכט צו די רייכע „הויף־יידן", האָט זי אָבער פּאָרט געוואוסט צו מאַכן אַן אונטערשיד צווישן דעם יידישן רייכן פּאַכטער און דעם פּריץ אַליין; האָט זי פּאָרט פאַרשטאַנען, אַז דער יידישער פּאַכטער איז אפשר אַליין אַזוי ווייט נישט שולדיק, ווייל ער ליגט אונטער די קאַפּריזן פון דעם רייכן פּריץ, ווייל ער איז גאָר אַ שפּילכל אין פּריצס הענט...

אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ ברענגען אַ חסידישע לעגענדע.

עס איז באַקאַנט, אַז מיט אַן ערך צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט גע־לעבט אַן אוקראַאינישער רויבער, מיטן נאָמען דאָבאָש. די אוקראַאינישע פּויערים דערציילן זיך אָן פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם רויבער, וועל־כער איז געווען „אַ רויבער מיט אַ גוט האַרץ", ווייל ער האָט צוגענומען דאָס געלט ביי די רייכע און עס אַוועקגעגעבן צו די אָרעמע פּויערים.

אויך די חסידישע לעגענדע האָט געפונען פאַר נויטיק צו דערציילן וועגן אָט דעם רויבער אַ מעשה, ווי אַזוי דאָבאָש האָט זיך אַמאָל באַגעג־נט מיטן בעל־שם־טוב... (דער דאבאש־מאָטיוו איז אויך אויסגענוצט געוואָרן אין די לידער פון דעם דיכטער נפתלי גראָס און אין אַ דערציילונג פון בער האָראָוויץ).

מיר וועלן איבערגעבן די לעגענדע אין דער זעלבער פאָרם, אַזוי ווי מיר האָבן זי געהערט דערציילן.

דער באַנדיט דאבאש איז געווען אַ זון פון אַ לייב־אייגענעם, וועלכער האָט געאַרבעט ביי אַ פּריץ, וואָס איז געווען אַ גרויסער אכזר און אַ שלעכ־טער מענטש.

פאַר יעדער מינדסטער זאַך האָט דער פּריץ גלייך געהייסן שמייסן מיט נאַסע ריטער.

ביים פּריץ אין הויף איז אויך געווען אַ יידישער אָרענדאַר, יאַקעל, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער „מחותן" מיטן פּריץ און האָט געהאַט אַ שענק ביים וועג פון הויף, וואו די פּויערים פלעגן זיצן און טרינקען.

איינמאָל האָט זיך דאָבאָשס פאָטער פאַרזינדיקט ביים פּריץ. ער האָט אַליין אָפּגעשניטן אַ וואָגן היי פון פעלד, עס פאַרקויפט צו אַ שטאָטישן יידן, און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט האַלטן דאָס געלט ביי זיך, האָט ער עס אַוועקגעגעבן דעם שענקער יאַקעל און אין משך פון אַ פּאָר טעג האָט ער דאָס גאַנצע געלט פאַרטרונקען.

מען איז אין הויף געוואָר־געוואָרן פון אַט דער גנבה און דער פּריץ האָט דעם פּויער באַשטראָפט מיט שמיץ. אָבער כּדי די פּויערים פון זיין הויף זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר האָט ער אים געהייסן שמייסן פאַר זיי אַלעמען אין די אויגען; דערביי האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די קינדער און דאָס ווייב פון דעם פאַרשולדיקטן פּויער מוזן אויך זיין אויפן פּלאַץ, זיי זאָלן צוזען און גוט געדענקען, וואָס מען טוט מיט אַ פאַר־זינדיקטן לייב־אייגענעם.

און מ׳האָט דאַבאָשעס פאָטער געבראַכט אַ געבונדענעם אויפן פּלאַץ אין מיטן הויף אַריין. דאַבאָש איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין פּאַסטוכל און ער האָט געמוזט צוקוקן, מיט טרערן אין די אויגען, ווי דער פּריץ הייסט זיינע וועכטער נישט צו זשאַלעווען קיין שמיץ, און אַריינציילן אין דעם פּויער פערציק נאַסע שמיץ. דער פּויער האָט אָבער באַלד פון אָנהויב אָוועקגעחלשט און האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. איז זיין ווייב געפאַלן דעם פּריץ צו די פיס און האָט אים געבעטן, ער זאָל אָפּשטעלן דאָס שמייסן, אָבער דער פּריץ האָט זי געגעבן אַ בריקע מיט זיין פוס און מ׳האָט ווייטער געשמיסן, ביז דער פּויער איז געבליבן ליגן אַ טויטער אויף דער ערד.

דער קליינער פּאַסטוך, דאַבאָש, האָט דעמאָלט גלייך געשוואָרן צו נעמען אַמאָל נקמה אין דעם פּריץ און אין אַלע פּריצים, וואָס פּייניקן אַזוי שטאַרק די פּויערים.

און ווען דאַבאָש איז אונטערגעוואַקסן האָט ער אין הויף געגנבעט אַ ביקס און איז אַוועק אין די בערג. ער האָט צונויפגעזאַמלט די אַלע יונ־גע פּאַסטוכער און איז געוואָרן דער עלצטער פון אַ רויבער־באַנדע. ער פלעגט אָפּט מאַכן אויף די הויפן פּלוצימדיקע אָנפאַלן, צורויבן גאָלד און צירונג און עס צעטיילן צווישן די אָרעמע פּויערים אין פאַרשידענע דער־פער; פאַר זיך אַליין האָט ער נאָר אַראָפּגענומען אַזוי פיל, וויפיל ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיינע רויבער...

דאַבאָש מיט זיין באַנדע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די בערג צווישן די קאַרפּאַטען און די ביסקידן; יונגע פּויערים האָבן איבערגעלאָזן זייערע כאַטעס און זיך געזאַמעלט אַרום אים, פלעגן צוזאַמען מאַכן איבערפאַלן אויף די וועגן און צורויבן ביי די דורכפאָרנדיקע פּריצים אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

גערויבט האָט דאבאש נאָר ביי די פּריצים, די פּשוטע פּויערים האָט ער נישט געטשעפּעט. אַן אויסנאַם האָט ער נאָר געמאַכט מיט די יידן. ביי זיי פֿלעגט ער רויבן, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווייל דאָבאָש האָט גע־טראָגען אַ שטאַרקען האַס צו דעם יידן יאָקעל דער שענקער, וועלכער איז געווען אַ הויף־ייד, און האָט צוגענומען פון די פּויערים דאָס גאַנצע געלט, פאַרקויפנדיק זיי משקה...

דאָבאָש האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן די עוולה, וואָס דער יידישער שענקער יאָקעל האָט געטאָן זיין פאָטער, וואָס ער האָט ביי אים צוגענו־מען דאָס געלט פאַרן געגנבעטן היי און אים דערפאַר געגעבן בראָנפן וויפיל דער פאָטער האָט געוואָלט, און דאבאשן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די יידן, די שענקערס, האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די פּריצים צו פאַר־שקלאַפן די פּויערים... האָט דערפאַר דאבאש פיינט געהאַט אַלע יידן און פלעגט זיי אַלע באַרויבן און דאָס געלט צעטיילן צווישן די אָרעמע פּויערים.

מאַכט זיך איינמאָל אַ צופאַל, אַז דאבאש קומט מיט זיין מחנה רויבערס אין די בערג, צווישן קיטעוו און קאָסאָוו, שטעלט דאָרט אויף זיין לאַגער, און פלוצלינג דערזעט ער, אַז אין אַ זייט, צווישן געדיכטע ביימער, גע־פינט זיך עפּעס אַ קליינע כאַטקע. דאבאש האָט צוערשט מורא געהאַט צו־צוגיין צו דער כאַטקע, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז אפשר האַלטן זיך דאָרט אויף פּריצישע היידעמאַקעס, וועלכע האָבן אים געוואָלט כאַפּן. האָט דאָבאָש צוערשט געשיקט איינעם פֿון זיינע רויבער זען, ווער עס גע־פינט זיך אין דער כאַטקע. דער רויבער איז באַלד צוריקגעקומען און האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָרט געטראָפן אַ מענטשן, עפּעס מאָדנע אָנגעטאָן, וועלכער האָט אַרומגעטאַנצט אין מיטן שטוב; דערנאָך האָט ער גענומען אַ לאָפּעטע און געגראָבן ליים פון אַ גרוב און עס אַרויפגעלייגט אויף אַ וועגעלע.

דערווייל איז געוואָרן פאַרנאַכט, האָט דאבאש פלוצלינג דערזען, אַז דער זעלבער מאָדנער מענטש גייט אַרויס פון דער כאַטקע, אָנגעטאָן אין אַ פאָר גרויסע שטיוואַלעס, מיט אַ שמויסן היטל אויפן קאָפּ און אַ „קאָזשוך־פעלץ". צוערשט האָט דאָבאָש געמיינט, אַז דער פרעמדער איז אַ טאָטער אָדער אפשר גאָר אַ טערק, אָבער דערנאָך האָט ער געזען, ווי דער מענטש נעמט זיך שאָקלען, „מאָדליעט" זיך (דאַוועגט), מאַכט מיט די הענט, טאַנצט כסדר אַרום צווישן די בערג, און דערנאָך נעמט ער אַרויס פון קלומעקל

א שטיקל פאַרדאַרט ברויט, וואַשט זיך די הענט און נעמט עסן (לויט דער לעגענדע פון ספר „שבחי הבעש״ט״ זענען זיך דעמאָלט צוויי בערג צונויפגעקומען בשעת דער בעל־שם־טוב האָט געדאַוונט). איז דאַבאַשן זייער געפעלן געוואָרן דאָס אויפפירן זיך פון דעם מאָדנעם מענטשן, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געפרעגט, ווער ער איז; האָט אים יענער געענטפערט, אַז ער הייסט „ישראל דער ליים־פירער״. איז דאבאש געוואָרן אַ גוטער פריינט פון ישראל דעם ליים־פירער און ער האָט אים דערציילט, ווער ער איז און וואָס זיין טאָן איז...

האָט ישראל דער ליים־פירער געהערט, אַז צווישן די יידן מאַכט נישט דאבאש קיין שום אונטערשייד פון אַ רייכן ביז אַן אָרעמאַן, אַז ער רויבט ביי אַלעמען גלייך; האָט ער אים געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז עס זענען פאַראַן אויך יידן, וועלכע זענען קנעכט ביי די פריצים גלייך מיט די אַנדערע פויערים.

— אַ, ניין! — האָט דאבאש אויסגערופען, — דאָס וועל איך מיר נישט לאָזן איינרעדן, אַלע יידן לעבן גוט מיט די פריצים, און בפרט די יידישע שענקערס!... אַלע נעמען צו דאָס געלט ביי דעם אָרעמען פויער און גיבן עס אַוועק די פריצים!

— ניט אמת! — האָט ישראל דער ליים־פירער געגעבן אַ געשריי, אַז די בערג האָבן אַזש אַ ציטער געטאָן, — דאָס רוב יידן אין די שטעטלעך זענען גרויסע אָרעמעלייט און ליידן דחקות. און בפרט נאָך די יידישע שענקערס, וועלכע מוזן צושטעלן דעם פריץ יעדן חודש אַ געוויסן סכום לייזעכץ פאַר בראַנפן און פאַר אַנדערע משקאות; ווען נישט, ווערן זיי אַליין אַריינגעזעצט אין פינצטערע קעלערס און ווערן געשמיסן גלייך מיט די פויערים; מיין ניט, אַז אַלע יידן גייט עס גוט; זיי זע־נען געיאָגט און געפלאָגט פון אַלע זייטן און קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום, — האָט זיך ישראל דער ליים־פירער צעוויינט אויף אַ קול.

— אַ, וויין נישט, „סרול״, — האָט אים דאַבאַש אַרומגענומען און אים געקושט אויף די אַקסלען, — דיך האָב איך ליב, אַזעלכע יידעלעך ווי דו ביזט וועל איך קיינמאָל נישט טשעפּן, דו ביזט אַ גוטער און אַ וואוילער.

— איך בין דער ערגסטער פון אַלע יידן, — האָט זיך ישראל דער ליים־פירער געקלאַפּט אין הארצן אַריין, — גלויב, דאבאש, וואָס איך זאָג דיר.

און ישראל דער ליים־פירער האָט אָנגענומען דאבאשן ביי דער האַנט און האָט אים געפירט אין דערנעבנדיקן דאָרף אַריין, און ביז זיי זענען אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט; האָט אים ישראל צוגעפירט צו אַ פּריצס הויף און אים געהייסן אַריינקוקן דורך אַ שמאָלן שפּאַלט אין קעלער אַריין.

האָט דאבאש געזען, ווי אַ ייד, אַ שענקער, וועמען דאבאש האָט גע־קענט, ליגט געבונדן אין קייטן און זיין פּנים איז ברוין און בלוי פון די שמיץ, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פון פּריץ, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן די ראַטע...

און ישראל דער ליים־פירער האָט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעפירט דאבאשן פון איין פּריצישן הויף צו אַ צווייטן, און כמעט אומעטום האָט ער געזען דאָס זעלבע: ווי יידן שמאַכטן אין די פּריצישע תּפיסות, ווייל זיי האָבן נישט צו באַצאָלן צו דער צייט די ראַטעס.

איז דאָס האַרץ פון רויבער דאבאש ווייכער געוואָרן, און ער האָט גע־געבן ישראל דעם ליים־פירער די האַנט און געשוואוירן, אַז ער וועט מער נישט אַנפאַלן אויף אַלע יידן, און אויב ער וועט אַמאָל באַרויבן אַ יידישן גביר, וועט ער דאָס געלט צעטיילן צווישן די יידישע אָרעמעלייט, פּונקט אַזוי ווי ער טוט עס מיט געלט פון די פּריצים.

און דאבאש האָט זיך געפונען מיט זיין גאַנצן לאַגער לעבן דער כאַטקע פון ישראל דעם ליים־פירער, ביז איינמאָל זאָגט ער צו ישראלן:

— „סרול"! איך זע, אַז דו ביזט אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ; אויך דו קאָנסט נישט פאַרטראָגן די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן דיין פאָלק; פאָלג־זשע מיך, לאָמיר מאַכן שותפות, ווער אויך אַ רויבער ווי איך, נעם אויך צו דאָס געלט פון די רייכע יידן און גיב עס אַוועק צו דיינע אָרעמעלייט!...

— דו מיינסט, דאבאש, אַז ווען מען האָט שוין געלט איז מען שוין גליקלעך? — האָט ישראל דער ליים־פירער איינגעטענהט מיט דאבאשן, — וואָס איז דער חילוק, צי מ'האָט מער אַ שטיקל ברויט, צי ווייניקער אַ שטיקל; דער עיקר איז, אַז מ'זאָל זיך פילן דערהויבן, און מ'זאָל זיין תּמיד פריילעך; און איך בין טאַקע אויך אַ גנב, — איך גנבע צו די שמחה פון די הערצער פון די יידישע גבירים און גיב עס אַוועק צו די אָרעמעלייט!...
איך וועל אַראָפּברענגען אויף דער וועלט אַזאַ תּורה, וואָס וועט דערפרייען די הערצער פון אַלע געפּלאָגטע יידן...

— מיין קאָפּ קאָן עס נישט פאַרשטיין! — האָט דאבאש געגעבען א מאַך מיט די הענט, — איך ווייס, אַז דו ביזט אַ הייליקער מאַן, און מסתמא ווייסטו, וואָס דו טוסט; איך וועל שוין אָבער בלייבן אַ פשוטער רויבער און צונעמען דאָס געלט ביי די פּריצים און עס צעטיילן צווישן די אָרעמע פּויערים!...

און דאבאש האָט זיך געפונען אין די בערג לעבן דער כאַטקע פון ישראל דעם ליים־פירער, ביז די וואָכן פון די פּריצים האָבן אים געכאַפּט און אים אויפגעהאַנגען, און ישראל דער ליים־פירער האָט געלעבט אין די בערג ביז ער האָט דערפילט, אַז די צייט איז שוין געקומען, ער זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט מיט זיין נייער תורה, „צו דערפרייען די הער־צער פון אַלע געפּלאָגטע און פאַרפאַלגטע יידן"; און ער האָט באַקומען דעם נאָמען „ר' ישראל בעל־שם־טוב", און זיין נייע תורה איז די שיטה פון חסידות...

חסידות האָט פאַרטיידיקט יידן קעגן פאַרשיידענע גזירות

חסידישע לעגענדעס וועגן צדיקים וואָס האָבן געקעמפט קעגן קייסאָרים. — די דריי צדיקים וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ דין־תורה מיט גאָט.

די חסידישע פאָלקס־לעגענדע האָט נישט בלויז געשאַפן מעשיות וועגן גוטע־יידן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַרן אָרעמאַן און אים באַשיצט קעגן די יידישע גבירים, נאָר עס זענען אויך געשאַפן אַ סך מעשיות וועגן צדיקים, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַרן גאַנצן כלל־ישראל און האָבן אים באַשיצט פון די פאַרשידענע גזירות, וואָס די מלכים און קייסאָרים האָבן אַרויסגעגעבן.

בפרט איז געשאַפן געוואָרן אַ סך חסידישע לעגענדעס וועגן דעם קייזער יאָזעף דעם 2טן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן גזירות אויף יידן, און די גוטע־יידן האָבן געזוכט מיט אַלערליי מיטלן די גזירות אָפּצושרייען.

אַזוי ווערט דערציילט אין „קהל חסידים החדש" אַ זייער אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס גיט אַ גאַנץ בולט בילד פון דעם וועלט־באַנעם, וואָס האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט אין דער חסידישער סביבה.

אַמאָל, — דערציילט די חסידישע לעגענדע, — האָט דער קייזער יאָזעף אַרויסגעגעבן אַזאַ ביטערע גזירה קעגן יידן, אַז די גאַנצע מדינה איז ממש אויפגעציטערט געוואָרן.

אין דער שטאָט ליזשענסק, אין דעם בית־המדרש פון דעם הייליקן צדיק, ר' אלימלך, האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ חשוב'ער חסיד, אַן איש מופלג, אַ ירא־שמים, מיטן נאָמען ר' פייוול.

האָט זיך דער דאָזיקער ר' פייוול אויפגעכאַפּט איינמאָל בּאַנאַכט פון שלאָף, איז אַריין צו ר' אלימלכן, האָט אים געטראָפן לערנען זוהר, און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— רבי, איך בין געקומען צו אייך מיט אַ דין־תּורה.

— לאָמיר הערן, — האָט דער רבי ר׳ אלימלך געענטפערט, אויפהייבנדיק די אויגן פון זוהר.

— עס איז דאָך אַ בפירושע משנה, — האָט ר׳ פייוול אָנגעהויבן צו טענהן, — אַז דער, וואָס איז אַ חציו עבד און אַ חציו בן־חורין, אַ האַלבער קנעכט און אַ האַלבער פרייער מענטש, קאָן נישט חתונה האָבן נישט מיט אַ שפחה, ווייל ער איז שוין אַ האַלבער בן־חורין, און נישט מיט אַן אויסגעלייזטע, ווייל ער איז דאָך נאָך אַ האַלבער קנעכט... גאָט ברוך־הוא האָט אָבער געזאָגט צו די יידן: איר זענט מיינע קנעכט; איז אויב מיר זענען גאָטס קנעכט, טאָ פאַרוואָס זענען מיר נאָך געצוואונגען צו טראָגן דעם יאָך פון יאָזעפן, מיט זיינע שלעכטע גזירות, בעת מיר זענען משועבד צו גאָט ברוך־הוא? וויל איך דערפאַר האָבן אַ דין־תּורה מיט גאָט ברוך־הוא אַליין.

אַזוי האָט געטענהט מיט גרויס התלהבות ר׳ פייוול פאַר דעם רבין ר׳ אלימלך אין מיטן דער נאַכט.

האָט דער רבי ר׳ אלימלך פאַרקנייטשט דעם שטערן, האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ היפשער ווײַלע, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— די טענות זענען גאַנץ גערעכטע, אָבער מ׳האַלט ניט אָפּ קיין דין־תּורהס אין מיטן דער נאַכט...

צו מאָרגנס זענען צום רבין ר׳ אלימלך געקומען צו פאָרן דריי צדיקים: דער קאָזשעניצער מגיד, דער לובלינער רבי און דער אַפּטער רב, אַלע דריי זענען געווען דעם רבין ר׳ אלימלכס תּלמידים.

דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך זייער דערפרייט מיט זיי און האָט פאַר זיי געהייסן מאַכן אַ סעודה.

אין מיטן דער סעודה שיקט דער רבי אלימלך רופן ר׳ פייוולען און זאָגט צו אים בזה הלשון:

— דערצייל פאַר די דריי אורחים וועגן דער דין־תּורה, וואָס דו ביזט צו מיר געקומען אין מיטן דער נאַכט.

ענטפערט ר׳ פייוול פאַרשעמט:

— איך האָב איצט נישט די זעלבע התלהבות, וואָס איך האָב געהאַט די פאַרגאַנגענע נאַכט; איך בין איצט נישט אימשטאַנד אַרויסצוטרעטן מיט מיינע טענות.

האָט צו אים דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט:

— איך גיב דיר דעם כח־הדבור, דו זאָלסט רעדן מיטן אייגע־נעם ברען, ווי דו האָסט גערעדט די לעצטע נאַכט.

איז ר׳ פייוול אַרויסגעטראָטן פאַר די דריי צדיקים מיט די זעלבע טענות, וואָס ער האָט גערעדט באַנאַכט, מיט גרויס ברען און התלהבות, האָט געשריגן, אַז די יידן האָבן נישט קיין כח אויסצו־האַלטן די גזירות פון דעם קייזער יאָזעף, בפרט נאָך, אַז זיי זענען שוין קנעכט צו גאָט ברוך־הוא.

האָט דער אָפּטער רב דער ערשטער געעפנט זיין הייליק מויל און האָט אַזוי געזאָגט:

— דער מנהג איז, אַז נאָך דעם ווי מ׳האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע בעלי־דינים, דאַרפן ביידע צדדים אַרויסגיין; על־כן ר׳ פייוועל, זייט מוחל און גייט אַרויס! און דו, רבונו־של־עולם, על־פי דין וואָלסטו אויך געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס בית־דין־צימער, אָבער ווי קאָנען מיר פאָדערן, דו זאָלסט זיך דערווייטערן פון אונז, בעת „מלא כל הארץ כבודך״, די גאַנצע וועלט איז דאָך פול מיט דיין פראַכט? און אונדזער גאַנץ גליק באַשטייט דאָך אין דעם וואָס דו טוסט רוען צווישן אונז, זינדיקע מענטשן?

— מיר דערקלערן אָבער פאַראויס — האָט זיך דער רבי פון לובלין אָפּגערופן, — אַז מיר וועלן נישט זיין קיין נושאי־פנים אין דער דאָזיקער דין־תורה און מיר וועלן אַרויסטראָגן אַ גערעכטן משפט.

— גאָט ברוך־הוא אַליין וועט פאַרשטיין, — האָט דער קאָזשעניצער מגיד צוגעגעבן, — אַז מיר וועלן ביידע צדדים באַהאַנדלען גלייך און מיט שוחד וועט מען דאָ אונדז נישט אָפּקויפן...

נאָך דער סעודה האָבן זיך די דריי צדיקים פאַרטיפט אין דער דין־תורה. דער רבי ר׳ אלימלך איז אַרויסגעטראָטן אַלס אַ טוען פאַר ר׳ פייוולען, מ׳האָט זיך לאַנג מפלפל געווען, צי דער קייזער יאָזעף האָט אַ רעכט גוזר צו זיין אַזאַ שווערע גזירה, וואָס רירט אָן דעם גאַנצן יידי־שען דת, די גאַנצע יידישע רעליגיע, און צי דאַרף מען אָננעמען די דאָזי־קע גזירה. די צדיקים האָבן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע טענות, האָבן גע־זוכט אין „חושן־משפט״ און אין אַלע איבעריקע ספרי־הלכה און זיי זע־נען געקומען צום אויספיר, אַז גערעכט איז טאַקע ר׳ פייוול. האָבן זיי אויפגעשריבן דעם פסק־דין אויף אַ שטיק פאַרמעט און האָבן אים גע־

חתמעט מיט זייערע דריי חתימות, און אין דריי טעג אַרום איז טאַקע אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די גזירה איז פּלוצלינג בטל געוואָרן...

אַן ענלעכע מעשה אויף דער זעלבער טעמע, ווי אַזוי די שווערע גזירה אויף ליכט־און פליש־שטייער איז בטל געוואָרן אַ דאַנק דעם זי־דיטשעווער רבין און דעם דאָרטיקן „פורים־רב", ווערט דערציילט אין ספר „פאר יצחק".

אָבער, אויב דאָס מאָל האָט זיך איינגעגעבן די גוטע יידן בטל צו מאַכן אַ שווערע גזירה אויף יידן דורך אַ דין־תּורה, ווייסט אָבער די חסי־דישע לעגענדע צו דערציילן אַ סך מעשיות וועגן צדיקים, וועלכע האָבן מיט כּח געקאָנט בטל מאַכן פאַרשידענע גזירות אויף יידן.

אין דעם פּרט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער גרויסער לעגענדאַרישער רבי ר' לייב שרהס, פון יאַלטישעוו, וועלכער האָט זיך געפליסט בטל צו מאַכן אַ סך גזירות אויף יידן. ער איז אַרומגעפאָרן צו אַ סך פירשטן און האָט ביי זיי גענומען געלט פאַר פדיון שבויים, און ווער עס האָט אים נישט געוואָלט געבן וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט, האָט ער אים געקאָטעוועט, אַז יענער האָט אים שוין געהאַט צו געדענקען וואָכנ־לאַנג...

דער כּח פון דעם לעגענדאַרישן צדיק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט צוויי סגולות: ער איז געווען אַ „רואה ואינו נראה" און געהאַט „קפיצת הדרך".

אָבער צוליב דעם, וואָס מ'האָט אים אָפט געזען אַרומדרייען זיך צווישן די פּריצישע הויפן און באַלד פאַרשווינדן, האָבן די מתנגדים פאַרשפּרייט אַ שם, אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן צווישן פּוילן און רוס־לאַנד. אָבער די פירערס פון חסידות האָבן אים אַרויסגעגעבן אַ בריוו, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גרויסער צדיק. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן פון דעם מגיד פון מעזריטש, און דער המונ־עם האָט שוין דערנאָך געקוקט אויף ר' לייב שרהס ווי אויף אַ קדוש וטהור, וועלכער ווייסט, וואו עס האַלטן זיך אויף די ל"ו צדיקים, אין וועמעס זכות עס שטייט די וועלט...

מ'האָט געוואוסט, אַז ר' לייב שרהס קומט תּמיד אָן אויף די גרויסע יאַרידים, אַמאָל קיין בערדיטשעוו, אַמאָל קיין לענטשנע און אַמאָל קיין יאַרמעלינעץ. ער עפנט זיך אַ קליין געוועלבל, וואָס מ'האָט גערופן

„ר׳ לייב שרהס געוועלבל״, און אַהין פֿלעגן אַריינקומען אַלע „נסתּרים״ און פֿאַרבאָרגענע צדיקים...

עס האָט זיך אַפֿילו אַמאָל געטראָפֿן, אַז ווען ר׳ לייב שרהס איז געקומען אין שליחות פֿון אַ דבר־מצוה קיין לובלין און ער איז אַריין דאַוונען אין דער שול פֿון דעם רש״ל, האָט מען אים דאָרט געכאַפּט און מען האָט אים געוואָלט אָפּשערן די באָרד און פּיאות, ווייל מ׳האָט אים חושד געווען, אַז ער איז אַ פֿאַרשטעלטער פֿראַנקיסט... אָבער ר׳ לייב שרהס האָט אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן און געשריגען: „רבונו־של־עולם! זע וואָס פֿאַר אַ הייליק פֿאָלק דו פֿאַרמאָגסט! ווען זיי דאַכט זיך נאָר אויס, אַז עמיצער איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון גלייכן וועג, זענען זיי זיך שוין נוקם אין אים און ווילן אים אָנטאָן בזיונות!״...

די דאָזיקע ווערטער האָבן שטאַרק געווירקט אויף די מתפּללים פֿון דער שול און מ׳האָט אים אָפּגעלאָזט.

ר׳ לייב שרהס האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט פֿון זיינע דרכים און ווייטער געהאַט קפֿיצת־הדרך און איז געווען אַ „רואה ואינו נראה״, ווען ער האָט זיך באַדאַרפֿט אַריינכאַפּן אין אַ פּריצס הויף.

און איינמאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט געוואוינט אין אַ דאָרף אַ רייכער גוט־באַזיצער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קאַר־גער און האָט קיינמאָל נישט געוואָלט געבן קיין צדקה.

איינמאָל זעט דער גוט־באַזיצער אין מיטן נאַכט אין חלום, אַז עס קומט צו אים אַריין אַן אָרעמאַן און שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר.

— ווי אַזוי ביזטו אַריינגעקומען? — פֿרעגט אים דער גוט־באַזיצער.

דער אָרעמאַן האָט אים אָבער גאָרנישט געענטפֿערט אויף זיין פֿראַגע, נאָר ער האָט אים געזאָגט:

— גיב מיר פֿינף הונדערט קערבלעך, וואָס איך דאַרף האָבן פֿאַר אַ מצוה־זאַך.

דער גוט־באַזיצער האָט צוערשט גאָרנישט געוואָלט הערן, וואָס דער אָרעמאַן רעדט צו אים, אָבער ווען דער אָרעמאַן האָט אָנגעהויבן צו שרייען און מאַכן קולות, האָט זיך דער גוט־באַזיצער דערשראָקן און האָט אים געגעבן דאָס געלט.

ווען דער אָרעמאַן איז אַרויסגעגאַנגען האָט דער גוט־באַזיצער גע־טראָפֿן ליגן אויפֿן טיש אַ קוויטעלע, אַז אין דעם און דעם אויפֿדער־נאַכט וועט ער צוריקקומען און אים אָפּברענגען דאָס געלט.

דער גוט־באַזיצער האָט פּאַר גרויס שרעק אָנגעהויבן צו שרייען; עס האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַלע שטוב־מענטשן, ער האָט זיי דערציילט, וואָס עס האָט זיך מיט אים געטראָפן, און זיי געוויזן דאָס קוויטעלע.

צו דער באַשטימטער צייט, אויף דער נאַכט, האָט דער גוט־באַזיצער איינגעזאַמלט אַלע זיינע לייב־וואַכן און געהייסן זיי גוט היטן די טויערן פון זיין שלאָס, אָבער צו דער באַשטימטער שעה, צו חצות־צו, איז פּלוצלינג אַריינגעקומען דער אַרעמאַן און האָט אַוועקגעלייגט די 500 קערבלעך אויפן טיש.

האָט אים דער גוט־באַזיצער געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— מיין נאָמען איז לייב בן שרה! — האָט דער אַרעמאַן געענטפערט און איז פּלוצלינג ווידער פאַרשוואונדן, און קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ער איז אַריינגעקומען און ווי אַזוי ער איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן...

אָבער דעם גאַנצן כח האָט דער לעגענדאַרישער צדיק ר׳ לייב שרהס אויסגענוצט קעגן דעם עסטרייכישן קייזער יאָזעף דעם צווייטן, מיט וועמען ער האָט געפירט מלחמה אַ זיבן יאָר צייט, ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט.

על פּי־רוב האָט ר׳ לייב שרהס אויסגעקליבן די צייט אַפּצורעכענען זיך מיטן קייזער יאָזעף — פרייטאָג. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ בעל־עגלה און געהייסן, ער זאָל מיט אים פאָרן; און ווי דער בעל־עגלה האָט זיך געגעבן אַ קוק־אום, איז ער שוין געווען אין אַ ווייטער שטאָט. ר׳ לייב שרהס איז באַלד פאַרשוואונדן און דער בעל־עגלה איז געבליבן שטיין אין מיטן גאַס זייער פאַרוואונדערט. האָט ער געפרעגט ביי אַ דורכגייער, ווי די שטאָט הייסט; האָט מען אים געענטפערט: „ווין". דער בעל־עגלה האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט אים טוט זיך; ער האָט געוואוסט, אַז ווין געפינט זיך ערגעץ ווייט־ווייט פון זיין קליין שטעטל, און דאָ זאָגט מען אים מיטאַמאָל, אַז ער געפינט זיך אין ווין... (זע „ספורי הצדיקים").

און ר׳ לייב שרהס איז אין צווישן אַריינגעקומען אין קייזערלעכן הויף אַריין, און זייענדיק אַ „רואה ואינו נראה" איז אים זייער גרינג אָנגעקומען דורכשלייכן זיך דורך די פאַרשידענע לייב־וואַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין קייזערלעכן הויף, ביז ער איז אָנגעקומען אין

קייזערס סאַליע אַריין; און פּלוצלינג האָט דער קייזער דערזען, אַז אַ הויכער גרויער ייד שטייט לעבן אים. פֿאַר כעס האָט ער געגעבן אַ געשריי צו די הויף־דינער, זיי זאָלן גלייך אַריינקומען, און ער האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט און געפרעגט:

— ווער האָט עס דערלויבט אַריינצוקומען צו מיר אַ פֿרעמדן מענטשן?

און דער קייזער האָט אָנגעוויזן אויף ר׳ לייב שרהס. אָבער קיינער פֿון די דינער האָט אים נישט געזען, האָבן זיי געמיינט, אַז דער קייזער איז אַראָפּ פֿון זינען, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען; אָבער מיט אַמאָל הערן זיי ווידער אויסטערלישע קולות, זענען זיי ווידער אַריינגעלאָפֿן צום קייזער, האָבן זיי ווידער געהערט, ווי דער קייזער שרייט, אַז דער אַלטער ייד האַלט אים אין שלאָגן...

האָבן די לייב־וואַכן גאַרנישט געענטפֿערט און זענען געוועזן זיכער, אַז דער קייזער איז געוואָרן אַ חסר־דעה׳ניק...

און אַזוי פֿלעגט יעדן מאָל ר׳ לייב שרהס קומען צום קייזער יאָזעף דעם 2טען און האָט זיך געפלייסט בטל צו מאַכן די צוויי גזירות, וואָס דער קייזער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן: דעם אַלגעמיינעם „טאָלעראַנץ פּאַטענט״ פֿון יאָר 1782, און דעם ספּעציעלן עדיקט פֿון יאָר 1789, וועלכער איז געווען באַשטימט פֿאַר גאַליציע. ר׳ לייב שרהס פֿלעגט קומען אין קייזערלעכען הויף נישט באַמערקטערהייט, און איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען אין דער סאַליע פֿון קייזער, האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ מעסערל, און אַ מוראדיקער פּחד פֿלעגט באַפֿאַלן דעם קייזער, ווייל ר׳ לייב שרהס האָט אים געסטראַשעט, אַז ער וועט פֿון אים שניידן לעבעדיקע פּאַסן...

ר׳ לייב שרהס האָט אַזוי לאַנג געפֿירט מלחמה מיטן קייזער, ביז דער קייזער איז געשטאָרבן; אָבער אין דעם זעלבן יאָר, — דערציילט די חסידישע לעגענדע, — איז אויך נפטר געוואָרן ר׳ לייב שרה׳ס אַליין.

די באַציאונג פון חסידות צום בעל־מלאכה

חסידישע לעגענדעס וואָס פאַרהערלעכן פיזישע אַרבעט. — אַ מעשה מיט אַ שניידער, וואָס האָט געהייסן זיך מיטגעבן דעם שניידער־טיש אין קבר אַריין. — חסידישע משלים וועגן בעלי־מלאכות.

די חסידישע לעגענדע האָט אויך ניט פאַרזען דעם יידישן בעל־מלאכה, וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ באַדייטנדן קלאַס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין אַכצעטן יאָרהונדערט.

די חסידישע לעגענדע האָט כמעט אין אַלע מעשיות פאַרהערלעכט דעם „פועל" און אויפגעוויזן, אַז דער בעל־מלאכה האָט נאָר געוואָלט לעבן פון זיין אייגענער פּראַצע און קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען פון יענעם.

אַזוי זעען מיר פון דער חסידישער מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין „נפלאות המגיד" און אין אַנדערע חסידישע מעשה־ביכלעך וועגן אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט אַזוי פיל געאַרבעט באַטאָג און באַנאַכט, אַז ער האָט זיך פשוט קיינמאָל נישט געקאָנט אויסשלאָפן, און ווען ער איז געקומען אויף דער עלטער און האָט שוין מער ניט געקענט אַרבעטן, האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן נויט.

דער דלות אין שטוב ווערט אַזוי גרויס — ווערט ווייטער דערציילט אין דער חסידישער מעשה, — אַז ער האָט שוין פשוט נישט אויף שבת. אָבער דער בעל־מלאכה וויל זיך דערנערן נאָר ערלעך פון זיין אייגענער מי, באַשליסט ער באַדיי צו פאַסטן אום שבת מיט זיין ווייב און קינדער, אַבי נישט אָנצוקומען צו יענעם. און פאַר זיין שטאַרבן נעמט ער די האַנט ביי זיין ווייב און ער בעט איר, אַז זי זאָל אים צוזאָגן, אַז זי וועט קיינמאָל גאָרנישט נעמען ביי אַ פרעמדען...

וועגן אַ שניידער ווערט ווידער דערציילט, אַז ער האָט פאַר זיין טויט אָנגעזאָגט אין אַ צוואָה, אַז מען זאָל פון זיין טיש, וואו ער האָט זיין גאַנץ לעבן ערלעך געאַרבעט, אים מאַכן אַן ארון און אין דעם טיש אים

באַגראָבן (ספורי צדיקים, זייט 27). די חסידישע לעגענדע האַלט, אַז ווען דער בעל־מלאכה וועט קומען אויף „יענער וועלט״ און דער מלאך וועט אים אָנהויבן אויסצופרעגען מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט אויף דער וועלט, צי ער איז געזעסן און געלערנט, וועט פֿאַר אים געגוג זיין, ווען ער וועט וויזן דעם אַרבעטס־טיש זיינעם און זאָגן: „באַט, זעטס, ביי אָט דעם טיש האָב איך אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבן, געזעסן טאָג און נאַכט און געאַרבעט, כדי אַרויסצוציען קוים אויף חיונה פֿאַר מיין ווייב און קינדער״ — און דאָס וועט שוין גענוג זיין מען זאָל אים געבן גן־עדן...

די חסידישע לעגענדע האָט געוואוסט אָפּצושאַצן ווי געהעריג די ער־לעכע אַרבעט פֿון דעם יידישן בעל־מלאכה, אַז נישט בלויז וועט ער אַליין האָבן עולם־הבא, נאָר אַז טיילמאָל דערהאַלט זיך גאָר דאָס גאַנצע שטעטל טאָקע בלויז אין זיין זכות...

אַזוי ווערט דערציילט אין „שבחי־הבעש״ט״, פֿון בעל־שם־טוב אַליין אַ מעשה וועגן אַ פשוטן זאַקנמאַכער (אומן הנקרא שופֿאַוואַל), וואָס פֿלעגט אַ גאַנצן טאָג שטיין ביי זיין שווערער אַרבעט, פֿון וועלכער ער האָט געשעפּט זיין חיונה. דער דאָזיקער זאַקנמאַכער פֿלעגט אויף גיך זיך אַריינכאַפּן אין בית־המדרש אַריין. האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט דאָרטן געטראָפֿן אַ מנין, האָט ער מיטגעדאַוונט בצבור, ווען ניט, האָט אויך נישט אויסגעמאַכט — האָט ער געדאַוונט אין דער היים, און אַפילו תהלים האָט ער געזאָגט, בלויז די קאַפּיטלעך, וואָס ער האָט געקענט אויסנווייניק.

און דאָך דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז ווען דער בעל־שם־טוב האָט דעם דאָזיקן בעל־מלאכה איינמאָל דערזען, איז ער דערציטערט געוואָרן, ווייל ער האָט געזען ברוח־הקודש, אַז אין זכות פֿון אָט דעם פשוטן מענטשן, וואָס איז „נהגה מיגיע כפו בכשרות״, וואָס דערנערט זיך בלויז פֿון זיין אייגענער כשרער פּראַצע, האַלט זיך דער גאַנצער יידישער קבוץ...

נישט בלויז האָט דאָס חסידות געלויבט דעם פשוטן בעל־מלאכה, נאָר די חסידישע לעגענדע האָט אויך אַרויסגעהויבן דעם בעל־מלאכה אַלס אַ מורה־דרך, אַלס אַ וועגווייזער פֿאַר יידישקייט.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן דעם רבין ר׳ אלימלך, אַז אין שכנות מיט אים האָט געוואוינט אַ קירזשנער, וועלכער האָט אויך געהייסן אלימלך און ער האָט נעבעך געמוזט אַרבעטן פֿון פֿאַרטאָג ביז נאָך חצות. איינמאָל איז דער קירזשנער פֿאַר גרויס מידקייט שפּעט אין דער נאַכט איינגעדרי־

מעלט. הערט דער רבי ר׳ אלימלך דורך דער וואַנט, ווי דעם קירזשנערס ווייב וועקט דעם מאַן און שרייט צו אים: מלך, מלך! פאַרריכט וואָס דו קאָנסט, כל־זמן דאָס ליכטל ברענט נאָך!

זענען די דאָזיקע ווערטער אַזוי שטאַרק אַריינגעדרונגען אין האַרץ פון רבין ר׳ אלימלך, אַז עס האָט אים טאָג און נאַכט קיין רו נישט געגעבען און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער הערט כּסדר שרייען: „מלך, מלך! פאַרריכט וואָס דו קאָנסט, כל־זמן דאָס ליכטל ברענט נאָך!"

דאָס חסידות האָט אַפילו געוואָלט אויספּשטלען, אַז פאַר די פּשוטע יידן, פאַר די בעלי־מלאכות, איז גענוג דאָס, וואָס זיי זענען, אַז זיי דאַרפן נישט זיצן טאָג און נאַכט און לערנען. נאָר די רבנים, די תּלמידי־חכמים, דאַרפן עוסק זיין אין תורה. און דערפאַר ווערט נאָכגעזאָגט אַ חסידיש וואָרט פון רבין ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער משנה אין קידושין, וואָס ווערט געזאָגט: „ר׳ מאיר אמר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה. ר׳ נהוראי אומר מניח אני את כל אומניות שבעולם ואני מלמד את בני אלא תורה (ר׳ מאיר זאָגט: יעדער מענטש דאַרף לערנען זיין זון אַ ריינע און גרינגע מלאכה. ר׳ נהוראי זאָגט, איך וועל איבערלאָזן אַלע מלאכות אין דער וועלט און איך וועל לערנען מיין זון תורה). עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז ר׳ מאיר און ר׳ נהוראי זענען געוועזן צוויי מענטשן. אָבער דאָס איז דאָך אין סתירה צו דער גמרא אין עירובין (דף י״ג) „נהוראי שמו, ולמה נקרא שמו מאיר, שמאיר עיני חכמים בהלכה" (ער הייסט נהוראי, טאָ פאַרוואָס האָט מען אים גערופן מאיר? ווייל ער האָט פאַרלויכטן (מאיר מיינט אויך לייכטן) די אויגען פון די חכמים מיט זיין תורה. קומט דאָך גאָר אויס פון דער דאָזיקער גמרא, אַז מאיר און נהוראי זענען צוויי נעמען פון איין פּאַרשוין?

נאָר דער תּירוץ איז, — האָט ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער געזאָגט, ביידע מימרות אין דער משנה געהערן צו ר׳ מאירן, נאָר איינע האָט ער געזאָגט פאַר אַנדערע מענטשן און איינע פאַר זיך אַליין. מיטן רבים, מיטן כּלל, האָט ר׳ מאיר געלערנט, אַז „לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה", אַז מען דאַרף זיך נישט בלויז עוסק זיין אין דער תּורה, נאָר אויך זיך באַשעפטיקן מיט אַרבעט, מיט מלאכה; דאַגעגן פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער, האָט ער שוין מחמיר געוועזן און געזאָגט, אַז מען דאַרף מער עוסק זיין בתּורה, ווייל אַזוי דאַרף זיין — מחמיר לעצמו ומקיל לאחרים — פאַר דיר אַליין זיי אַ מחמיר און פאַר אַנדערע אַ מקיל, און נישט פאַרקערט...

און אַפילו צו געבן צו פאַרשטיין די רבנים דעם חסידישן דרך, האָט דאָס חסידות אויסגעקליבן משלים פון בעלי־מלאכות, געוואָלט עס מסביר זיין דורך ביישפּילן פון „פּועלים".

אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער רבי ר' לייבעלע אייגער, אַן אייניקל פון דעם גרויסן וועלט־גאון ר' עקיבא אייגער, איז געוואָרן אַ חסיד און איז אַנטלאָפן קיין קאָצק, האָט ער אַמאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבין: „וואָס זאָל איך ענטפערן דעם זיידן מיינעם, ווען ער וועט מיך פרעגן, פאַרוואָס מען דאַוונט אין קאָצק אַזוי שפּעט און מען איז עובר זמן־תּפילה?"

„דו זאָלסט זאָגן דעם זיידן דיינעם", האָט דער קאָצקער געענטפערט, אַז ער זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון אַ פּשוטן פּועל. וואָס קאָן אַמאָל אַ גאַנצן טאָג זיך צוגרייטן צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט, כּדי די אַרבעט זאָל דערנאָך אַרויסקומען בעסער. און דער רמב"ם פּסקנט טאַקע, אַז אויב אַ פּועל, וועמען מען האָט געדונגען צו האַקן האָלץ, שלייפט אַ גאַנצן טאָג די זעג און ערשט פאַרנאַכט, די לעצטע שעה, נעמט ער זעגן דאָס האָלץ, קומט אים צו באַצאָלן פאַר אַ גאַנצן טאָג אַרבעט"...

דאָס חסידות האָט אויך געוואָלט אַריינלייגן גרויסע כּוונות אין די פּראָסטע תּפילות פון די אָרעמע בעלי־מלאכות און פּועלים, אַז ווען אַפילו זיי ווייסן אַמאָל נישט וואָס זיי דאַוונען און האָבן אפשר אינזינען נאָר געלט, דאַך האָבן זיי אַ גאַנץ אַנדער מיין, ווי מיר שטעלן זיך פאָר. און דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער, ווערט דערציילט, האָט אַמאָל גע־זאָגט צו זיינע חסידים, ווען ער האָט געהערט, אַז עמיצער פון זיי האָט געהאַט תּרעומות אויף די פּראָסטע יידן, וועלכע דאַוונען נישט לשם־שמים, נאָר האָבן אין זינען גשמיותדיקע ענינים:

„רבונו־של־עולם!", האָט ר' מאירל פּרעמישלאַנער אויסגערופן, „איך ווייס וואויל, אַז ווען מען זאָל נעמען און גוט אויסקוועטשן אַלע תּפילות, וואָס די יידן זאָגן צו דיר מתפּלל, וועט זייער תּמצית זיין — געלט, נאָר געלט... איך ווייס אָבער אויך, אַז ווען מען זאָל ווידער נעמען און אויס־קוועטשן דאָס געלט, וואָס די יידן פאַרלאַנגען פון דיר, וועט דער תּמצית דערפון אַרויסקומען תּורה און מעשים טובים. וואָרים אויף וואָס דאַרף דען דער ייד דאָס געלט? צו קאָנען צאָלן שכר־לימוד פאַר די קינדער, חתונה צו מאַכן זיינע טעכטער פאַר תּלמידי־חכמים, צו קאָנען פאַרבעטן אַן אורח אויף שבת, אַרויסהעלפן אַן אָרעמען קרוב וכּדומה. דערפאַר איז נישט קיין אומגליק, ווען זיי בעטן אַפילו ביים דאַוונען בלויז אויף געלט!"

און דערפֿאַר האָט אויך דער רבי ר׳ לוי יצחק פֿון באַרדיטשעוו תּמיד מלמד זכות געווען אויף די בעלי־מלאכות מיט וואָס ער האָט געקאָנט. אַזוי, למשל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז איינמאָל האָט ר׳ לוי יצחק געזען ווי אַ ייד, אַ בעל־עגלה, שטייט אין מיטן מאַרק איינגעהילט אין טלית און תּפֿילין, דאַווענט און שמירט דערביי די רעדע.

הויבט ר׳ לוי יצחק אויף די אויגען צום הימל און זאָגט:

„זע, רבונו־של־עולם, וואָס פֿאַר אַ טייער פֿאָלק דו האָסט, אָט איז אַ פּראָסטער ייד, און אַפֿילו בעת ער שמירט די רעדער איז ער פֿאַר דיר מתפּלל!"

דאַגעגען אָבער ווען ר׳ לוי יצחק האָט באַמערקט אין בית־המדרש אַ „שיינעם יידן," וואָס האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן אדם חשוב, אַז יענער דאַווענט נישט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז ער צו אים צוגעגאַנגען בעת ער האָט זיך אויסגערוקט פֿון דער שמונה־עשרה און אים געגעבן שלום:

„שלום־עליכם, פֿון וואַנען קומט אַ ייד?" האָט זיך ר׳ לוי יצחק צו אים געווענדט.

„פֿאַרוואָס עפּעס, רבי?" האָט זיך דער ייד געחידושט.

„פֿאַרשטייסטו מיך, שמייכלט ר׳ לוי יצחק, בשעת דו האָסט געדאַווענט די שמונה־עשרה, ביזטו דאָך אודאי געווען ערגעץ אויף אַ יאַריד, געמאַכט מסחרים (געמיינט מיטן געדאַנק), אַצינד, אַז דו ביסט געקומען צוריק, קומט דאָך דיר אָפּצוגעבן אַ שלום־עליכם..."

אָט אַזוי האָט דאָס חסידות געוואוסט צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן אַ ייד אַ בעל־מלאכה און אַ „שיינעם ייד".

די חסידישע לעגענדע איז אַפֿילו געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט פֿאַרטיידיקט אַ יידישע פֿרוי, אַ בעל־מלאכהס אַ ווייב, ווען מען האָט געוואָלט אויף איר ריידן שלעכטס.

אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר ברענגען בלויז די קורצע מעשה, וואָס עס ווערט דערציילט וועגן דעם רבין ר׳ יצחק וואָרקער, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ יידענע, אַן אַלמנה פֿון אַ בעל־מלאכה, צו האָבן אַ דין־תּורה מיט צוויי סוחרים, וועלכע זענען געבליבן שולדיק איר מאַן געלט פֿאַר זיין אַרבעט.

ר׳ יצחק וואָרקער האָט אויסגעהערט די טענות פֿון דער אלמנה און פֿון די צוויי סוחרים, און ער האָט געפּסקענט, אַז די צוויי סוחרים זאָלן איר אויסצאָלן דעם גאַנצן חוב, וואָס די אלמנה מאָנט, אין משך פֿונעם יאָר.

ווען די אלמנה איז אַרויסגעגאַנגען, רופֿן זיך אָן די סוחרים צום רבין:

„רבי, אָט דער חצופה גלויבט איר? איר מאַן איז דאָך שוין טויט העכער אַ יאָר, און ווי מען מורמעלט אונטער, איז זי ערשט נישט לאַנג מעוברת געוואָרן...״

„אַזוי?״ כאַפּט זיך ר׳ יצחק וואָרקער אָן ביי דער באָרד. „ווען זי דאַרף בקרוב ווערן אַ גרויסע באַדערפֿעדין, טאָ גייט תּיכף אַהיים און באַצאָלט איר מיט איינמאָל דעם גאַנצן חוב, וואָס עס קומט איר!״

און זאָל שוין אויך דערציילט ווערן די מעשה, וואָס דאָס חסידות דערציילט וועגן רבין ר׳ משה סאַסאָווער, אַז איינמאָל איז די רביצין אַריינגעקומען צו לויפֿן צו אים מיט אַ גוואַלד, אַז די דינסט, די משרתטע, דערגייט איר די יאָרן און אין מיטן זמן וויל זי אַ העכערונג אויף איר׳ע שכירות, ווייל זי טענהט, אַז די אַרבעט איז איר צו שווער.

„מען דאַרף איר באַצאָלן וויפֿיל זי פֿאַרלאַנגט״, האָט ר׳ משה לייב סאַסאָווער זיך אָנגערופֿן (די זעלבע מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן אַנדערע רביים, און אין דער אמתן געפֿינען מיר די דאָזיקע מעשה גאָר דערציילט וועגן א תּנא).

„אויב אַזוי,״ רופֿט זיך אָפּ די רביצין, „וועל איך זי רופֿן צו אַ דין־תּורה, צום רב, און איך וועל זען, וועד עס האָט רעכט, צי איך דאַרף איר דערלייגן אַפֿילו אַ פּרוטה, אויב זי האָט זיך אויסגערעדט פֿון אָנהויב זמן צו אַרבעטן פֿאַר אַ באַשטימטן שכר.״

„נו, אַז דו ווילסט דוקא האָבן מיט איר אַ דין־תּורה, האָט דער רבי ר׳ משה לייב געגעבן אַ קוועטש מיט דער פּלייצע, וועל איך מיט דיר מיטגיין.״

און דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט גענומען די ראַצעמאַרענע קאַפּאָטע און געוואָלט אַרויס פֿון שטוב.

איז צו אים צוגעגאַנגען די רביצין און האָט אים געזאָגט:

„דו דאַרפסט וועגן דעם נישט גיין מיט מיר צום רב. איך וועל מיר שוין מיין שטעטל אַליין באַשטיין. עס איז ניט שיין, אַז דו זאָלסט זיך גיין אויסטענהן ביים רב מיט דער דינסט״.

„אוי, אַ יידענע בלייבט אַ יידענע!״ — גיט אַ געשריי דער רבי ר׳ משה לייב — „דו מיינסט, אַז איך וויל גיין צום רב דיך פֿאַרטיידיקן. איך ווייס, אַז דו וועסט שוין וויסן ווי אַזוי זיך אויסצוטענהן פֿאַרן רב אָן מיר אויך, אָבער ווער וועט טענהן פֿאַר איר, פֿאַר דער אָרעמער קעכין? וויל איך טאַקע זיין איר טוען, רעדן פֿאַר אים ביים רב און זי פֿאַרטיידיקן!״

חסידות אין קאַמף מיט רבנים און תּקיפים

דער בעל־שם־טוב און דער בעל־טאַקסע. — די אָנפאַלן פון די רביים אויף די רבנים. — דער אונטערשיד צווישן די גרויסע און קליינע דרשנים.

חסידות האָט אין אָנהויב פון זיין אויפקומען און אַנטוויקלונג געפירט אַ מוראדיקן קאַמף מיט די ראשי־הקהל לייט, מיט די רבנים און בעלי־תּקיפים.

ווייל ווי מען זאָל איצט, אין אונדזער צייט, נישט קוקן אויפן חסידות ווי אויף אַ ריין־רעליגיעזער דערשיינונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז די סיבות פון זיין אויפקום, פון זיין אויפבלי־תּקופה און דאָס ווערן באַקעמפט מצד די מתנגדים און לומדים, האָט געהאַט אַן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן כאַראַקטער.

מען דאַרף געדענקען, אַז די צייט, ווען דאָס חסידות איז אַנטשטאַנען, איז דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן געווען באַהערשט פון אַ קליינער גרופּע גבירים און תּקיפים, וועלכע האָט געהאַט די מאַכט אין אירע הענט און האָט געוועלטיקט איבער די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן.

דאָס וואָס די פּוילישע מלוכה איז שוין געווען אין דער דעמאָלסטדיקער צייט צעפוילט, האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין יידישן קהלה־לעבן. די חובות פון די פאַראָרעמטע קהלות זענען אימהדיק געוואַקסן — שרייבט דר. צינבערג אין זיין זיבעטן באַנד „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" — און כּדי צו צאָלן די דאָזיקע חובות, און כּדי זיך אויסצוקויפן ביי די אָרטיקע וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות, זיי זאָלן נישט אַזוי שטאַרק רודפן די יידן, האָבן די פאַרשטייער פון דער יידישער קהלה געמוזט אַרויפלייגן אַ גרויסן קאָפּ־שטייער אויף יעדן ייד באַזונדער. אין דער שפּיץ פון קהל זענען געשטאַנען די גבירים און די תּקיפים, וועלכע האָבן געהאַט אַ צד ביי די פּריצים און זיי פלעגן נאָכטאָן די פּריצים און אַליין אונטערדריקן די אָרעמעלייט.

די גבירים האָבן אָבער געלעבט בשלום מיט די לומדים, אָדער בע־סער געזאָגט, די לומדים און די רבנים האָבן צו־גוט געלעבט מיט די ראשי־הקהל לייט. דער גביר האָט זיך תמיד גענומען אַן אײדעם אַ למדן און פאַראײניקט „תורה און גדולה" צוזאַמען. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אין אַ סך קהלות האָט מען דורכגעפירט וואַל־באַגרעניצונגען און מען האָט נישט געגעבן קיין וואַל־רעכט צו די בעלי־מלאכות, כּדי די פאָלקס־מאַסן זאָל האָבן וואָס ווייניקער דעה אין קהל ענינים.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פאָלקס־מענטשן, די פשוטע ייִדן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען קעגן די ראשי־הקהל־לייט, און אין אײניקע ערטער, ווי צום ביישפּיל, אין שאַווּלער קהלה, האָבן זיי זיך גע־ווענדט צו דער מלוכה־מאַכט און פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי צונעמען די ראשי־הקהל לייט און דעם רב, „וועלכע ווייסן נאָר צו ראַבעווען דעם אָרע־מען עולם און צוצונעמען דעם לעצטן ביסן פון מויל" (פּ. מאַרעק, „יעוור־רעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", באַנד 12, זייט 83).

אין די חסידישע מעשה־ביכלעך וועלן מיר באַגעגענען זייער אַ סך לעגענדעס, בפּרט אין דער ערשטער תקופה פון חסידות, וועגן דער אכזריותדיקייט פון די בעלי־תּקיפים און בעלי־טאַקסעס. אַזוי, למשל, ווערט געבראַכט אין „שבחי בעש"ט" ווי אַזוי אין האָראָכאָוו איז געווען אַ בעל־טאַקסע, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה און האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אין אַלע קהלה־ענינים. אײנער אַן אָרעמער קצב איז געווען שולדיק דעם בעל־טאַקסע געלט, האָט זיין ווייב געשיקט צו אים נעמען משכּנות און מען האָט ביים אָרעמען קצב צוגענומען דאָס בעטגע־וואַנט.

אין „נפלאות הרבי מבּרדיטשוב" ווערט דערציילט וועגן די נייע תקנות, וואָס די בערדיטשעווער קהל־לייט האָבן אָנגענומען, און פאַרבאָטן די אָרע־מעלייט אַרומצוגיין איבער די הייזער. זיי ווערן דערפאַר פאַרגליכן צו די סדום־לייט, „וועלכע שיידן זיך גאָר נישט אָפּ פון זיי מיט זייער אַכזריות־דיקייט".

אָדער זעט די מעשה, וואָס ווערט געבראַכט אין „קהל חסידים", ווי אַזוי אַ גביר, וועלכער האָט אַ פּרעכטיקע וואוינונג, טרייבט אַרויס אַן אָרע־מאַן פון זיין וואוינונג, וועלכער איז צו אים געקומען בעטן אַ נדבה. דער אָרעמאַן האָט שוין דריי טעג נישט געהאַט געגעסן און איז פשוט אויסגע־גאַנגען פון הונגער .

און אַט האָט איר אַ מעשה ווי אַזוי צוויי גבירים, וועלכע פירן בשותפות געשעפטן, האַלטן ביי זיך אַ שרייבער. די גבירים ווערן וואָס אַמאָל אַלץ רייכער און רייכער און קויפן זיך אַ גרויס הויז און פאַרפלאַנצן אַ גאָרטען. דער שרייבער זאַמעלט אויך אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע, ביז ער האָט שוין גענוג געלט זיך צו קויפן אַ הייזקע אין שכנות פון די גבירים. אָבער די גבירים שטייט נישט אָן, אַז דער שרייבער זאָל וואוינען נעבן זיי, ווילן זיי ביי אים אָפּקויפן די הייזקע און פאַרפלאַנצן אַ גאָרטן, אָבער דער שרייבער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן פון זיין הייזקע. האָבן די גבירים אים אָפּגעזאָגט פון זיין פאָסטן. דער סוף איז געווען, אַז דער שרייבער האָט געשיקט שליחים צו די גבירים און די גבירים האָבן געענטפערט, אַז זיי זענען מסכים אים צוריק אַריינצונעמען, נאָר מיט איין תנאי, ווען ער וועט אַרבעטן פאַר אַ דריטל געהאַלט און פאַרקויפן די הייזקע פאַר אַ דריטל פרייז, וואָס עס האָט אים אַליין געקאָסט. דער אָרעמער שרייבער איז געצוואונגען געווען אָנצונעמען זייערע באַדינגונגען, אָבער פון גרויס צער ווערט ער באַלד קראַנק און שטאַרבט. („התגלות הצדיקים").

דערפאַר איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער בעל־שם־טוב האָט אָפּגעלאַכט פון די לומדים, וועלכע „לערנען נאָר כדי צו שאַרפן זייער מוח, מען זאָל זיי האַלטן פאַר לומדים און זיי אָפּגעבן כבוד". און דער תלמיד זיינער, דער „תולדות יעקב־יוסף", האָט געמוסרט די גבירים, וואָס „רויבן דעם לוין פון די געדונגענע אַרבעטער", און די „וואָס פאַרהאַלטן זייער לוין און לייגן־אָפּ דאָס צאָלן פון טאָג־צו־טאָג".

און אויף אַן אַנדער אָרט טייטשט ער אויס דעם באַקאַנטן פסוק:

„אחזו לנו שועלים, שועלים קטנים מחבלים כרמים", די פיקסלעך, וואָס פאַרדאַרבן אונדזערע ווייגערטנער מיינט מען די רבנים, וואָס יאָגן זיך נאָך געלט". „ווער עס פאַרנעמט זיך מיט צרכי הצבור", באַקלאָגט זיך דער „תולדות", „דער דערווערבט זיך באַלד אַ גרויס פאַרמעגן, און מיר זעען דאָך מיט אונדזערע אייגענע אויגן די הנהגה פון די רבנים און מנהיגים, וואָס וועגן זיי לאָזט זיך גאָר נישט באַשרייבן... די רבנים ווערן באַשטימט דורך די שררות און די שטאָט־באַשיצער טוען מעשים על ד' ועל משיחו"...

„עס שטייט געשריבן", זאָגט דער „תולדות", „שום תשים עליך מלך, מן מלכי רבנן. וואָס הייסט ביי אונדז אַ מלך? אַ רב. איז דער טייטש: מאַך דיר אַליין אַ מלך, קלייב דיר אַליין אויס אַ רב, וועלכער איז אַ ירא שמים,

אַניט, אַז דו וועסט אַליין נישט אויסקלייבן, וועט קומען אַזוינער, וואָס וועט מיט גוואַלט זיך אַרויפזעצן אויפֿן כסא הרבנות. און דער וואָס שטרעבט דערצו איז געוויס אַ איש בליעל״...

די רביים, וואָס זענען געשטאַנען אין קאַמף מיט די תקיפים זענען אָפטמאָל פֿון זיי אויסגעשטאַנען ביטערע צרות און די רביים האָבן זיי גאָר נאָך פֿאַרטיידיקט.

אַן אינטערעסאַנטע מעשה ווערט וועגן דעם דערציילט פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער:

בשעת ר׳ לוי יצחק איז געווען רב אין בערדיטשעוו האָט ער דאָרטן געהאַט אַ גרויסע מחלוקה. דער תקיף, ר׳ ברוך וויינשענקער, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער אַריינגייער צום פּריץ, האָט אים זייער שטאַרק גע־רודפט.

איין מאָל, ערב שבת פֿאַרנאַכט, ווען דער בערדיטשעווער רב איז נישט געווען אין שטאָט, האָט גענומען דער ייד, ר׳ ברוך וויינשענקער, די רביצין מיט די קינדער און זיי אַלע אויפגעזעצט אויף אַ מיסט־וואָגן און זיי אַרויסגעפירט פון שטאָט. די חסידים פון שטאָט האָבן דאָס גאָר נישט געקאָנט איבערטראָגן, אָבער זיי האָבן זיך נישט געטאָרט אָנרופן, ווייל הינטער דעם ייד, ר׳ ברוך וויינשענקער, איז געשטאַנען דער פּריץ.

האָבן זיי געוואַרט ביז מוצאי־שבת נאָך הבדלה, און אַזוי ווי מען האָט נאָר אָנגעצונדן ליכט, האָבן זיי געדונגען אַ פור און געפאָרן זיך באַ־קלאָגן אויף דעם אכזר ר׳ ברוך פאַר דעם רבין ר׳ וועלוועלע זשיטאָמי־רער.

די חסידים זענען אַריינגעקומען צו דעם רבין ר׳ וועלוועלע, האָבן אים דערציילט די גרויסע עוולה.

דער רבי ר׳ וועלוועלע האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ פּאָר מינוט, און די חסידים זענען שוין געווען זיכער, אַז ר׳ וועלוועלע וועט אים מעניש זיין. אָבער פּלוצלינג האָט זיך ר׳ וועלוועלע אויסגעדרייט צו די חסידים און געזאָגט:

„וואָס קאָן מען טאָן? איידער איך האָב גענומען אים מעניש זיין איז שוין ר׳ לוי יצחק געשטאַנען מיטן תהילים׳ל אין האַנט און פֿאַר אים מתפּלל געווען עס זאָל אים גאָר נישט שאַטן״...

אַט אַזוי האָבן די חסידים אויסגעפּאַנטאַזירט ווי אַזוי די רביים האָ־בען געענטפערט אויף די מחלוקתן, וואָס די רבנים און די תקיפים האָבן קעגן זיי געפירט.

דערלויבט האָבן זיך אויך די רביים טיילמאָל אָפּצוחוזקן פון די מתנגדישע רבנים, וועלכע האַלטן זיך פאַר גרויסע לומדים. בפרט די רביים, וועלכע זענען אַליין געווען גרויסע גאונים, וואָס האָבן זיך געקאָנט דערלויבן הלצהלעך קעגן די רבנים.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן רבין ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, וועל־כער ווערט באַטראַכט אין דער חסידישער וועלט פאַר אַ גרויסן ווערטל־זאָגער, אַז ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין ראָפּ־שיץ האָט קהל פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל האַלטן אַ דרשה אין שול, אַזוי ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען.

איז דער ראָפּשיצער אַרויף אויפן באַלעמער און האָט געזאָגט:

„רבותי, דער סדר איז, אַז ווען אַ רב דאַרף האַלטן אַ דרשה אין שול, דאַרף ער געדענקען דריי זאַכן: „ער זאָל זאָגן דעם אמת, בקיצור און אויף דער סדרה“. נו, וועל איך אייך זאָגן איצט אַלע דריי זאַכן מיט איין מאָל: איך ווייס נישט וועלכע סדרה עס גייט היינט!“...

אַזוי האָבן די רביים געחוזקט פון די רבנים, וועלכע האָבן זיך פאַר־אינטערעסירט מיט די פאָלקס־מענטשן נאָר צוויי מאָל אַ יאָר, ווען זיי האָבן געדאַרפט האַלטן אַ דרשה. די רביים האָבן פון זיי געחוזקט, אַז זיי דרשענען און ווייסן אַפילו נישט וועלכע סדרה עס גייט...

עס איז אמת, אַז געוויסע דרשנים זענען אויך אַרויסגעטראָטן קעגן די תקיפים, אָבער די דאָזיקע דרשנים האָבן די קהל־לייט טאַקע אַליין גע־רודפט.

אין „קהל חסידים“ ווערט דערציילט, אַז עס איז אַן אונטערשיד צווישן גרויסע און קליינע דרשנים. די ערשטע ווערן אויפגענומען פון קהל מיט גרויס כבוד און האָבן נאָך אַ געוויסע מאַכט. אַזוי, למשל, קאָן אַ גרוי־סער דרשן באַפעלן פון דער בימה, מען זאָל שמייסן דעם זינדיקן און דער באַפעל ווערט אויסגעפירט.

אין סלאָנים, למשל, איז געווען אַ מנהג, אַז יעדער בעל־דרשן האָט גע־מוזט פריער קומען צום פרנס־חודש. און איז ער געווען אַ גרויסער דרשן, האָט מען פאַר אים געעפנט די גרויסע שול. אַ קליינעם דרשן איז דער־לויבט געוואָרן צו „זאָגן“ בלויז אין דער קליינער שול, דערצו האָט ער גע־

דאַרפֿט איבערזאָגן איינע פֿון זיינע דרשות פֿאַרן פּרנס־חודש, כּדי מען זאָל, הפּנים, זעען צי ער פֿאַלט נישט שטאַרק אָן אויף די קהל־לייט...

און אַמאָל האָט זיך געקאָנט טרעפֿן אַז עס איז אָנגעקומען אַ קליינער דרשן, אָרעם געקליידט און געבעטן ביים פּרנס־חודש, ער זאָל אים דער־לויבן צו דרשענען אין שול, האָט אים דער פּרנס־חודש אַרויסגעטריבן פֿון שטוב, ווייל ער האָט אויף אים געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק מיט זיין אָרע־מער קליידונג...

דער אונטערשיד צווישן די גרויסע דרשנים און די קליינע דרשנים איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בעת די קליינע דרשנים זענען אַליין אָנגע־פֿאַלן אויף די קהל־לייט, האָבן די גרויסע דרשנים נאָר געזוכט די „זינד" ביי די אָרעמע פֿאָלקס־מענטשן און אין גאַנצן געלאָזט צורו די רייכע.

ווערט טאַקע דערציילט אַ מעשה פֿון אַ חסידישן רבין, אַז ווען ער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין שול אַריין און האָט געהערט אַ בעל־דרשן דרשענען, איז ער צו אים צוגעלאָפֿן און פֿון אים אַראָפּגעריסן דעם טלית און געשריגן: „ווי דערוועגט איר אייך צו רעדן אַזוי פֿיל שלעכטס אויף די יידן?" און מסתמא האָט דער צדיק אָנגעטראָפֿן אויף איינעם פֿון די גרויסע דרשנים.

נישט בעסער זענען געווען די רבנים אַליין. און כאָטש אין די חסידי־שע מעשיות פֿאַרשווינט מען אָפֿט מאָל די פֿיינע מעשים פֿון די רבנים, כּדי נישט נאָך מער זיי אויפֿצורייצן קעגן די חסידים, דאָך טרעפֿן מיר זייער אָפֿט מעשיות וועגן רבנים, וואָס באַווייזן, אַז אויך זיי זענען אָפֿט מאָל געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט די גבירים. און אַזוי ווערט טאַקע וועגן דעם „בעל תּולדות" אַליין דערציילט, אַז איידער ער איז געוואָרן אַ חסיד, אַ תּלמיד פֿון בעל־שם־טוב איז ער געווען אַ רב אין שאַרגאָראָד. ווערט וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט פֿון נישט־ערלעכן האַנדל און פֿון קנס־געלט צונויפֿגעזאַמלט זייער אַ סך געלט. איין מאָל קומט דער רב גאַנץ פֿרי אין שול אַריין, טרעפֿט ער קיינעם נישט דאָרט אַ חוץ דעם שמש. פֿרעגט ער אים וואו דער עולם איז אַהינגעקומען. ענטפֿערט אים דער שמש, אַז דער גאַנצער עולם געפֿינט זיך איצט אין מאַרק און הערט זיך צו ווי דער בעל־שם־טוב דערציילט זיי מעשיות און גלייכווערטלעך. האָט דער רב פֿאַרבעטן דעם בעל־שם־טוב צו זיך און האָט מיט אים אָנגעהויבן שמועסן אין לערנען. איז אים זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דער נייער דרך פֿון דעם בעל־שם־טוב און ער איז אַליין געוואָרן זיין חסיד. מען האָט אים אָבער צוליב דעם אַרויס־

געטריבן פון שטאָט, און ער איז געוואָרן דיין אין ראַשקאָוו. דאָרט איז ער שוין געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, ווייל ער האָט אָנגענומען דעם חסידישן דרך.

און די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז ווען ער האָט אָנגעהויבן נוטה צו זיין צו חסידות, האָט ער ביי זיך געטראַכט: „אפשר האָב איך מיין געלד נישט כּשר פאַרדינט?"

אָבער ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט גענומען ביי יידן בלויז פּסק־געלד, אָדער אַ חלק פון רח"ש־געלד. „נו, דאָס איז דאָך אַ ערלעכער פאַרדינסט!" האָט ער געלאָזט אויסרופן אין בית־המדרש, אַז דער וואָס האַלט אַז ער האָט ביי אים גענומען נישט קיין כּשר געלד, זאָל קומען עס אָפּנעמען.

האָבן זיך געיאָוועט יידן פון אַלע זייטן, וועלכע האָבן געהאַט צו אים טענות...

אַט אויף אַזאַ אופן האָט ער צעטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס האָט באַטראָפן אַ פּאָר טויזנט קערבלעך, און ער איז געבליבן אַ גרויסער אָרעמאַן.

און אין „שבחי הבעש"ט" ווערט אַפילו דערציילט, אַז די מלאכים האָבן געטענהט צום בעל־שם־טוב: „וואָס שוויגסטו? דער ראַשקאָווער רב זיצט דאָך אָן פּרנסה!"

אָבער דער בעש"ט האָט געוואוסט, אַז דער ראַשקאָווער רב איז געוואָרן אַ חסיד און האָט שוין אָנגענומען די חסידישע שיטה, ווייל ער שוין מער נישט לעבן אויף אַזאַ אופן ווי ער האָט געלעבט איידער ער האָט דער־קענט דעם בעש"ט.

די באַציאונג פון חסידות צו דער פרוי

דאָס חסידות האָט דערהויבן די פרוי. — דער בעש״ט פלעגט דערציילן פראָסטע מענטשן מעשיות אויף יאַרידים. — וואָס חסידות זאָגט וועגן דער שיינקייט פון דער פרוי. — פרויען וואָס זיינען געוואָרן צדיקים.

חסידות האָט נישט בלויז באַפרייט דעם פשוטן יידן, דעם פראָסטן מענטשן, פון דער העגעמאָניע, פון דער איבערהערשאַפט פון די תקיפים און לומדים, נאָר ער האָט אויך באַפרייט די פרוי, וועלכע איז געווען גע־פענטעט אין גייסטיקע קייטן און אין גאַנצן דערוויטערט פון געזעלשאַפט־לעכן לעבן.

די יידישע פרוי איז ביז צום אויפקום פון חסידות אַפילו געווען דער־ווייטערט פון דער רעליגיע. זי האָט נישט געטאָרט פרעגן קיין שאלות אין רעליגיעזע ענינים, נאָר איר איינציקע פריווילעגיע איז געווען בלויז צו שטיין ביי דער טיר פון רב, מיטן הינדל אין דער האַנט, און אויסהערן רואיק וואָס דער רב פסקנט — צי דאָס הינדל איז טריף צי כשר.

די רבנים האָבן תמיד אויסגעניצט מאמרים פון דעם תלמוד, וואו עס רעדט זיך קעגן דער פרוי און שטאַרק געהאַלטן פון דעם מאמר, אַז: „ווער עס לערנט מיט זיין טאָכטער תורה איז גלייך ווי ער וואָלט מיט איר געלערנט תיפלות״. דאַוועגען איז פאַר דער פרוי געווען נישט קיין מצוה, נאָר אַ רשות־זאַך. די פרוי האָט העכסטנס געקאָנט דערוואַרטן צו זיין אַ „פוס־בענקעלע״ אין גן־עדן ביי איר מאַן, אויב זי וועט אים אויף דער וועלט אָפּהיטן ווי עס געהער צו זיין, אויב זי וועט דערציען די קינ־דער אין גאָטס וועגן, זאָרגען פאַר פרנסה און וועט טראָגן דעם גאַנצן עול אויף זיך...

די יידישע רעליגיע אַליין האָט שטאַרק דערפון געליטן, וואָס די פרוי איז געוואָרן אויסגעשלאָסן פון גאַנצן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווייל סוף־כל־סוף איז די גאַנצע דערציאונג אין די אַלטע צייטן געווען אָפּהענ־גיק פון דער פרוי.

זעען מיר טאַקע, אַז ווען עס איז אויסגעוואַקסן אַ משיחישע באַוועגונג, האָט מען גלייך געוואָלט באַפרייען די פרוי, געבן איר גלייכבארעכטיקונג מיטן מאַן. אַזוי האָט שוין געוואָלט די שבתי־צבי־באַוועגונג אַראָפּנעמען דעם פלעק פון דער פרוי, ווייל יעדע משיחישע באַוועגונג האָט געוואָלט אויסלייזן דאָס פאָלק נישט בלויז אין עקאָנאָמישן זין, נאָר אויך אין גייסטיקן זין. דערפאַר שפּילט די פרוי אַזאַ גרויסע ראָל ביי יעדער נייער גייסטיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי יידן, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז קוים וועט מען אַריינציען די פרויען אין דער באַוועגונג, איז דער זיג אַ געזיכערטער...

אַזוי איז עס געווען אין דער שבתי־צבי באַוועגונג און אין נאָך אַ שטאַרקערער פאָרם ביי דער פראַנקיסטישער באַוועגונג, וואו דער קולט פֿון דער פֿרוי איז געוואָרן אַ הויפּט־יסוד אין יעקב פֿראַנקס רעליגיע און וואו דער סעקסועלער מאָמענט האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע.

אויך האָט חסידות דערהויבן די פֿרוי פֿון איר נעבעכדיקער „דאַליע". האָט אָפּגעשאַפֿט, אין אַ געוויסן זין, די מחיצה צווישן דער ווייבערשער שול און פאַליש...

דער בעל־שם־טוב אַליין האָט אָנגעהויבן אויסניצן זיין גייסטיקע קראַפֿט די ערשטע צייט אויף די פֿרויען. „ער פֿלעגט זיך אַרומדרייען אויף די יאַרידים און דערציילן מעשיות פראַסטע מענטשן און ווייבער". דערפֿאַר טרעפן מיר צווישן די ערשטע מופתים, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט באַוויזן, אַ גרויסע צאָל מופתים וועגן ווייבער. אַזוי ווערט דערמאָנט אין „שבחי הבעש"ט" דער מופת, וואָס דער בעש"ט האָט באַוויזן אין סלוצק ביי דער פֿרוי פֿון דעם נגיד ר' שמואל. די פֿרוי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געהייסן דעם מאַן פֿאַרבעטן אין שטוב אַריין דעם בעל־שם־טוב. אַזוי האָט אויך די פרוי פון דעם מגיד ר' צבי פון קאָראָסטישעוו געהייסן איר מאַן גיין זען דעם בעש"ט.

און חסידות האָט, אין קעגנזאַץ צו די מוסר־ספֿרים, געלערנט נישט צו האַלטן זיך אַזוי זינדיק, ווען מען קוקט אויף אַ שיינער פֿרוי. חסידות האָט שוין פֿאַרשטאַנען וואָס שיינקייט איז. אַזוי ווערט געבראַכט אין צוואת הריב"ש, פֿון בעל־שם־טוב וועגן דער פֿרוי, אַז: „אויב אַ מענטש וועט זען אַ שיינע פרוי, זאָל ער טראַכטן: פונוואַנען קומט צו איר דידאָזיקע שיינקייט? אויב זי וואָלט געשטאָרבן, וואָלט זי דען דאָס פנים געהאַט? אויב יאָ אַזוי, קומט דאָך דאָס פון דעם געטלעכן כוח, וואָס פאַר־

שפּרייט זיך אין איר. ער גיט איר דעם כּוח פֿון שיינקייט און רויטקייט. דערפֿון איז געדרונגען, אַז דער שורש פֿון שיינקייט איז אַ געטלעכער כּוח, הײנט צוליב וואָס־זשע זאָל איך ציען נאָך אַ טייל, בעסער זיך באַ־העפֿטן מיטן שורש פֿון אַלע וועלטן!..."

פֿון דעם אויבען־געבראַכטן ציטאַט זעען מיר, אַז דאָס חסידות קוקט נישט אויף דער שיינקייט פֿון אַ פֿרוי, ווי דאָס וואָלט געקומען פֿון דער „סטרא אחרא" פֿון דער „שלעכטער זייט", נאָר אַז פֿרויען־שיינקייט איז אַן אָפּשיין פֿון דער געטלעכקייט.

דאָס חסידות האָט אויך אַריינגענומען די פֿרוי אין זיין קרייז. די פֿרוי קומט צום רבין אָפּגעבן אַ קוויטל, רעדט זיך אויס פֿאַר אים איר ביטער האַרץ, און אָפטמאָל שלעפּט זי גאָר איר מאַן צום רבין, איז זיין פֿירשפּרע־כער, ווייל דער מאַן ווייסט כּמעט נישט וואָס עס טוט זיך אין דער שטוב, נאָר זי, די גאַנצע פּרנסה־פּאַרזאָרגעריך, זי ווייסט ווי ווייט די צרות זענען גרויס...

און עס איז אינטערעסאַנט, אַז ווען די מתנגדים זענען אַרויסגעטראָ־טען מיט חרמות קעגן די חסידים, האָבן זיי אויך, אין איין וועגס, דער־מאָנט די פֿרויען, וואָס דערפֿון זעט מען בפּירוש, אַז דאָס חסידות האָט זיי אָפּנים שטאַרק גענומען אין שוץ. אַזוי לייענען מיר צווישן די תּקנות פֿון מאָהילעווער קהלה, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן קעגן די חסידים אין יאָר 1778 צווישן אַנדערעס:

„א) עס איז פֿאַרבאָטן די טעכטער פֿון אונדזער שטאָט אָנצוטאָן זיך אינדערוואָכן אַ בגד פֿון זיידנס, און אַ פּשיטא אַז עס טאָר נישט זיין קיין שום זילבערנע אָדער גילדענע האָפטן אויפֿן בגד. ב) פֿאַר מאַנסבילן איז דער זעלבער דין וואָס פֿאַר ווייבער, אויך זיי טאָרן נישט אָנטאָן קיין זיידע־נעם בגד, סיידן צו אַ סעודה פֿון אַ ברית מילה און חתונה". דערנאָך קו־מען תּקנות קעגן די חסידים.

פֿון די דאָזיקע תּקנות זעען מיר, אַז די „פּאַרפֿירער פֿון דער כּתּה" ווי זיי ווערן אָנגערופֿן אין די תּקנות — האָבן געוואָלט זיך אָנטאָן שע־נער און האָבן אויך געהייסן די פֿרויען זיך אָנטאָן אין זיידענע קליידער, וואָס דאָס איז לויט דער השגה פֿון די מתנגדים קעגן דער תּורה...

די פֿרוי איז אין חסידות אַזוי ווייט דערהויבן געוואָרן, אַז זי האָט אַפֿילו געקאָנט קומען צו דער מדרגה פֿון אַ „צדיק". אַזוי טרעפֿן מיר שוין דעם בעל־שם־טובס טאָכטער, אָדעל, אַז די חסידים באַטראַכטן זי

פאַר אַ צדקת, זאָגן אויף איר, אַז דער בעל־שם־טוב האָט איר נשמה גע־נומען פון „אוצר הנשמות" און דערפאַר הייסט זי אַדעל, ווייל די ראשי תיבות זענען: „אש דת למו". און ווען די מתנגדים זענען אָנגעפאַלן אויף די תלמידים פון בעש"ט, האָבן זיי אויסגעטראַכט, אַז די חסידים האָבן געטאַנצט אַרום דעם בעל־שם־טובס טאָכטער, וואָס דאָס איז געווען לגמרי נישט אמת. נאָר ווי עס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש"ט", האָט מען געדאַווענט אין דער קלויז פרייטאָג צונאַכטס קבלת שבת, און ווי דער סדר איז געווען ביי די חסידים, האָט מען אינמיטן דאַווענען אויך גע־טאַנצט, און גראַד איז די טיר פון דער ווייבערשער שול געווען אָפן און אַדעל, די טאָכטער פון בעל־שם־טוב, איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט צוגעקוקט ווי אַזוי די חסידים טאַנצן.

פאַר די מתנגדים איז אָבער זייער וויכטיק געווען אַרויסצוברייגגען, אַז די חסידים באַטראַכטן דעם בעל־שם־טובס טאָכטער פאַר אַ הייליקע און פון איר צו מאַכן אַ צווייטע חוה פון יעקב פראַנק, אַזוי אַרום צו שלאָגען דאָס חסידות, אַז עס גייט אין די דרכים פון די פראַנקיסטן...

אויך די מוטער פון ר' נחמן בראַסלאַווער, פייגע, די טאָכטער פון אַדלען, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ צדקת און פאַר אַ בעלת רוח הקודש".

מיר וועלן בלויז אָנווייזן אויף די נעמען פון די פרויען, וועלכע פאַרנעמען אַ חשובן פלאַץ אין דער געשיכטע פון חסידות. ווי, למשל: רחלע, די טאָכטער פון דעם רבין ר' אברהם יהושע העשל, וועלכע איז זייער שטאַרק באַקאַנט געווען אין דער חסידישער וועלט. חוה־חיה, די טאָכטער פון דעם טשערנאָבילער מגיד, ר' מאָטעלע, אויף וועמען אירע ברידער האָבן עדות געזאָגט, אַז „זי איז אַזאַ צדקת ווי זיי אַליין, און אַז עס איז גאָר קיין שום אונטערשיד צווישן זיי נישט פאַראַן"... און אַ סך חסידים זענען טאַקע געקומען צו איר און האָבן מיט גרויס יראת הכבוד אויסגעהערט אירע חסידישע שמועסן.

מיר טרעפן אויך אין דער געשיכטע פון דער חסידישער באַוועגונג אַ פרוי, אַ „צדיק", וואָס איז געווען אַ „רבי", מיט אַלע פיטשעווקעס, גלייך ווי אַלע אַנדערע רביים. מיר מיינען די באַקאַנטע פיגור, די לודמי־רער מויד, וועלכע האָט גענומען קוויטלעך ביי חסידים, געפירט טישן מיט ווייבער, געזאָגט תורה פאַר ווייבער, געפירט שלוש־סעודותן, נאָר אַלץ פאַר ווייבער, און די מענער זענען געווען אָפגעזונדערט אין דער „מענער־

שער שול״, פונקט אַזוי ווי די ווייבער זענען אומעטום אָפּגעזונדערט אין דער „ווייבערשער שול״.

און ווען אַפילו די לודמירער מויד האָט שוין פאַרלוירן דעם רוח הקודש, צוליב אַ שפּיצל וואָס די רביים האָבן איר געהאַט אָפּגעטאָן און איר איינגערעדט זי זאָל חתונה האָבן און דערנאָך אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, איז זי דאָרטן אין ירושלים ווידער געוועזן אַ „רבי״ און געפירט טישן. האָט אַפילו געמאַכט הקפות אין דער שול.

נאָך אין גאָר־לעצטע צייטן האָבן מיר געקענט באַגעגענען אַ פרוי אַ „רבי״, ווי דאָס איז געווען די פּרעמישלאַנער רביצין אין ירושלים. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען זי צו באַזוכן אין דער שכונה „מאה שערים״ און איך האָב פאַר זיך געזען אַ „רבישן הויף״, מיט גבאיטעס, און אַפילו פאַרשידענע טאַבאַק־פּושקעלעך זענען געשטאַנען אויפן טיש.

די פּרעמישלאַנער רביצין האָט געפירט טישן אין „מאה שערים״, האָט געהאַט אַ סך חסידים, נאָר זי איז געווען אַ „ווייבערשער צדיק״, ווייל ווען עס האָט זיך געטראָפן מיט אירער אַ חסידתטע עפּעס אַן אומגליק איז זי נישט געלאָפן איינרייסן צום כותל המערבי אָדער אויף די הייליקע קברים, וואָס געפינען זיך אויפן הר־הזיתים, נאָר זי איז גלייך געלאָפן צו דעם מאַמע רחלס קבר, אַזוי ווי מיט איר וואָלט זי זיך געפילט היימישער און זיכערער...

צווישן די פאַרשידענע חסידישע לעגענדעס געפינען מיר אויך אַ סך מעשיות וועגן פרויען. אַזוי איז געוואָרן פאַרערלעכט די אַלטע ראַזוואַדאָווער רביצין. וועגן איר ווערן דערציילט מופתים פונקט ווי וועגן אַ גרויסן צדיק. מען זאָגט אויך, אַז איר מאַן, דער ראַזוואַדאָווער רבי, ר׳ משהלע האָראָוויץ, האָט אָפּטמאָל אויף איר געוואָרט מיט דער שמונה־עשרה און יעדן טאָג האָט זי דערציילט פאַר די קינדער די חלומות, וואָס זי האָט געהאַט באַנאַכט. און איין מאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט זי דערציילט, אַז זי איז געווען באַנאַכט אין גן־עדן. זי האָט געשילדערט פאַר די קינדער און פאַר די חסידים מיט אַלע איינצלהייטן און זייער בילדעריש ווי אַזוי דאָס גן־עדן זעט אויס און ווען זי האָט דאָרט באַגעגענט, און ווי אַזוי יעדער צדיק זיצט זיך אויף אַ שטול און איז „נהנה מזיוו השכינה״... זענען די קינדער צו איר צוגעגאַנגען און האָבן אַ שמעק געטאָן איר האַנט, האָבן זיי שיער נישט אָוועקגעחלשט פון דעם טייערן ריח, וואָס זיי האָבן דערפילט, ווייל די האַנט האָט געהאַט אַנגע־

רירט אַ גן־עדן־עפּעלע, האָט די האַנט דערנאָך נאָך געשמעקט אַ גאַנצן טאָג...

די חסידים זאָגן אויך נאָך ווערטלעך פֿון פֿרויען. און אָפּטמאָל שעמט מען זיך גאָרנישט צו דערציילן אַ ווערטל פֿון אַ פֿרוי, וואָס זאָל האָבן אַפֿילו בייגעקומען אַ רבין. אַזוי ווערט דערציילט וועגן דעם אַפּטער רבין, איין מאָל איז צו אים אַריינגעקומען אַ פֿרוי, אויף וועלכער מען האָט גערעדט אין שטאָט, אַז זי איז נישט קיין גרויסע צנועה. שטעלט זיך אויף דער אַפּטער רבי מיט כּעס און גיט אַ געשריי: „ווי שעמסטו זיך נישט אַריינצוקומען אין מיין שטוב אַריין, ווען דו ווייסט וואָס מען זאָגט אויף דיר!"

„פֿאַרוואָס זאָלט איר זיין אַזאַ שלעכטער?", פֿרעגט אים צוריק די פֿרוי, „פֿאַרוואָס לאָזט מיך גאָט אַליין, דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט, זיך יאָ אַרומדרייען אין זיין הויז (די גאַנצע וועלט איז דאָך גאָטס הויז) און איר ווילט מיך נישט האָבן אין אייער הויז?"...

דערציילן די חסידים, אַז דער אַפּטער רבי האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס איז די איינציקע פֿרוי, וואָס האָט אים מנצח געווען.

עס ווערט אויך באַכגעזאָגט אַ סך ווערטלעך פֿון דעם ראָפּשיצער רבינס מוטערביילע, און מען שרייבט צו די חכמה פֿון ראָפּשיצער רבין, ר' נפֿתלי צבי האָראָוויץ, צו איר.

אַזוי ווערט, צום ביישפּיל דערציילט, אַז דעם ערשטן שבת נאָך זייער חתונה, בעת דאָס יונגע ווייבל איז צוריקגעקומען פֿון שול, האָט דער פֿאָטער אירער זי געפֿרעגט, ווי זי האָט זיך געפֿילט אין גאָטס־הויז צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. די יונגע כּלה האָט שנעל געענטפֿערט מיטן פּסוק פֿון תּהילים: „שמחתי באומרים לי בית ד' נלך". און זי האָט דעם פּסוק אַזוי געטייטשט: „שמחתי" — איך האָב זיך געפֿרייט, באומרים לי ווען מען האָט מיר געזאָגט „הרי את מקודשת לי", בית ד' נלך — אַז איך קאָן שוין גיין אין גאָטס־הויז אַריין. (אַ מיידל האָט אין יענע צייטן ניט געטאָרט גיין אין שול אַריין).

אַ מאָל — דערציילן די חסידים — ווען איר מאַן ר' מענדעלע (זיין פֿולער נאָמען איז געווען: מנחם מענדעל בן יעקב ראַבין) (זע זיין הסכּמה צום „דגל מחנה אפֿרים" קאָרעץ, תק"ע), איז שוין געווען ליסקער רב, האָט אַ פֿישער אַריינגעבראַכט פֿריטיק אַ גרויסן פֿיש צו פֿאַר־קויפֿן. ר' מענדעלע, דעם ראָפּשיצערס פֿאָטער, האָט דעם פֿיש נישט

געוואַלט קויפן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט נאָך אַרויסקומען דערפון אַ חלול השם, דער פּראָסטער עולם אין שטאָט וועט זאָגן, אַז דער רב לעבט זיך זייער ברייט. די רביצין האָט אָבער אויף גאָר נישט געקוקט און האָט דעם פּיש יאָ געקויפט. פרייטאָג צונאַכטס, ווען מען האָט דערלאַנגט די פיש צום טיש, האָט ר׳ מענדעלע געבעטן מען זאָל אים געבן די לעבער פון דעם פיש. די קלוגע רביצין האָט גלייך געענט־פערט מיט א גמרא: במקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב. (דער פּשט איז, אַז ווען עס איז פאַראַן אַ חלול השם, דאַרף מען נישט אָפּגעבן קיין כבוד אָפילו אַ רב). די רביצין האָט אָבער געטייטשט דאָס וואָרט „כּבוד״ אַזוי ווי „כבד״ — לעבער, דאָס מיינט, אַז „ווען דו האָסט מורא פאַר חלול השם קומט דיר נישט קיין „כבד״ — „לעבער...

אָפּט מאָל האָט חסידות געשטעלט די פּרוי אָפילו העכער פון מאַן.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן דער פרומער ריוועלע פון סאַטאַנאַוו, אַז דער בעש״ט אַליין האָט וועגן איר געזאָגט, אַז ווען ער איז געווען ניט ווייט פון סאַטאַנאַוו, האָט ער פון דערווייטנס דערזען אַ גרויס ליכט שיינען אין שטאָט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו די יידן, וואָס זיינען געקומען אים מקבל פנים זיין: „שעמט זיך, וואָס ביי אייך מאַנסבילן האָב איך דאָס ליכט ניט דערזען נאָר ביי אַ פּרוי״. פון דאַן אָן האָבן זיך אירע מופתים געלאָזט הערן איבער דער גאַנצער חסידישער וועלט. (זע: ד״ר ש. א. האָראָדעצקיס „דער חסידיזם און זיינע פירער״, ווילנע, 1937, ז׳ 287).

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געבן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער פרוי איז נאָר געווען אין אָנפאַנג פון דער אַנטשטייאונג פון חסידות אין איר אויפבלי־תקופה. מיט דער צייט אָבער, ווען חסידות האָט זיך באַפעסט־טיקט און האָט שלום געמאַכט מיט די רבנים, האָט מען די פרוי צוריק פאַרשטופּט אין דער ווייבערשער שול אַריין. אָבער דאָך האָט חסידות געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג, אַז די פּרוי זאָל שפּילן מער ראָלע אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

חסידות און צדקה

חסידות האָט צוריק אויפגעלעבט די מצווה פון געבן צדקה. — וואָס חסידות זאָגט וועגן אונטערשטיצן אָרעמעלייט. — די באַגרינדער פון חסידות זענען אַרומגעפאָרן זאַמלען געלד פאַר הכנסת כלה און פאַר פדיון שבויים.

איינע פון די הויפּט־יסודות פון דער יידישער עטיק איז פון תמיד אָן געווען די מצוה פון צדקה.

אַזוי, למשל, קאָנען מיר טרעפן אין תלמוד אַ מאמר אַז: „צדקה שקולה כנגד כל מצוות התורה״ (די מצוה פון צדקה וועגט איבער אַלע מצוות פון דער תורה. ירושלמי, שקלים פ״ה), אָדער אַז: „דערפאַר וואָס מען גיט נישט געוווּג צדקה, האַלט מען אויף די גאולה״...

און אין „יד חזקה״ ווערט געבראַכט אַז: „מיר דאַרפן זיין אָפּגעהיט אין דער מצוה פון צדקה, מער ווי אין אַלע מצוות״ (חייבין אנו להזהר במצוות צדקה יותר מכל מצוות עשה״. יד חזקה, הלכות מתנת עניים).

אַ טייל היסטאָריקער האָבן אַפילו געוואָלט אויפקלערן, אַז דערפאַר האָבן די בעלי התלמוד אַזוי שטאַרק געליבט די מצוה פון געבן צדקה, ווייל זיי האָבן געוואָלט באַקעמפן די שלעכטע מאָראַל פון די רוימער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט אַזוי שטאַרק רחמנות האָבן אויף אַן אָרעמען און שוואַכן און האָבן געלערנט, אַז די מידה פון רחמנות איז גאָרנישט אַזאַ שיינע מידה ביי אַ מענטשן, ווייל דערמיט וואָס ער נעמט גיך צום האַרץ יענעמס ליידן, ווייזט ער נאָר אַרויס וואָס פאַר אַ שוואַכער מענטש ער איז אין דער נאַטור... זיי האָבן דערפאַר פאַרהערלעכט דעם „האַרטנעקיגן מענטשן״, דעם מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, האָבן דעריבער די בעלי־התלמוד געוואָלט אויסראָטן ביי יידן אָט די דאָזיקע שלעכטע מידה...

דער אמת איז אָבער, אַז נישט צוליב בלויז דעם אַליין האָבן די יידן אַזוי שטאַרק תמיד אונטערגעשטראָכן און אָנגעוויזן אויף דער גרויסער

מצוה פון געבן צדקה, נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס די דאָזיקע מאָראַלישע מידה איז געווען דער הויפּט יסוד פון דער גאַנצער יידישער אמונה...

מעגלעך איז אויך אַז צוליב דעם, וואָס יידן זיינען געווען תמיד אויסגעזעצט צו געפאַרן, דערפאַר וואָס זיי זענען תמיד געווען אין גלות, האָט זיך ביי די יידן אַנטוויקלט אַ שטאַרק געפיל פון קעגנזייטיקער הילף, צו אונטערשטיצן איינער דעם אַנדערן.

און ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס חסידות, האָט זי גלייך אָנגעהויבן אַרויסצוהייבן אָט די אַלטע יידישע מידה פון געבן צדקה, און אונטער־שטיצן דעם אָרעמאַן.

ווייל דער גאַנצער מהות פונעם חסידות איז דאָך געווען אַ באַוועגונג פון די אונטערדריקטע און פאַריאָכטע יידישע פאָלקס־מאַסן, איז דער־פאַר פאַרשטענדלעך, אַז די מצוה פון קעגנזייטיקער הילף, פון אונטער־שטיצן איינער דעם צווייטן האָט געשפּילט ביי די חסידים אַ גאָר גרויסע ראָל.

אַ טייל חסידים האָבן אין אָנפאַנג פון דער אַנטשטייאונג פון חסידות געהאַט אַפילו בשותּפותדיקע קאַסעס. האָבן געגעסן צוזאַמען און געלעבט אין אַ חברותא און האָבן אָפּגעשאַפט אין אַ געווויסן זין די גרויסע מחיצה, וואָס עס האָט פריער געהאַט געהערשט צווישן די רייכע און אָרעמעלייט. צווישן די שיינע יידן פון דער „מזרח־וואַנט" און די בעלי־מלאכות און „פראָסטאַקעס" פון „הינטערן אויוון"...

און בלעטערט מען אַדורך די חסידישע מעשיות וועגן די ערשטע רביים, די תּלמידים פונעם בעל שם טוב, זעט מען, אַז כּמעט אַלע חסידי־שע לעגענדעס רעדן וועגן דער גרויסקייט פון געבן צדקה, פון פדיון שבויים, און פון אונטערשטיצן דעם געפאַלענעם יידן...

זאָגט דער „בעל התניא", דער רבי ר' שניאור זלמן פון לאַדי אַז: „כּל עיקר גלוי השכינה, אינו לא בתורה ולא בתפילה, אלא דוקא בצדקה"... (דער עיקר פון דער אנטפלעקונג פון דער שכינה קאָן מען נישט דערגרייכן, נישט דורך תּורה, נישט דורך דאַווענען נאָר דורך צדקה („אגרת הקודש").

אויף אַן אַנדער אָרט:

„פונקט אַזוי ווי אַ בליץ גייט אַרויס פון צווישן די שווערע טונקעלע כמאַרעס און באַלייכט די וועלט, אַזוי לייכט אַרויס גאָט'ס ליכטיקייט אויף

דער גשמיותדיקער וועלט דורך דער מצוה פֿון צדקה״... (אין זיין „סדור״, שערי תּפילה)·

די רביים אַליין זיינען תּמיד אַרומגעפֿאָרן און צונויפֿגעזאַמלט געלט פֿאַר אָרעמע־לייט און פֿאַר חתונה־מאַכען יתומות און פֿאַר פּדיון שבויים.

עס ווערט אַפֿילו דערציילט וועגן ר׳ נחום טשערנאָבילער, אַז ער איז אַמאָל איינגעזעצט געוואָרן אין דער תּפיסה צוליב אַ מסירה, האָט ער זיך אויסגעפּועלט ביים אויפֿזעער פֿון דער תּפיסה, אַז ער זאָל אים דערלויבן אַרויסגיין אויף דער פֿריי אויף צוויי שעה, ווייל ער האָט געדאַרפֿט צונויפֿנעמען אין שטאָט געלט פֿאַר אַן אָרעמאַן.

דער אויפֿזעער פֿון דער תּפיסה האָט צוערשט נישט געוואָלט אים דערלויבן, נאָר ערשט ווען עס איז אָנגעקומען ר׳ וואָלף פֿון זשיטאָמיר און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז מסכּים אַריינצוגיין אין תּפיסה אַריין אַלס משכּון אויף דער צייט, וואָס דער רבי וועט אַרומגיין אין שטאָט צונויפֿנעמען געלט, האָט ערשט דעמאָלט דער אויפֿזעער פֿון דער תּפיסה דערלויבט דעם רבין ר׳ נחום טשערנאָבילער, ער זאָל אַרויסגיין אויף צוויי שעה פֿון טורמע, כּדי ער זאָל קאָנען צונויפֿקלייבן געלט פֿאַר אַן אָרעמאַן...

בפֿרט האָבן אַלע רביים, די תּלמידים פֿון בעל־שם־טוב און פֿון אַ דור שפּעטער, נישט בלויז געהייסן די חסידים זיי זאָלן געבן צדקה, נאָר זיי האָבן אויך אַליין מקיים געווען די מצוה, אַליין אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט.

מיר וואָלטן עס זיך גאַרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן אין וואָס פֿאַר אַ דחקות, למשל, דער רבי ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק, דער באַגרינדער פֿון חסידות אין גאַליציע, האָט געלעבט, ווען נישט דער בריוו וואָס איז פֿון אים פֿאַרבליבן (אָפּגעדרוקט אין „עשר צחצחות״, זייט כ״א), וואו ער דערציילט מיט גרויס תּמימות, אַז זיין שוועסטערס זון איז צו אים געקומען פֿון אַ ווייטן וועג, פֿון טיקטין, בעטן ער זאָל אים אַרויסהעלפֿן חתונה מאַכן זיינס אַ טאָכטער, ווייל, ווי ער האָט געהערט, צעטיילט דער רבי ר׳ אלימלך אַ סך געלט צו אָרעמע־לייט און מאַכט חתונה יתומות. האָט ער זיך געטראַכט: אַז אויך ער וועט פֿאָרן צום פֿעטער און בעטן ער זאָל אים אַרויסהעלפֿן אין זיין נויט, מיינענדיק אַז עס ליגט ביי אים געלט אין דער פּושקע. „אין דער אמתן אָבער—באַקלאָגט זיך דער רבי ר׳ אלימלך אין בריוו—בין איך עוסק געווען אין היילן מענטשן (געמיינט זיכער „רפֿואת הנפֿש״ — היילן די נשמה) און יעדער איינער האָט מיר איבערגעלאָזט וויפֿיל זיין הארץ האָט

געגלוסט און פון דעם געלט האָב איך געטיילט די אָרעמעלייט, וואָס זיי־נען די ערשטע געקומען אין מיין שטוב... און איצט איז שוין אַ פּאָר וואָכן, ווי איך ליג קראַנק אין בעט און איך קאָן נישט מער אויפנעמען מענטשן אַזוי ווי פריער... און די צייט איז פאַר מיר אַליין שווער!... האָב איך אים דערפאַר אָפּגעשיקט אָן אַ גראָשן!...״

און נישט בלויז דער רבי ר׳ אלימלך אַליין האָט געלעבט אין גרויס דחקות, נאָר אַפילו די רביים פון אַ שפּעטערדיגן דור האָבן געלעבט אין גרויס נויט... און האָבן צעטיילט אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט...

אָבער דער דאָזיקער דרך פון אַוועקגעבן אַלץ צו די אָרעמעלייט האָט ביי די רביים לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

באַלד זיינען געשאַפן געוואָרן „הויפן״ פון די רביים מיט גרויס לוקסוס און רייכקייט.

דער ערשטער וואָס האָט איינגעפירט אָט דעם דרך איז געווען דער רבי ר׳ ברוכ׳ל פון מעזשיבעזש, וועלכער האָט זיך תמיד שטאַרק געגרייסט דערמיט וואָס ער איז דעם בעל־שם־טוב׳ס אַן אייניקל· ער האָט געהאַלטן, אַז אַ רבי דאַרף זיין אַ מנהיג ביי יידן און דאַרף לעבן בהרחבה... נאָך אים זיינען שוין נאָכגעגאַנגען אַ סך אַנדערע רביים, די טשערנאָבילער איי־ניקלעך, דער ריזשינער און די סאַדיגורער, טאַלנער, גערער און בעלזער רבי.

דאָך האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון צייט צו צייט אַ רבי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה, ווי למשל, דער סאַנזער רבי ר׳ חיים האַל־בערשטאַם, וועלכער האָט טאַקע געפירט אַ גרויסן הויף, געהאַלטן אַלע קינדער און אייניקלעך ביי זיך און דאָך האָט ער כמעט זיין גאַנץ פאַר־מעגן צעטיילט צווישן די אָרעמעלייט. און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז עס איז צו אים אַריינגעקומען אַן אָרעמע פרוי און פאַר אים געוויינט, אַז זי האָט נישט קיין געלט חתונה צו מאַכן איר טאָכטער, האָט דער רבי אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און עס איר אַוועקגעגעבן.

דער שם פון סאַנזער רבין אַז ער טיילט אַ סך צדקה איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז הונדערטער אָרעמעלייט האָבן זיך געשלעפּט קיין סאַנז פון די ווייטסטע מקומות און אַפילו פון אונגאַרן, און די גבאים האָבן שוין אָפּ־געהיט די טיר פון סאַנזער רבינס שטוב, כּדי עס זאָלן זיך נישט אַריינ־כאַפּן קיין סך אָרעמעלייט מיט איין מאָל, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער

רבי דאַרף אויך האָבן געלט אָוועקצוגעבן דער רביצין צו פירן דעם „הויף״...

און נישט איין חסידישע מעשה ווערט דערציילט וועגן דעם סאַנזער רבין, ווי אַזוי ער האָט אָוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אַזוי ווערט דערציילט: אַז איינמאָל האָט דער סאַנזער רבי נישט גע־קאָנט שלאָפן ביינאַכט האָט ער אַריינגערופן דעם גבאי און אים נאָכאַמאָל געבעטן אויסצושאָקלען אַלע קעשענעס פון זיינע מלבושים און דער גבאי האָט טאַקע צום צווייטן מאָל געפונען אַ זילבערנע מטבע פאַרשטעקט אין אַ קעשענע פון זיין שפּענצער...

ערשט ווען דער סאַנזער רבי האָט די מטבע אָוועקגעגעבן אַן אָרעמאַן, לאָזט אויס די חסידישע מעשה, האָט ער געקאָנט איינשלאָפן, וואָרים ער האָט אויף זיך געהאַט גענומען אַ מידה, אַז עס זאָל קיינמאָל ביי אים נישט איבערנעכטיגן קיין פרוטה אין שטוב...

און איינמאָל ווידער, ווערט דערציילט, איז צו אים געקומען אַן אָרע־מע אידענע און פאַר אים געוויינט, אַז זי האָט נישט אויף קיין אויסשטייער פאַר איר טאָכטער, און דערפאַר וועט דער שידוך מוזן אָפּגיין. האָט דער סאַנזער רבי קיין סך נישט געקלערט און איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגענומען דאָס גאַנצע אויסשטייער, וואָס די רביצין האָט געהאַט אָנ־געגרייט פאַר איר טאָכטער, חתונה צו מאַכן מיט אַ גרויסן רבי׳ן פון רוס־לאַנד און האָט עס איר אַלץ אָוועקגעגעבן...

און ווען דעם רבינ׳ס טאָכטער, די כלה, איז דערנאָך אַריינגעקומען און דערזען, אַז די שאַנק איז ליידיק, האָט זי זיך צעוויינט אויף אַ קול, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז אין די חסידישע הויפן אין רוסלאַנד איז מען שטאַרק מקפיד, אַז די רעביצינס זאָלן גיין שיין אָנגעטאָן.

האָט דער סאַנזער רבי זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און האָט זי גע־טרייסט און איר אויסגערעדט דאָס האַרץ:

„קינד מיינס, וואָס וויינסטו? דו אַן קליידער ביזט פאַרט דעם סאַנזער רבינס טאָכטער און מען וועט פאַר דיר דרך ארץ האָבן, אָבער די אָרעמע יידענע, נעבעך, אַז זי וועט נישט האָבן קיין שיינעם אויסשטייער פאַר איר טאָכטער, וועט טאַקע אָפּגיין דער שידוך און אַ יידיש קינד וועט בלייבן זיצן אַ פאַרזעסענע״...

אַ גרויסער בעל־צדקה איז אויך געווען דער רבי ר׳ מענדעלע פון ריי־מאַנאָוו, און ער האָט אַפילו געזאָגט אין אַ הלצה, אַז דערפאַר מאַכט מען

נישט קיין ברכה ביים געבן צדקה, ווי ביי אַנדערע מצוות, ווייל אַ מצוה דאַרף מען מקיים זיין מיטן גאַנצן האַרצן און מיט שמחה און קיינער גיט דאָך ניט קיין צדקה מיט שמחה!...

און איינמאָל ווידער, דערציילט מען, האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אַ חסיד, אַז ער וואָלט זייער געוואָלט געבן אַ סך צדקה און זיין אַ מכניס אורח, נאָר ער האָט אַ ווייב אַ מרשעת, און אַ גרויסע קאַרגע, וויל ער נישט, אַז עס זאָל אַרויסקומען צוליב דעם קריגערייען אין שטוב.

האָט אים דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט:

די גמרא זאָגט, אַז די מצוה פון געבן צדקה און הכנסת אורחים, איז גרעסער ווי מקבל צו זיין די שכינה (גדולה הכנסת־אורחים יותר מקבלת פני השכינה).

איז דאָך אין פלוג קשה: צו וואָס דאַרף די גמרא זאָגן, אַז די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל זיין די שכינה, וואָלט דען נישט גענוג געווען, ווען מען זאָגט: „פונקט אַזוי ווי מען איז מקבל די שכינה״? נאָר דער תירוץ איז: ווייל, די חז״ל זאָגען, אַז ווען מאַן און ווייב לעבן בשלום, רוט די שכינה צווישן זיי, ווען אָבער זיי קריגן זיך טוט זיך אָפּ פון זיי די שכינה: דערפאַר ווען מען וואָלט געזאָגט, אַז די מצוה פון הכנסת אורחים איז פונקט אַזוי גרויס ווי מקבל זיין די שכינה, וואָלט אַ מאַן זיך טיילמאָל געוועןן אָפּגעהאַלטן פון געבן צדקה, כדי עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין קריגערייען אין שטוב און צוליב דעם וועט דאָך די שכינה זיך אָפּטאָן פון הויז. ווען אָבער מען זאָגט, אַז די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער פון מקבל זיין די שכינה, מיינט מען, אַז ווען אַפילו מ׳האָט אַ ווייב אַ מרשעת און מען ווייסט, אַז צוליב דער מצוה, פון געבן צדקה וועט זיך אָפּטאָן די שכינה פון שטוב, זאָל מען אָבער אויף גאָרנישט קוקן און מקיים זיין די מצוה...

חסידות און תשובה

ניט דורך פֿאַסטן און פּייניקן זיך איז דער וועג צו תשובה, נאָר דורך עסן און פֿריילעך זיין, לערנט דאָס חסידות. — ווי די אַמאָליקע מקובלים פּלעגן זיך מסגף זיין. — דער בעש״ט האָט געלערנט ווי אַזוי נהנה צו זיין פֿון דער וועלט.

חסידות האָט בעת זיין אַנטשטייאונג געהאַט צו באַקעמפֿן נישט בלויז די פֿאַרשידענע מידות, וואָס האָבן זיך אין משך פֿון דורות אַנגעקליבן אין יידנטום, וועלכע זיינען נוגע בין אדם לחברו, נאָר אויך די מידות וואָס זיינען נוגע בין אדם למקום.

די גייסטיקע פּירער פֿון יידנטום, די רבנים, האָבן תמיד אַרויפֿגעלייגט אַ גרויסן עול אויפֿן פּראָסטן יידן, הן בנוגע תפילה, הן בנוגע אָפּצוהיטן די מצוות און דער עיקר בנוגע תשובה צו טאָן.

אויף אָט דעם געביט פֿון תשובה טאָן אויף אַן עבירה, איז תמיד אַנגעגאַנגען אין יידנטום אַ קאַמף צווישן די בעלי־נגלה און די בעלי־נסתר, צווישן די, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער עיקר תשובה איז צו פּייניקן די נשמה און דעם גייסט און נישט דעם קערפּער, וואָס איז אַ פּראָסטער חומר. דערפֿאַר האָבן זיי געהאַלטן, אַז מען דאַרף וואָס ווייניקער מסגף זיין דעם גוף, בשעת די מקובלים האָבן געלערנט, אַז מען דאַרף רייניקן דעם קערפּער און מען דאַרף באַשטראָפֿן דעם גאַנצן גוף פֿאַר יעדער מינ־דעסטער עבירה.

דעריבער זעען מיר, אַז די בעלי נגלה האָבן געלערנט, אַז „ווען איינער טוט תשובה מיטן געדאַנק ווערט ער פֿון אַ רשע גמור אַ צדיק גמור״... („והרהור תשובה לצדיק גמור״, קדושין מ״ט, ע״ב). זיי האָבן געהאַלטן, אַז די הויפּט אברים, וואָס רעדן אַן צו טאָן אַן עבירה זיינען דאָס האַרץ און דער מוח און דערפֿאַר איז גענוג ווען דער מענטש טראַכט זיך אַריין ווי ווייט ער האָט זיך דערווייטערט פֿון גאָט, טוענדיק אַן עבירה, איז גענוג „ווען דער זינדיקער פֿאַרלאָזט זיינע חטאים און באַשליסט אין האַרצן

מער נישט צו זינדיקן"... (תכלית התשובה: „שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד"... („יד חזקה" הלכות תשובה, פ"ב הל' ב').

דאָקעגן די מקובלים האָבן געהאַלטן, אַז עס זינדיקן נישט בלויז דער מוח און דאָס האַרץ, נאָר אַלע 248 אברים און 365 אָדערן (רמ"ח אברים און שס"ה גידין), און דערפאַר, ווען אַ מענטש האָט געטאָן אַן עבירה, דאַרף ער פּייניקן זיין גאַנצן גוף.

צוליב דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע לערע ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך מסגף זיין. פאַראַן עבירות, למשל, לערנען די בעלי־קבלה, וואָס דער מענטש דאַרף זיך פּייניקן פון נישט עסן בייטאָג, נאָר ביינאַכט זאָל ער עסן ברויט מיט וואַסער, אָדער ער זאָל דריי טעג אומאונטערבראָכן פאַסטן (רוקח, הלכות תשובה). אַמאָל דאַרף ער פאַסטן „לכל הפחות פערציק טעג", אָדער ער „מוז פאַסטן צוויי און זיבעציק טעג"... אַמאָל ווידער — פיר־און־אַכציק טעג און פאַר אַ גאַר האַרבער עבירה — גאַנצע הונדערט און פיר־און־זעכציק טעג... (רוקח, הלכות תשובה, אות ז'). אָבער די מקובלים האָבן זיך נישט געלאָזט באַנוגענען מיטן פאַסטן אַליין, נאָר זיי האָבן אויסגעטראַכט פאַרשיידענע פּייניקונגס־מיטלען, וואָס דער מענטש אַליין האָט זיך געדאַרפט מיט זיי פּייניקן, ווי למשל: שלאָפן אויף דער ערד, נישט וואַשן זיין לייב, זיצן אין שניי אָדער אין אייז, יעדן טאָג אַ שעה, און אין זומער זיצן נאַקעט אין דער זון, צווישן פליגן, מוראַשקעס און בינען!... זיי האָבן פאַרשריבן יעדן מענטשן אַן אַנדער תשובה לויט דער עבירה וואָס ער האָט געטאָן, אַמאָל אים אַרויסגעגעבן אַ „תשובה המשקל" (אַפּוועגן דעם צער וואָס ער האָט קעגן דער הנאה וואָס ער האָט געהאַט פון דער עבירה), אָדער „תשובה הכתוב" (דאָס מיינט: ער זאָל אויף זיך נעמען אַזאַ תשובה, ווי עס שטייט אין דער תורה, אויב, למשל, פאַר אַזאַ עבירה קומט מיתה, דאַרף ער זיך אַזוי לאַנג פּייניקן, ביז דער צער זאָל זיין אַזוי גרויס ווי די מיתה אַליין).

און וואָס מער די יידן אין מזרח־איראָפּע זיינען עקאָנאָמיש געדריקט געוואָרן, ווען עס האָבן זיך געמערט צרות אויף זייערע קעפּ, און די היידאַמאַקעס האָבן געמאַכט פּאָגראָמען, חרוב מאַכנדיק גאַנצע יידישע קהלות, אַלץ מער איז געוואַקסן דער אַסקעטיזם ביי יידן און אַלץ מער האָבן די מקובלים געהייסן זיך פּייניקן. בפרט נאָך ווען עס איז אָנגעקומען די תקופה פון „גזירות ת"ח"... און פון דער שבתי צבי באַוועגונג,

ווען יידן האָבן געמיינט, אַז די אַלע צרות זיינען בלויז אַן „אָנהויב פון דער גאולה" און אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן אַקעגנצוגיין משיחן...

דערציילט טאַקע שלמה מיימון אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז „אין דער שטאָט לובטש האָט געלעבט אַ באַוואוסטער געלערנטער ייד, ר' שמעון, וואָס זיין איינציקער ציל אין לעבן איז געווען: צו לייטערן זיין נשמה דורך שטרענגער תשובה. ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט די תשובה הקנה, דאָס הייסט, ער האָט זעקס יאָר כסדר געפאַסט אַלע טאָג, און אַלע אָוונט ביים אָפּפאַסטן זיך, האָט ער נישט געגעסן קיין שום שפּייז, וואָס קומט פון אַ בעל־חי... ער האָט אָפּגעריכט „גלות", דאָס הייסט, האָט אַרומגעוואָנדערט ווי אַן אַלטער בע־ונדניק, איז אין איין אָרט ניט פאַר־בליבן קיין צוויי טעג, און האָט געטראָגן אַ האָרענעם זאַק אויפן הוילן לייב. אָבער ר' שמעון לובטשער האָט געמיינט, אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט געטאָן גענוג צו דערגרייכן אַ כפרה אויף זיינע כלומרשטע זינד און ער האָט אויף זיך גענומען די „תשובה המשקל"... ער האָט אָבער אויסגע־רעכנט און אויסגעפונען, אַז די צאָל פון זיינע זינד איז צו גרויס ער זאָל קאָנען ברענגען זיי אַ תיקון דורך „תשובת המשקל" — בכן האָט ער באַשלאָסן צו געפינען אַ כפרה אויף זיינע חטאים אויף אַ פשוטן אופן — זיך לאָזן אויסהונגערן ביז צום טויט. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. נאָך דעם ווי ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אויף אַזאַ אופן, איז ער אויף זיין וואַנדער־וועג, איינמאָל, געקומען אין וואוין־אָרט פון מיין פאָטער, און נישט צו זאָגן קיינעם פון די שטוב־מענטשן אַ וואָרט, איז ער אַריין אין שייער און אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אין חלשות. מיין פאָטער איז גראָד דעמאָלט צופעליק אַריין אין שייער און ער האָט געפונען אויף דער ערד ר' שמעונען, וואָס ער האָט אים געקענט שוין פון לאַנג, אַ האַלב טויטן מיט אַ זוהר... אין דער האַנט.

„אַזוי ווי מיין פאָטער האָט אים שוין געקענט — דערציילט ווייטער שלמה מיימון — האָט ער תיכף געבראַכט וויין... אָבער ר' שמעון האָט דערפון בשום אופן נישט געוואָלט פאַרזוכן. מיין פאָטער האָט שטאַרק געבעטן ר' שמעונען עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין צו דערכאַפּן די נשמה, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. און היות ווי מיין פאָטער איז אין דער צייט געווען זייער פאַרנומען אין שטוב מיט אַרבעט, און ר' שמעון האָט זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן... האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות, אויפגעשטעלט זיך אויף די פיס, אַרויס פון שייער און צום סוף אַוועק

פון דאַרף. אַז מיין פֿאָטער איז ווידער אַריינגעקומען אין שייער און האָט דאָרטן ר׳ שמעונען מער נישט געפֿונען, איז ער אים נאָכגעלאָפֿן און האָט אים געפֿונען נישט ווייט הינטערן דאָרף ליגן — שוין אַ טויטן. די מעשה איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אומעטום אין די יידישע קהלות, און ר׳ שמעון איז געוואָרן אַ קדוש״...

אָט אַזוינע „קדושים״, וועלכע האָבן זיך אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז זיי זיינען פֿאַר יסורים געשטאָרבן, האָט מען דעמאָלט געפֿונען אין פֿאַרשידענע יידישע קהלות.

ערשט דער באַגרינדער פֿון חסידות, דער בעל־שם־טוב, האָט אָנגעהויבן צו באַקעמפֿן דעם אַסקעטיזם און איז אויך אין דעם ענין זיך פֿאַנאַנדערגאַנגען אין דער שיטה פֿון דעם גרויסן צפֿתער מקובל האר״י, וועלכער האָט אויך געהייסן זיך מסגף זיין. און דער בעש״ט האָט געלערנט, אַז:

„עס איז בעסער צו דינען גאָט אָן סגופֿים״ (צוואת הריבש״ט), ווייל דאָס פֿאַסטן שוואַכט אָפּ דעם גוף פֿון צו קאָנען דינען דעם אויבערשטן און עס איז בעסער, אַז דער כוח, וואָס דער מענטש לייגט אַריין אין פֿאַסטן, זאָל ער עס בעסער אַריינלייגן אין לערנען תורה און תפֿילה און ער זאָל דאַווענען מיט זיין גאַנצן כוח און אַלע כוונות״ (תורה אור, תהלים, אין נאָמען פֿון בעש״ט).

און נישט בלויז האָט דער בעל־שם־טוב געלערנט די תלמידים זיינע, מען זאָל נישט פֿאַסטן, נאָר ער האָט אויך דאָס געטאָן במעשה. ער האָט אויסגעפּועלט ביי זיינע תלמידים, זיי זאָלן זיך אָפּגעוואוינען פֿון תעניתים.

ווייל דער בעל־שם־טוב האָט געהאַלטן, אַז ווען דער גוף ווערט אָפּגעשוואַכט, ווערט אויך די נשמה אָפּגעשוואַכט. דערפֿאַר דאַרף דער מענטש אָפּהיטן זיין גוף, וואָרים „איינע פֿון די תחבולות פֿון יצר הרע ווי אַזוי צו פֿאַרבלענדן די אויגן פֿון דעם מענטשן, ער זאָל זיך האַלטן פֿאַר אַ צדיק גמור, איז דורך דעם, וואָס ער רעדט אים אַן ער זאָל פּייניקן זיין גוף״ (צוואת ריב״ש).

דער בעל־שם־טוב איז געגאַנגען אין זיין שיטה, אַז מען דאַרף נישט פֿאַרמיאוסן אַלץ וואָס עס איז פֿאַראַנען אויף דער וועלט, נאָר מען קאָן אויך געפֿינען גוטע זאַכן אויף אָט דער וועלט. און ער האָט געזאָגט: „ווער עס רעכנט, אַז די וועלט האָט גאָרנישט קיין ממשותדיקייט, דער איז זיך טועה, ווייל די וועלט איז זייער שיין פֿאַר דעם, וואָס ווייסט וויפֿיל

צו נעמען פון איר און צו האָבן פאַרגעניגן פון איר!"... (זע אויך לקוטי רמ"ל, „הנהגת השמחה בעבודה").

און אין דער זעלביקער שיטה זיינען אויך געגאַנגען אַלע תלמידים זיינע, די באַגרינדער פון חסידות. אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר ברענגען אַ פּאָר מאמרים, פון די רביים, די הויפּט־זיילן פון חסידות.

יוסף הכהן האָט געזאָגט אַז: „ווי נאָר אַ מענטש נעמט אויף זיך תשובה צו טאָן, ווערט ער שוין אָנגערופן אַן אמתער צדיק" (תולדות יעקב יוסף) און אַז „אויך אין עסן זיינען פאַראַן גוטע כוונות, דער מענטש זאָל דערנאָך קאָנען דינען דעם אויבערשטן" (דאָרט), און אַז „דער מענטש דאַרף ליב האָבן אַלע מינים מאכלים, ווייל די אַלע זאַכן דאַרף דער מענטש האָבן!" (מדרש פנחס, לקוטים). און אַז „דער תיקון הגוף איז פריער פון תיקון הנפש" (ספר המדות, פון ר' נחמן בראַסלאַווער).

און עס איז אינטערעסאַנט, וואָס פאַר אַ תשובה איינער פון די תלמידים פון מעזעריטשער מגיד האָט אַרויסגעגעבן אַ יידענע, וועלכע האָט אויף זיך געהאַט אַ גרויסע זינד.

די מעשה איז אַזוי געווען: אַמאָל האָט אַ יידענע אין שלאָף דערוואָרגן איר אייגן קינד, ווען זי איז מיט אים געשלאָפן צוזאַמען אין בעט. איז די יידענע געפאָרן צו אַ סך רבנים, האָבן זיי איר אַרויסגעגעבן אַ תשובה, אַז זי זאָל פאַסטן פיר־און־אַכציק תעניתים, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַ תענית.

איינמאָל איז דורך דער דאָזיקער שטאָט, וואו די יידענע האָט געוואוינט, דורכגעפאָרן אַ רבי, איינער פון די תלמידים פון מעזעריטשער מגיד, האָט ער געהערט וואָס פאַר אַ תשובה די רבנים האָבן איר אַרויסגעגעבן, האָט ער געהייסן, אַז די יידענע זאָל אויפהערן פאַסטן, נאָר זי זאָל מער עסן, ווי זי האָט ביז איצט געגעסן און דאָס וועט זיין איר תשובה. און דער רבי האָט עס מסביר געווען אויף אַזאַ אופן: עס איז באַקאַנט, אַז די בעסטע תשובה איז די „תשובת המשקל", דאָס הייסט, אַז לויט דער עבירה וואָס דער מענטש האָט געטאָן, אַזאַ תשובה דאַרף ער אַרויסנעמען, און מיט וואָס האָט אייגנטלעך די דאָזיקע יידענע געזינדיקט? בלויז דערמיט, וואָס זי האָט דערהרגעט אַ יידיש קינד, דאַרף זי ברענגען אויף דער וועלט אַ אַנדער יידיש קינד, און דאָס וועט נאָר מעגלעך זיין, ווען זי וועט עסן און טרינקען, וועט זיין געזונט, וועט שיין אויסזען, וועט זי דעמאָלט געפינען חן אין די אויגן פון איר מאַן און זי וועט אַזוי אַרום מעוברת ווערן און

האָבן אַ קינד. אָבער אַז זי וועט פֿאַסטן, וועט זי אָפּגעצערט ווערן, וועט זי זיך אָפּשיידן פֿון מאַן, איז ווי אַזוי וועט זי קאָנען מתקן זיין דעם חטא אירן?... (שׂפתי צדיקים).

דעריבער האָבן טאַקע די תּלמידים פֿון בעש״ט געלערנט, אַז אויב אַפֿילו אַ מענטש עסט בלויז דערפֿאַר כּדי עס זאָל האָבן כּוח צו דינען דעם אויבערשטן, איז זיין עבודה נישט בשלימות, ווייל דער מענטש דאַרף דינען גאָט מיט דעם עסן און טרינקען אַליין!... (מעין החכמה).

און ווען חסידות האָט געוואָלט אָפּחוזקן פֿון די גרויסע פֿאַסטערס, פֿון די מוסר־זאָגערס, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף לעבן אַסקעטיש, האָט זי נישט געפֿונען קיין אַנדערן און בעסערן מיטל, ווי צו דערציילן אַ מעשה פֿון בעש״ט׳ס פֿערד, אַז איינמאָל איז דער בעל־שם־טוב אַרויסגעפֿאָרן מיט זיינע פֿערד אין אַ וויטן וועג. און אַזוי ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט אָפּט, אַז דער בעל־שם־טוב האָט געהאַט זייער אַ סך מאָל „קפיצת־הדרך״, זענען די פערד אויך דאָס מאָל געפֿלויגן פֿייל־פֿון־בויגן. זיי האָבן געמאַכט הונדערטער מיילן אין אַ שעה — האָבן אָבער די פערד דערזען, אַז מען פֿאָרט כּסדר דורך קרעטשמעס און מען שטעלט זיך נישט אָפּ, איז זיי דאָס געוואָרן אַ חידוש, און איין פערד האָט געפֿרעגטביים צווייטן.

— וואָס איז די מעשה וואָס מיר שטעלן זיך נישט אָפּ עסן, מיר זענען דאָך הונגעריק.

— פערד איינער, — ענטפֿערט אים דאָס צווייטע פערד, — דו מיינסט טאַקע הפּנים, אַז מיר זענען פּשוטע פֿערד. מיר זענען דאָך די פערד פון בעל־שם־טוב, זענען מיר גלייך צו מענטשן און מיר דאַרפֿן נישט עסן ביי יעדער קרעטשמע.

האָט דאָס ערשטע פערד געשוויגן און ווייטער געפלויגן מיטן וועגעלע. אַז מען איז ווידער דורכגעפֿאָרן אַ פּאָר קרעטשמעס און מען האָט זיך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט, פרעגט ווייטער דאָס ערשטע פערד:

— הער נאָר דו, דו זעסט, ווי דאָרט, די מענטשן אין וועגעלע עסן און אונז גיט מען גאָרנישט?

— איין קליינקייט, — ענטפֿערט דאָס צווייטע פערד, — דו מיינסט, אַז מיר זענען מענטשן, אָבער דו דאַרפֿסט געדענקן, אַז מיר פֿאָרן איצט אין אַ גאָר גרויסער שליחות און מיר זענען „בבחינת מלאכים.״

— אזוי גאר? — האט דאס ערשטע פערד אויסגעשטעלט די פאר פערדישע אויערן. — פון דעם האב איך גארנישט געוואוסט.

און די חסידישע לעגענדע לאזט אויס, אז די פערד זענען אזוי גע־פארן א פאר מעת־לעת און האבן אין ערגעץ נישט געגעסן און נישט גע־טרונקן. „זיי זענען טאקע געווען אין דער בחינה פון מלאכים. אבער ווי נאר דער בעל־שם־טוב האט זיך אפגעשטעלט ביי דעם ארט, וואו ער האט געדארפט און מען האט די פערד צוגעפירט צו דער קארעטע, זענען זיי געווארן אויס מלאכים און צוריק פשוטע פערד".

אט דערמיט האט דאס חסידות געוואלט אנווייזן, אז אפילו די גרוי־סע פאסטער, איז כל־זמן זיי לעבן אין תעניתים זענען זיי אפשר אין דער בחינה פון מלאכים, אבער קוים כאפן זיי זיך צו צום עסן, זענען זיי פשוט'ע מענטשן...

עס ווערט טאקע אויך דערציילט פון רבין אלימלך פון ליזשענסק, ווען עס איז צו אים אריינגעקומען אמאל א מתנגד און האט זיך פאר אים באקלאגט, אז ער איז אין זיינע יונגע יארן באגאנגען א גרויסע עבירה און ער וויל, אז דער רבי ר' אלימלך זאל אים ארויסגעבן א תשובה, האט דער רבי ר' אלימלך אויסגעהערט ווי דער ייד האט פאר אים אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ, און ער האט אים געענטפערט:

— אויף אזא הארבער עבירה זע איך נישט אין קיין אנדער תשובה, ווי דו זאלסט איינעמען א לעפל צעלאזענעם בליי!

האט דער ייד שוין מסכים געווען אויף אט דער תשובה און גע־וואלט עס גלייך איינעמען, אבער דער רבי ר' אלימלך האט אים גע־געבן צו פארשטיין, אז דער לעפל בליי אליין וועט אים נישט רייניקן זיין זינדיקע נשמה, נאר ער דארף אפריער תשובה טאן מיט זיין הארץ און מח...

האט דער רבי ר' אלימלך מיט דעם יידן יעדן טאג געלערנט פארשי־דענע חסידישע ספרים און האט אים צוגעגרייט אויסצוטרינקען דעם לעפל צעלאזענעם בליי. און ווען עס איז געקומען דער טאג, וואס דער רבי ר' אלימלך האט אים געזאגט, אז ער איז שוין ראוי אויסצוטרינקען דעם לעפל בליי, האט דער רבי ר' אלימלך אריינגערופן א סך חסידים, האט גע־הייסן אויסלאזן א לעפל פון בליי, און דערציילט לפני עם ועדה, וואס פאר א הארבע עבירה דער ייד איז באגאנגען, און אויסגעפירט, אז עס איז

קיין אַנדער עצה נישט פֿאַראַן ווי אַזוי ער זאָל זיך אויסקויפֿן פֿון די זינד, סיידן ער זאָל איינשלינגען אַ לעפֿל הייסן בליי...

און דער ייד האָט נעבעך אין איין ציטערניש און מיט טויט־שרעק געעפֿנט דאָס מויל, זייענדיק זיכער, אַז ער וועט עס נישט איבערטראָגן, און דער רבי ר׳ אלימלך האָט אים אַריינגעגאָסן אַ לעפֿל — איינגעמאַכץ...

אַט אַזוי האָט דער רבי ר׳ אלימלך געוויזן דאַרף מען זיך רייניקן און תשובה טאָן. נאָר אמתדיק חרטה האָבן אויף די זינד, דערנאָך איז שוין נישט קיין חילוק צי מען שלינגט אַראָפּ אַ לעפֿל בליי, צי אַ לעפֿל איינגעמאַכץ.

דערפֿאַר דערציילט מען פֿאַרן ראָפּשיצער רבינס וועגן, אַז ווען מען האָט אים אַמאָל געוויזן אַ יידן אַ גרויסן פֿאַסטער, וועלכער איז אַרומגע־גאַנגען אין אַ האַרטן זאַק אויפֿן בלויזן לייב, האָט דער ראָפּשיצער רבי אויף אים געקוקט און אים באַדויערט זאָגנדיק: „דער יצר הרע האָט אים אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין!”...

און ווידער וועגן רבין ר׳ אלימלך ווערט דערציילט, אַז ווען מען האָט אים איינמאָל מודיע געווען, אַז אין שטאָט האַלט זיך אויף אַ ייד, אַ גרויסער פֿאַסטער, וועלכער איז אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט, האָט דער רבי ר׳ אלימלך נישט געוואָלט אָנקוקן זיין צורה...

און דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט: וואָס קומט אַרויס, אַז מען נעמט אַרויס אַ תשובה, אַז מען הייסט כּסדר איינזינגען האָבן דעם חטא, וואָס מען האָט געטאָן? עס איז, ווידער זיך געטאַפּטשעט אין דער בלאָטע און אָבער־אַמאָל זיך געטאַפּטשעט אין דער בלאָטע, בלאָטע בלייבט בלאָטע!... די בעסטע תשובה איז איינגאַנצן צו פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַן עבירה מען האָט געטאָן און אויף זיך נעמען, קיינמאָל מער נישט צו זינדיקן!...

אַט דאָס איז געווען דער דרך פֿון חסידות ווי אַזוי תשובה צו טאָן אויף עבירות און ווי אַזוי צו לייטערן די נשמה: נאָר צו עסן און צו טרינקען, זיין תמיד בשמחה און פֿאַרגעסן, אַז מען האָט געזינדיקט!...

שבת און חסידות

חסידות באַלעבט דעם שבת. — אין שבת באַקומט יעדער ייד צוריק זיין שטרש נשמה, לערנט דאָס חסידות. — טענות פון די מתנגדים און די ענטפערס פון די חסידים.

איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון חסידות איז געווען דאָס דערהייבן דעם שבת, אים צוריקגעבן דעם אַמאָליקן גלאַנץ און אַריינברענגען שמחה אין יעדער יידישער שטוב מיטן אָנקומען פון דער שבת־מלכתא.

נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן זיך די יידן זייער שטאַרק משמח געווען מיטן שבת; און אַפילו אין סוף פון 17טן יאָרהונדערט איז נאָך געווען אַ מנהג צווישן די יידן אין איטאַליע „לקבל את השבת בשמחה גדולה ובשירים נעימים" (מקבל צו זיין דעם שבת מיט גרויס שמחה און מיט איינגענעמע געזאַנגען), „וכמה קהלות מקבלים את השבת בבית־הכנסת בכלי־זמר עם מנגנים ומשוררים יחד!" (און אין אַ סך קהלות איז מען מקבל דעם שבת אין די שולן מיט כלי־זמר, מיט מנגנים און צוהאַלטערס) . . . (ספר "כבוד חכמים", ווינעציע).

און נאָך צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט איז געווען אַ מנהג אין די שולן פון פראַג מקבל צו זיין דעם שבת מיט גרויס שמחה און צו שפילן מיט כלי־זמרביים דאַווענען, פון „לכו נרננה" ביז „בואי בשלום" (זע „אלה דברי הברית").

ערשט ווען די יידן זיינען אין מזרח אייראָפּע געוואָרן שטאַרק אונ־טערדריקט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען גרויסע שחיטות און הריגות אויף גאַנצע יידישע קהלות, האָבן זיך די יידן אויפגעהערט משמח צו זיין אום שבת, און האָבן אָנגעהויבן צו טרויערן אויך אין דעם הייליקן טאָג. דעמאָלט טרעפן מיר שוין תקנות פונעם „ועד פון בריסק", אַז „קיין שום חזן זאָל ניט זינגען אום שבת מער ווי דריי נגונים, און שבת ראש־חודש און ד׳ פרשיות מעג ער זינגען פיר נגונים"...

מיטן אַנטשטיין פון חסידות איז דער שבת צוריק אויסגעלייזט גע־וואָרן און צוריק דערהויבן געוואָרן...

שוין אין צפת, בעת דער אַנטשטייאונג פֿון די מקובלים, האָט מען זיך שטאַרק געפֿרייט, ווען עס איז אָנגעקומען דער שבת. דער „אר״י הקדוש״ האָט איינגעפֿירט אַ מנהג אַז יעדן ערב־שבת־פֿאַרנאַכט איז ער אַרויס מיט זיינע תּלמידים אין פֿעלד, צווישן די בערג, ווייט פֿון דער שטאָט, און דאָרט מיט גרויס שמחה און געזאַנג האָבן זיי מקבל שבת געווען.

אין יענער צייט זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿאַרשידענע פּזמונים לכבוד שבת, און דעמאָלט האָט ר׳ יצחק לוריא מחבר געווען פֿאַר אַלע דריי שבתדיקע סעודות זמירות: „אזמר בשבחין״, „אסדר לסעודתא״ און „בני היכלא״, און ר׳ שלמה אַלקבץ האָט פֿאַרפֿאַסט דאָס ליד „לכה דודי״.

און אין דעם זעלבן וועג זיינען דערנאָך ווייטער געגאַנגען די חסידים, וועלכע האָבן ניט בלויז דערהויבן דעם שבת אַליין, נאָר אויך דעם ערב־שבת און דעם מוצאי־שבת, די מלוה־מלכה.

שוין דער בעל־שם־טוב אַליין האָט אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף דערלויבן די יידן צו לייענען אום שבת יידישע מעשה־ביכלעך, ווייל זיי האָבן דערפֿון הנאָה, און ער האָט עס געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט אַ משל:

אַ מלך האָט אַמאָל אויסגעבויט אַ גרויסן פּאַלאַץ, האָט ער אָנגעזאָגט אַלע דינער, אַז דער פּאַלאַץ זאָל זיין אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם, און ווער עס וועט דורכגיין און וועט ווילן אַריינגיין אין פּאַלאַץ אַריין, זאָל מען אים ניט שטערן און מ׳זאָל אים פֿרעגן וואָס ער פֿאַרלאַנגט, און וואָס זיין האַרץ וועט גלוסטן זאָל מען דערפֿילן.

האָט זיך פֿאַרלאָפֿן, אַז דורכן פּאַלאַץ איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אַן אָרעמאַן, האָט ער מורא געהאַט צו דערנעענטערן זיך צום פּאַלאַץ, אָבער די דינער האָבן אים צוגערופֿן און האָבן אים אַריינגעפֿירט אינעווייניק אַריין; דער אָרעמאַן האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָנזעטיקן פֿון דער רייכקייט, וואָס זיינע אויגן האָבן דאָרט געזען; און ווען די דינער האָבן אים דערנאָך געפֿרעגט, וואָס זיין האַרץ גלוסט, האָט דער אָרעמאַן ניט געפֿונען קיין גרעסערן פֿאַרלאַנג ווי צו בעטן, מ׳זאָל אים געבן אַ שטיקל ברויט און אַ קאַרטאָפֿל... די דינער האָבן באַלד דערפֿילט זיין בקשה און האָבן פֿון אים געלאַכט, וואָס דער אָרעמאַן האָט ניט געהאַט קיין גרעסערע השגה (מען דאַרף עס פֿאַרגלייכן מיט פּרצעס „באַנטשע שוויג״).

און אַזוי איז עס אויך מיט די יידן, וועלכע האָבן אַזאַ טייערע זאַך, ווי שבת, און זיי ווילן ניט עפּעס מער ווי לייענען יידישע מעשה־ביכלעך. דאַרף מען זיי דאָס דערלויבן.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די לעגענדע וואָס חסידות דערציילט וועגן בעש״ט, אַז מען האָט אים געוויזן אין חלום דעם גן עדן, האָט ער דאָרטן געזען צוויי שטולן, אַ גאָלדענע שטול און אַ פּראָסטע הילצערנע שטול. האָט ער געפרעגט: ווער וועט זיצן אויף דער גאָלדענער שטול? האָט מען אים געזאָגט, אַז מען וועט אים ווייזן דעם מענטשן, וואָס וועט זיצן אויף דער גאָלדענער שטול, נאָר בתּנאי ער זאָל צוזאָגן אַז ער וועט צו דעם מענטשן קיין וואָרט ניט רעדן.

האָט דער בעש״ט מסכּים געווען.

האָט אַ מלאך אים אַריינגעפירט, ערב־שבת־פאַרנאַכט, אין אַ שענק אַריין, אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף. האָט ער דערזען ווי עס קומט אַריין אין שענק אַ פּויער אָנגעטאָן אין אַ ווייס־געוואַשן העמד איבער די הויזן און ער האַלט אַ שיינע ליולקע־ציבעך. דערנאָך זענען אַריינגעקומען נאָך פּויערים אין שענק אַריין און דער פּויער, וואָס איז געגאַנגען שיין אָנגעטאָן, האָט יעדן איינעם מכבד געווען מיט בראָנפן און מען האָט געטרונקען לאַנג, חבריש, געזונגען פּויערישע לידער, געטאַנצט, און דער פּויער האָט זיך פאַררייכערט זיין ליולקע־ציבעך מיט פיינעם טוטין און האָט זיך געפילט דערהויבן.

האָט דער בעש״ט זיך געפרעגט ביי די אַרומיקע וואָס די שמחה איז היינט אַזוי גרויס, האָט מען אים געענטפערט, אַז אַ מנהג אַזאַ האָט שוין דער פּויער פון יאָרן לאַנג, אַז יעדן ערב־שבת קומט ער אין דער שענק אַריין אַ געוואַשענער אין ריינע מלבושים און איז מכבד יעדן איינעם מיט משקה, ווייל ער זאָגט אַז ער געדענקט אַז ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל האָט ער געזען ביי זיינע עלטערן אַז יעדן שבת האָט מען זיך אָנגעטאָן אין ריינע מלבושים און מען האָט זיך משמח געווען און געטאַנצט...

האָט דער בעש״ט פאַרשטאַנען, אַז דער פּויער איז געווען אַ „תּינוק שנשבה״, אַ קינד וואָס איז קליינערהייט צוגעכאַפּט געוואָרן פון יידישע עלטערן און איז אויפגעצויגן געוואָרן צווישן גויים, איז דאָס האַרץ פון בעש״ט אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות אויף דעם דאָזיקן פּויער וואָס איז נעבעך מחלל שבת, און ווייסט ניט ווי אַזוי אָפּצוהיטן די הייליקע מצווה פון האַלטן שבת, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מען האָט אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל אַלץ זעען און שווייגן...

האָט ער גאָר ניט גערעדט צום פּויער. און דער מלאך האָט אים דערנאָך געזאָגט: „פאַר דעם דאָזיקן פּויער איז אָנגעגרייט אָט די גאָלדענע

שטול, וואָס דו האָסט געזען אין גן־עדן, ער היט אָפּ דעם שבת אויף זיין אייגענעם אופן, ער איז זיך משמח יעדן פרייטיק פאַרנאַכט און ווייסט, אַז דעם דאָזיקן טאָג שבת דאַרף מען האַלטן אַנדערש ווי די אַלע אַנדערע טעג פון אַ גאַנצע וואָך...״

האָט ווידער דער בעש״ט געוואָלט וויסן ווער עס וועט זיין אין גן־עדן אויף דער פראָסטער הילצערנער שטול, האָט מען אים ווידער אַריינגעפירט אין אַ ליטוויש שטעטל, וואו עס האָבן געוואוינט בלויז מתנגדים. פרייטיק אַ גאַנצן טאָג זענען זיי צוזאַמען מיטן רב געזעסן אין בית המדרש און געלערנט אַזוי געשמאַק און אַזוי לאַנג, אַז זיי האָבן ניט קיין צייט געהאַט זיך אומצוקוקן צי אַן אורח געפינט זיך אין בית המדרש, און ווען עס איז געקומען בית השמשות זענען יידן שנעל אַהיימגעלאָפן, געכאַפּט דאָס פעקל גרעט אין מקווה אַריין, שנעל זיך איבערגעטאָן און געלאָפן אין בית המדרש אַריין צו קבלת שבת. נאָך קבלת שבת זענען אַלע יידן אַהיימגעגאַנגען מאַכן קידוש און דער אַלטער רב פון שטאָט האָט דערזען שטיין אַן אורח ביי דער טיר און קיינער האָט אים ניט פאַרבעטן אויף שבת.

האָט דער אַלטער רב אים אַהיימגענומען צו זיך. אין שטוב פון רב האָט דער אורח געזען, אַז דער רב זיצט זייער פאַראומעטיקט, ער זאָגט דעם שלום עליכם, ניט ער זינגט, ניט ער גיט אַ פאַטש מיט די הענט, ניט ער גייט שנעל, פאַר אַלעם האָט ער מורא געהאַט, אַז ער וועט חס ושלום קומען צו אַן עבירה, דאָ האָט ער מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט משמיע קול זיין (אויפהייבן דאָס קול צו הויך), דאָ אַז ער וועט אפשר מאַכן אַ „פסיעה גסה״ (אַ שנעלן טריט), דאָס אַז ער וועט מיט זיין שטאַרקן אָטעם אפשר געבן אַ בלאָז די שבתדיקע ליכט...

האָט דער אורח געזען, אַז אין שטוב פון רב הערשט אַ מוראדיקע מרה־שחורהדיקייט גאַנץ שבת.

נאָך שבת האָט דער מלאך געזאָגט דעם אורח, וועלכער איז געווען דער בעש״ט: „אָט די פראָסטע שטול איז אָנגעגרייט פאַר דעם דאָזיקן רב, ער איז טאַקע מקיים שבת כהלכתו, ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער עס הערשט דאָרט צו־פיל אומעט און די יידן אין שטעטל זענען אַזוי פאַר־נומען אין לערנען, אַז זיי באַמערקן גאָרניט אַז עס זענען פאַראַן אורחים, וואָס מען דאַרף זיי אַהיימבעטן אויף שבת. עס פעלט אין רבס הויז די שמחה וואָס יעדער ייד דאַרף פילן ווען עס קומט אָן דער שבת״...

די דאָזיקע חסידישע לעגענדע וועגן דעם פויער, וואָס וועט זיצן אין גן־עדן אויף אַ גאָלדענער שטול, און דעם מתנגדישן רב, וואָס וועט זיצן

אויף אַ פּראָסטער הילצערנער שטול. באַוויזט ווי שטאַרק חסידות האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון משמח זיין זיך אין שבת...

דער בעל־שם־טוב איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגע־פירט דעם מנהג, אַז די חסידים זאָלן זיצן שבת צוזאַמען ביי די דריי סעודות, און בפרט ביי שלוש־סעודות, און צוזאַמען זינגען. אַזוי ווי עס ווערט גע־בראַכט אין „כתר שם טוב“, אַז איינמאָל האָט מען דעם בעל־שם־טוב געפרעגט, פאַרוואָס ער זיצט מיט די חסידים צוזאַמען ביי שלוש־סעודות, האָט ער געענטפערט מיט אַ הלצה, אַז אַזוי ווי שבת האָט יעדער ייד אַ „נשמה יתרה“ און מוצאי שבת גייט די נשמה אַוועק, „וויל איך, אַז מיין נשמה זאָל מיר אויסגיין צווישן יידן“...

דער בעל־שם־טוב האָט אויך געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל, פאַר־וואָס די חסידים דאַרפן טרינקען אום שבת.

אַמאָל איז אַ בן־מלך געפאַנגען געוואָרן צווישן פּראָסטע מענטשן; איינמאָל איז אים אָנגעקומען פון זיין פאָטער אַ בריוו, אַז ער וועט בקרוב אויסגעלייזט ווערן, האָט ער זיך געוואָלט משמח זיין; וואָס האָט ער געטאָן? האָט ער אַלע מענטשן געגעבן צו טרינקען וויין, און צוזאַמען מיט זייער שמחה האָט ער זיך שוין אויך געפרייט, וואָס ער האָט באַקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער... אַזוי דאַרף מען אָנטרינקען דעם חומר, דעם גוף, וואָס מיט זיין עצבות זאָל ער ניט שטערן די שמחה פון דער נשמה, ווען זי וויל זיך אום שבת באַהעפטן מיט גאָט...

דער רבי ר' לוי יצחק בערדיטשעווער (ווי עס ווערט געבראַכט אין זיין ספר „קדושת לוי“) האָט געזאָגט, אַז אין שבת קומט יעדער ייד צוריק צו זיין שורש נשמה, און דערפאַר דאַרף מען זען, אַז אַלץ, וואָס מען טוט אום שבת, זאָל זיין הייליק, און ער טייטשט דערמיט דעם פסוק: „יהיה לכם קודש“, אַז אַפילו דער „לכם“ זאָל זיין הייליק (פ' ויקהל).

און ווען דער רבי ר' שמחה בונם, פון פשיסכע, האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ חסידישן שמועס, אַז סוכות איז די איינציקע מצוה, וואָס דער ייד גייט אין איר אַריין מיט אַלע אברים (עס ווערט אויך געבראַכט פונעם ראָפשיצער רבין), האָט אים דערויף געענטפערט דער רבי ר' שלמה לייב לענטשנער, אַז נאָך אַ גרעסערע מצוה איז שבת, ווייל דער מענטש טוט גאָרניט, און ווען עס קומט אָן דער שבת געפינט מען זיך שוין אין דער מצוה! און נאָך אַ מעלה האָט דער שבת, — האָט ער צוגעגעבן, — וואָס דער ייד קאָן פון דער מצוה קיין איין רגע ניט אַרויסגיין!...

באַזונדערס האָט ר׳ נחמן בראַסלאַווער געלערנט מיט זיינע חסידים, אַז זיי זאָלן זיך משמח זיין אין שבת און אַז זיי זאָלן עסן וואָס בעסערע מאכלים, ווייל „מיט דעם עסן אום שבת קאָן מען מער אויפטאָן אין הימל ווי מיטן פאַסטן אין דער וואָכן, און אַז „צריך להזהר מאד מאד להיות אַך שמח וטוב לב בשבת״ (מען דאַרף זיין זייער און זייער אַפּגעהיט צו זיין לוסטיק און גוט אויפגעלייגט אום שבת), און אַז מען זאָל ניט אַרויס־ווייזן קיין שום עצבות אום שבת״.

קיינמאָל האָבן די רביים ניט געלאָזן קיין חסיד זיין אין צער אום שבת, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט וועגן רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבוזש, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אויף שבת זייער אַ חשובער אורח פון ארץ־ישראל; שבת ביינאַכט איז דער אורח געזעסן ביים רבינס טיש; דער אורח איז אָבער געווען איינער פון די, וואָס האָבן תמיד געטרויערט אויפן חורבן בית־המקדש און האָט כסדר געקרעכצט; און ווען דער רבי האָט אָנגעהויבן צו זינגען „כל מקדש״ און איז געקומען צום פסוק „אוהבי ד׳ המחכים בבנין אריאל״, האָט דער רבי באַמערקט, אַז אַ גרויסער טרויער איז אויסגעגאָסן אויפן פנים פונעם אורח, פונקט אַזוי ווי אין דער וואָכן, האָט זיך דער רבי אָפּגעשטעלט פון זינגען און האָט זיך אָנגעבייזערט און געטייטשט: „אהובי ד׳ המככים בבנין אריאל, זיי, וועלכע קוקן כסדר אַרויס, אַז מען זאָל צוריק אויפבויען דעם בית־המקדש, האָט טאַקע גאָט ליב, אָבער וואָס שטייט ווייטער? ביום שבת קודש שישו ושמחו, — שבת דאַרף מען אָבער זיין לוסטיק און פריילעך!״... איז דער אורח באַלד געוואָרן מלא שמחה און דער רבי האָט ווייטער געזונגען די זמירות נאָך מיט מער התלהבות... („בוצינא דנהורא״).

אויך דער רבי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זייער אַ סך זינגען זמירות אום שבת; (אויף יעדן זמר איז פאַראַן אַן אַנדער ניגון, וואָס ווערט גע־זונגען אין די ראָפּשיצער הויפן ביז היינטיקן טאָג, און דערצו טוישן זיך די נגונים כמעט יעדע פיר וואָכן. אַזוי זיינען פאַראַן נגונים פון שבת נאָך פסח ביז שבועות, דערנאָך פאַר די זומערדיקע שבתים, דערנאָך ניגונים פאַר די דריי וואָכן, פאַר די ימים־נוראים, און פאַר די ווינטערדיקע שבתים); און עס ווערט דערציילט, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אַ ווערטל אום שבת, וואָס איז אויסגעפאַלן תשעה־באָב; דער רבי איז דעמאָלט געזעסן ביי שלוש־סעודות זייער שפּעט און האָט כסדר געזונגען, פלוצלונג דרייט ער זיך אויס צו אַ חסיד און זאָגט:

שבת איז ביי אונדז זייער אַ חשובער גאַסט, זאָל ער זיך אַ ביסל אויפהאַלטן ביי אונדז, אָבער תשעה־באָב איז ניט ביי אונדז פון די אָנגעלייגטע אורחים, און הלואי וואָלט ער אין גאַנצן ניט געווען געקומען; נו, זאָל דער תשעה־באָב אַ ביסל צו־וואַרטן, און מיר וועלן זיך דערווייל ווייטער פרייען מיטן טייערן אורח, מיטן שבת, און זינגען זמירות.

און דער ראָפשיצער רבי האָט אָנגעהויבן ווייטער צו זינגען מיט נאָך מער ברען...

חסידות האָט געלערנט, אַז דער גאַנצער שבת זאָל זיין בשמחה, מען זאָל אַפילו וואָס ווייניקער שלאָפן, כאָטש עס שטייט, אַז „שלאָפן אום שבת איז אַ תענוג״, אַזוי ווי דער קדוש ר׳ נטע פון אָורוטש האָט געזאָגט:

ווי אַזוי קאָן מען שלאָפן אום שבת? עס איז דאָך באַקאַנט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט קיינמאָל ניט געוואָלט שלאָפן בייטאָג, זאָגנדיק, אַז „בשעת איך שלאָף בין איך דאָך ניט קיין מלך, און עס איז אַ גרויסער שאָד צו פאַרשלאָפן אַזאַ גרויסע מלוכה״... אַזוי איז מיטן שבת, וועלכער איז די מלכתא און מיר זיינען די מלכים, ווי אַזוי קאָן מען פאַרשלאָפן אַזאַ טייערע מלוכה? („אוהל נפתלי״).

חסידות האָט אויך ניט צוגעלאָזט, מען זאָל שטראָפן די יידן, וועלכע זיינען, נעבעך, צוליב זייערע שווערע פרנסות, אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער, און עס האָט זיך דערפאַר אַמאָל געטראָפן, אַז אַ ייד האָט פאַרשפעטיקט אַהיימצוקומען ערב שבת אין דער צייט, פאַר ליכט־צינדן.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן בעל־שם־טוב, אַז אַמאָל איז געווען אַ ייד, וועלכער איז געווען אַ דאָרפס־גייער; האָט דער ייד געמאַכט אַ מנהג, אַז יעדן ערב־שבת איז ער אַהיימגעקומען פון די דערפער מיט אַ צוויי שעה פריער פאַר ליכט־בענטשן; איינמאָל האָט דער ייד פאַרשפעטיקט און איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין ווען די יידן זיינען שוין געגאַנגען אין שול אַריין; האָט דער ייד געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש, איז ער געפאָרן צום רבין ר׳ מעכעלע זלאָטשאָווער, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה.

דער רבי ר׳ מעכעלע איז אָבער געווען אַ גרויסער מחמיר, האָט ער אים אַרויסגעגעבן אַ תשובה, אַז ער זאָל אַ סך פאַסטן און זיך שטאַרק מסגף זיין.

דער ייד איז געווען אַ גרויסער חלוש און ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט די תשובה ניט קאָנען אויסהאַלטן, איז ער געפאַלן אויף אַן עצה:

ער וועט אריינפארן צום בעל־שם־טוב און אים פרעגן, וואס פאר א תשובה ער זאל ארויסנעמען.

ווען דער בעל־שם־טוב האט אויסגעהערט אלץ, וואס דער ייד האט אים דערציילט, האט ער איז געזאגט:

פאר אהיים און גיב צוויי ליכטלעך יעדן פרייטיק אין דער שול אריין.

איז דער ייד ארויסגעגאנגען פון בעל־שם־טובס שטוב זייער א פריי־לעכער, אבער ווען ער איז געקומען היגטער דער טיר איז זיין הארץ געווארן זייער באשווערט; ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טאן; אים האט זיך ניט געקאנט גלויבן, אז איין רבי זאל ארויסגעבן אזא שווערע תשובה און דער צווייטער — אזא גרינגע. איז דער ייד געשטאנען זייער פארצווייפלט, ביז עס איז אים איינגעפאלן, אז ער וועט נאכאמאל אריינ־גיין צום בעל־שם־טוב און אים דערציילן, וואס פאר א תשובה דער רבי ר' מעכעלע האט אים ארויסגעגעבן.

איז דער ייד נאכאמאל אריין צום בעל־שם־טוב און האט אים אלץ דערציילט, און דער בעל־שם־טוב האט אים אבער ארויסגעגעבן ווידער די זעלבע תשובה:

פאר אהיים און גיב צוויי ליכטלעך פרייטיק אין שול אריין, און זאג ר' מעכעלע זלאטשעווער, אז איך וויל, ער זאל צו מיר קומען אויף שבת.

איז דער ייד אהיימגעפארן און האט אויפן וועג אפגעטראטן ביים רבין ר' מעכעלע און האט אים געזאגט, אז דער בעל־שם־טוב האט אים געבעטן, ער זאל קומען צו אים אויף שבת.

האט זיך דער רבי ר' מעכעלע אויפגעהויבן פרייטיק גאנץ פרי און איז געפארן צום בעל־שם־טוב, אבער פלוצלינג האבן די פערד פאר־בלאנדזשעט אין וואלד און דער רבי ר' מעכעלע איז אנגעקומען אין שטאט אריין שוין היפש שפעטלעך, ווען די יידן זיינען שוין אלע געגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין.

נאכן דאוונען גייט צו אים צו דער בעל־שם־טוב און זאגט אים:

„שלום עליכם", ר' מעכעלע! איצט זעט איר שוין, — האט זיך דער בעל־שם־טוב צעלאכט, — וואס פאר אן עונש מען האט, אז מען גיט ארויס א הארבע תשובה צו א יידן, וואס האט פארשפעטיקט פרייטיק צו קומען אין שטאט אריין צו דער צייט?"

און דער בעל־שם־טוב האָט דערנאָך לאַנג געשמועסט מיטן רבין ר׳ מעכעלע און האָט אים געזאָגט:

„דו, ר׳ מעכעלע, האָסט נאָך קיינמאָל ניט טועם געווען דעם טעם פון אַ חטא, דערפאַר וויסטו גאָרניט דעם שברת־הלב, וואָס אַ ייד האָט, ווען ער זינדיקט, און האָפט אַרויסצונעמען אַ תשובה; דער האַרצוויייטיק, וואָס דער ייד האָט. די חרטה אויף דער עבירה, וואָס ער האָט געטאָן, איז אַזוי גרויס, אַז ער דאַרף שוין מער קיין תשובה ניט אַרויסנעמען דערויף, וואָס ער האָט ניט־ווילנדיק מחלל־שבת געווען״...

דאָס באַלעבן דעם שבת דורך די חסידים האָט אַרויסגערופן גרויס קעגנערשאַפט מצד די מתנגדים.

אין די פאַרשיידענע אַנפאַלן וואָס די מתנגדים האָבן געמאַכט אויף די חסידים, פאַר די נייע מנהגים וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן, האָבן זיי אויך ניט געקענט סובל זיין וואָס דער ייד פילט זיך בגילופנדיק אין שבת.

אין די גרעסטע אַנפאַלן, וואָס די מתנגדים האָבן געמאַכט אויף די חסידים, האָבן זיי אויך נישט פאַרגעסן זיי פאַרצוואוואַרפן דעם גרויסן חטא, וואָס זיי זענען זיך צופיל משמח אין שבת...

אַזוי דערציילט דער מגיד ר׳ דוד מאַקאָווער, אַז: „מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר געהערט פון איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט ביי זיי (אין דער אַמדורער קלויז) געדאַוונט אַ שבת, און ער האָט אונדז דערציילט וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגען, און דאָס איז זיין דערציי־לונג:

„איך בין געקומען אין בית־המדרש אַריין פון ר׳ חייקא אין אַמדור שבת אינדערפרי דאָרט צו דאַוונען. דער רבי איז געשטאַנען מיטן פנים צו דער מזרח־וואַנט, און ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן צו זאָגן די תפילה „ישמח משה״ ביי דער ערשטער שמונה עשרה, האָב איך דערהערט הינטער מיר אַ גרויסן רעש ביי דער טיר. די טיר איז געווען אָפן, ווייל עס איז גע־ווען זומער... האָט מיך אָנגענומען אַ חשק זיך אומצוקוקן און צו זען וואָס דאָרט קומט פאָר, און איך האָב דערזען רשעים און אַ הויפן שרצים (קליינע יינגלעך) שטייען אין פירהויז נישט ווייט פון דער מזוזה. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און איך האָב געזען:

אַ גאַנצע חבריא זיצן רייטנדיק אויף איין מענטשן. איינער פון זיי ליגט מיטן פנים צו דער ערד, און דער עולם רינגלט אים אַרום ווי אַ מויי־

ער און איטלעכער שלאָגט אים... און איך האָב געפֿרעגט דעם טעם פֿון דער מיאוס'ער מעשה... „פאַרוואָס טוט איר דאָס אינמיטן דאַווענען?" האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן דערפילט אינמיטן דער תפילה, אַז זיי דאַווענען נישט מיט דער שמחה פון אַ מצוה און אַז עס דערוועקט זיך ביי זיי אַ ביסל עצבות, האָבן זיי זיך דאָס גענומען צום האַרצן און האָבן אַזוי געטאָן און דערפאַר האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן דער טרויער און זיפצן און עס איז געוואָרן ששון ושמחה...

אָט אַזוי האָבן זיי פאַרטריבן די מרה שחורה אין שבת ביים דאַווענען. זיי האָבן געטאָן מעשה ילדות, האָבן אפילו געלאָזט מען זאָל אויף זיי אַרויפֿרייטן און זיי שמייסן, אַבי מען זאָל פֿאַרטרייבן דאָס עצבות אין שבת און עס זאָל זיין שמחה... (דובנאָוו, געשיכטע פֿון חסידיזם, באַנד 2, זייט 223).

מיר זענען אַפילו נישט מחויב צו גלויבן אַלץ וואָס דער ייד האָט דערציילט דעם מגיד ר' דוד מאַקאָווער, נאָר אויב דער ייד האָט געזען, אַז די יידן האָבן זיך אינמיטן דאַווענען אין שבת משמח געווען כדי צו פאַר־טרייבן דאָס עצבות, האָבן די מתנגדים דאָס שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן און ביי זיך איז עס שוין געווען „מיאוסע מעשים" און די חסידים האָבן דערפאַר ביי זיי געהייסן „רשעים"... און די חסידישע יינגלעך „אַ הויפן פון שרצים"...

די חסידים האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די מתנגדים און זיי האָבן זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער משמח געווען אין שבת. און אין משך פון דער אַנטוויקלונג פון חסידות איז דער שבת געוואָרן דער הויפּט יסוד פון חסידות, ווייל אין דער וואָכן האָט מען שוין אפשר נישט געקאָנט אַזוי דערקענען דעם אונטערשייד צווישן אַ חסיד און אַ מתנגד. ביידע האָבן גלייך געהאָרעוועט אויף פּרנסה. אָבער, אַז עס איז געקומען דער שבת, האָט מען גלייך דערקענט ווי אַזוי די וועגן זייערע שיידן זיך.

מיר וועלן דאָ דערפאַר געבן אַ בילד ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אַ שבת ביי אַ רבין און ביי די חסידים:

אייגנטלעך האָט מען דעם חסיד דערקענט אינעם ערב שבת אַליין, ווייל בעת דער מתנגד האָט געלערנט די זעלבע שעורים אין ערב שבת וואָס אין אַלע טעג פֿון דער וואָך, האָט דער חסיד שוין ערב שבת זיך מכין געווען צום שבת, האָט ער שוין נישט מער געלערנט די וואָכעדי־קע שעורים, נאָר האָט מעביר געווען די סדרה און אַז עס איז געבליבן

נאָך צייט, פאַרן גיין אין מקוה אַריין, האָט ער זיך אָפּגעשניטן די נעגל און אַריינגעקוקט אין אַ חסידיש ספר אויף דער פּרשה פון דער וואָך. על פּי רוב פלעגט ער קוקן אין די חסידישע ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן פון זיין רבין. אַ סאַנזער חסיד, אַ שטייגער, פלעגט אַריינקוקן אין „דברי חיים"; אַ דזשיקאָווער חסיד — אין „אמרי נועם", און אַז עס איז נאָך אַלץ געבליבן צייט האָט מען אַריינגעקוקט אין „נועם אלימלך" פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזשענסק און אין די חסידישע ספרים פון „חוזה" פון לובלין און פון קאָזשעניצער מגיד...

און באַלד ווי דער חסיד איז אַרויסגעקומען פון דער מקוה, קאָן מען זאָגן, אַז מען האָט געזען ווי עפּעס אַ נייע נשמה איז אין אים אַריינגעזעצט געוואָרן. ער האָט זיך שוין געפילט אַ געהויבענער. ער האָט שוין גערעדט עטוואָס ווייניקער דברי חול (וואָכעדיקע שמועסן) און איז גלייך אַוועק צום רבין אין קלויז אַריין דאַוונען. (אין די מקומות וואו עס האָט נישט גע־וואוינט קיין רבי איז ער אַוועק אין זיין חסידישער קלויז אָדער ער איז גע־פאָרן אויף אַ שיינעם שבת צום רבין).

נאָכן דאַוונען קבלת שבת איז דער חסיד געגאַנגען אַהיים צו זיך, האָט אָפּגעגעסן די סעודה אויף גיך, און איז גלייך אַוועק צום רבינס טיש...

דער רבי האָט אין די ווינטער־חדשים נישט געמאַכט קיין קידוש ביז נאָך זיבן אַזייגער אין אָוונט. אַזוי איז אָנגענומען על פּי קבלה און זוהר. די חסידים פלעגן זיך אויסזעצן ביים טיש, מען האָט געוואַרט ביז דער רבי וועט עפענען די טיר פון זיין חדר המיוחד. אַ טייל חסידים האָבן גע־טרונקען ביר, געגעסן אַרבעס, אַריינגעקוקט אין אַ חסידיש ספר, זיך אויס־געלערנט אַ ניי חסידיש נגונדל, זיך אויסגעפרעגט ביי די פרעמדע חסידים, וואָס זענען געקומען צום רבין, וועלכער רבי האָט עס צובאַקומען נייע חסידים אין דעם און דעם שטעטל; די חסידישע רעדל־פירער האָבן גע־פירט פּאָליטיק, האָבן באַשטימט וועלכער שוחט עס זאָל אין אַ געוויסן שטעטל צראָפּגעזעצט ווערן און וועלכער דיין עס זאָל אויפגענומען ווערן... אַזוי האָט מען פאַרבראַכט אין פאַרשידענע קופּעקלעך, ביז די טיר פון רבינס חדר המיוחד האָט זיך געגעבן אַן עפן־אויף און דער רבי איז אַריינ־געקומען קידוש מאַכן.

דער רבי האָט זיך געשטעלט צום טיש, האָט געזונגען, אָדער געזאָגט שלום עליכם, געזונגען „אשת חיל", די חסידים און די חסידישע קאַפּעליע האָבן צוגעהאַלטן און ווען דער רבי האָט קידוש־געמאַכט האָט ער געטיילט

פון זיין קידוש צו ביסלעך ווײַן. האָט זיך געטראָפן אַ חולה אין שטאָט האָט מען אים געשיקט אַ קאַפּיטשקעלע ווײַן פון רבינס קידוש פאַר אַ רפואה...

נאָך קידוש איז דער רבי אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אויף אַ פּאָר רגע׳ס. ער האָט איבערגעטאָן זיין קאַפּטן אויף אַ כאַלאַט און דער רבי איז צוריק אַרײַנגעקומען פירן דעם טיש...

דעם רבינס טיש האָט על פי רוב געדויערט ביז נאָך חצות... די חסידים זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ ביי דעם רבינס שטול, האָבן געכאַפּט שיריים פון רבינס מאכלים, האָבן צוגעהאַלטן די זמירות וואָס דער רבי האָט געזונגען און דער פחד און די אימה פון די חסידים בעת דעם טיש איז געווען זייער גרויס.

אַ ביסל פרייער האָבן זיך די חסידים שוין געפילט ווען דער רבי האָט אָנגעהויבן צו פירן דעם „צווייטן טיש”, דאָס הייסט נאָכן בענטשן... דעמאָלט האָט דער רבי שוין מער נישט געזאָגט קיין תורה, נישט געזעסן כסדר מיט פאַרמאַכטע אויגען און זיך גע׳מוח׳ט, נאָר ער איז שוין געווען מער צוגעלאָזן צו די חסידים...

די פשוט׳ע חסידים זענען געוויינלעך נאָכן ערשטן טיש אַהיימגעגאַנגען און געבליבן זענען נאָר די געהויבענע חסידים, די, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון רבין... די שיינע יונגעלייטלעך...

זיי פלעגן זיך אַרומשטעלן אַרום דעם רבינס שטול און דער רבי פלעגט מיט זיי שמועסן חסידישע שמועסן. על פי רוב האָט דער רבי תּמיד דערמאָנט אַ יאָרצייט פון אַ גרויסן צדיק און ער האָט אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן דער צדקות פון דעם גוטן יידן... דערציילט אַ חסידישע מעשה, נאָכגעזאָגט אַ גוט וואָרט פון צדיק און זיי געגעבן אַ הדרכה...

און נישט בחינם האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט, אַז די ווינטערדיקע פרייטאָג־צונאַכטן פון די חסידישע יונגעלייטלעך, וואָס קומען צו זיין טיש, באַלײַכטן די שבתים פון אַ גאַנץ יאָר...

די חסידישע יונגעלייטלעך פלעגן דעמאָלט טרינקען בראָנפן, עסן צו שטיקלעך הערינג און צווישן איין חסידישן שמועס און אַ צווייטן, זינגען זמירות און טאַנצן...

דער טיש פרייטאָג־צונאַכטס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, אַז אין דעמביץ, למשל, ביים דעמביצער רבין, פלעגט מען ביים „צווייטן טיש” עסן

קעז, דאָס הייסט, אַז פון ערשטן טיש ביז צום צווייטן טיש האָט געדויערט מער ווי זעקס שעה צייט...

אַ סך חסידים זענען נאָכן צווייטן טיש גאָר נישט אַ היים געגאַנגען, נאָר האָבן זיך צוגעלייגט אין דער קלויז אויף אַ ווײַלע. פאַרטאָגס גלייך געגאַנגען אין מקוה אַריין און זיך צוגעגרייט צו שחרית, האָבן געלערנט אַ ספּעציעלן שבתדיקן שעור און אַרומגעדרייט זיך אַזוי פאַרמוטשט ביז דער רבי איז אַרײַנגעקומען דאַוונען שחרית.

דאָס דאַוונען אינדערפרי האָט געדויערט ביז צוועלף אַזייגער. נאָכן דאַוונען איז מען געגאַנגען קידוש־מאַכן צום רבין, און דערנאָך האָט מען געפּראַוועט פאַרשידענע קידושים... יעדער גביר פון שטעטל האָט אַהיים גענומען אַ פּאָר חסידים. אַ טייל זענען אַוועק צו קרובים און צו מחותנים. מען האָט אָפּגעגעסן די צווייטע סעודה שנעל אינדערהיים אָדער אויף דער אכסניה און מען איז געלאָפן ווייטער צום רבין...

צו דער צווייטער סעודה שבת באַטאָג, איז דער רבי אַרײַנגעקומען זייער שפּעט, אַזוי אַז באַלד נאָך דער סעודה, אין אַ ווינטערדיקן שבת, האָט מען זיך גלייך געשטעלט דאַוונען מנחה און מען האָט זיך געזעצט עסן שלוש־סעודות.

ביי שלוש־סעודות האָט מען קיין סך נישט געגעסן. מען האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ בולקעלע אין דער קעשענע אָדער אַ שטיקל חלה פּאָר אַ כזית... דער רבי האָט געטיילט שיריים פון די פיש אָדער שטיקלעך הערינג. און באַלד האָט דער רבי אָנגעהויבן צו זינגען „בני היכלא״... די זמירות ביי שלוש־סעודות זענען געווען זייער געהויבענע ביי די חסידים. דער רבי האָט אָפט מאָל אויך געזאָגט תורה און געטאַנצט צוזאַמען מיט די חסידים. אַ הייליקער פּחד איז דעמאָלט געווען אויסגעגאָסן אין דער גאַנצער קלויז. עס איז געווען שטאָק פינסטער. די חסידים האָבן נישט געזען דעם רבין, נאָר געהערט זיין קול, האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין די „רזין דרזינדיקע״ תורהס זייגע און אַלע האָבן געפילט, אַז זיי זענען בבחינת „בני היכלא״, אין אַ גאָר הויכער מדרגה, וואָס אַ פּראָסטער ייד קאָן דאָס גאָר נישט משיג זיין...

ערשט ווען מען האָט שפּעט אין דער נאַכט אָנגעצונדן אַ ליכט און מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מעריב, האָבן די חסידים דערפילט, אַז די נשמה יתרה האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן און אַ נייע וואָך רוקט זיך אויף זיי אָן מיט אַ גרויסן עול פּרנסה און מיט פרישע צרות...

אָבער אויך נאָך הבדלה גייען די חסידים נישט אַהיים, און נישט אַלע פֿרעמדע פֿאָרן גלייך אַוועק פֿון רבין. די חסידים נעמען זיך צונויף און חזרן איבער די תורהס, וואָס דער רבי האָט שבת ביי די טישן געזאָגט, לערנען זיך אויס די פרישע נגונימלעך, וואָס זיי האָבן געהערט און גרייטן צו אַ סעודה צו דער מלוה מלכה. אַ חסיד ברענגט פֿון דער היים וואָס עס איז אים איבערגעבליבן פון די שבתדיקע מאכלים, אַ פֿאַרברענטן קוגל, אַ פֿאַרדאַרטן קוילעטש, און מען זעצט זיך אַוועק שיילן קאַרטאָפל...

אין ראָפשיצער הויף איז אַפילו געווען אַ מנהג, אַז דער רבי אַליין האָט מיט די חסידים צוזאַמען געשיילט די קאַרטאָפל און דערביי זיי דער־ציילט חסידישע מעשיות. מען האָט „געקוילעט" דערנאָך אַ פּאָר הערינג, ווי די חסידים זאָגן, מען האָט אָפּגעקאָכט אַ הייסן באָרשט און זיך געזעצט צו דער מלוה מלכה. דער רבי איז געזעסן צוזאַמען מיט די חסידים ביי דער סעודה, אָבער ער האָט זיך נוהג געווען איצט ווי ער וואָלט געווען בלויז איינער פון די חסידים, נישט זייער מנהיג... מיט דער סעודה פירט על פי רוב אָן דעם רבינס זון, דער „יונגער רב"... ער זינגט די זמירות, טיילט שיריים און דער רבי אַליין הערט זיך אַמאָל צו צו אַ חסידישער מעשה, וואָס אַ חסיד דערציילט.

געווײנלעך דערציילט מען ביי דער מלוה מלכה מעשיות פון רבין ר' אלימלך און זיין ברודער ר' זושא, וועגן זייער אָפּריכטן גלות. האָט זיך גע־טראָפן, אַז עס איז געקומען אַן ארץ־ישראל־ייד אין שטעטל אַריין, האָט מען אים אָוועקגעגעבן דעם כּבוד ער זאָל דערציילן מעשיות וועגן דער כּותל מערבי, וועגן דער מערת המכפלה און וועגן די הייליקע קברים אין צפת און מירון...

די מלוה מלכה'ס געדויערן ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען טאַנצט און מען טרינקט משקה און מען פֿאַרשטופּט די וואָכעדיקע נאַקעטקייט אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך...

אין בעלזער הויף איז אַפילו געווען אַ מנהג, אַז אין איינעם פון די שבתים פון פאַר חנוכּה האָט מען די מלוה־מלכּה אָנגערופן די „לאָכענדיקע מלוה מלכּה", ווייל דעמאָלט האָבן זיך די בעלזער חסידים פֿאַרשטעלט ביים טיש, האָבן זיך איינגעשמירט די פּנימער מיט סאַזשעס און געמאַכט אַ חסי־דישע מוזיק־קאַפּעליע, שפּילנדיק אויף וואַלגערהעלצער און בעזימער. פֿון וואַנען דער דאָזיקער מנהג האָט זיך גענומען איז מיר, ליידער, נישט געלונגען פֿעסטצושטעלן.

אַט אַזוי האָט אַ חסיד אין פוילן און אין גאַליציע פאַרבראַכט אַ שבת ביים רבין.

אין געוויסע חסידישע הויפן איז דער שבת געפּראַוועט געוואָרן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ווי מיר האָבן דאָ געשילדערט. אַזוי, למשל, האָט מען ביי די חב״דער חסידים נישט געוואוסט פון פירן טישן, נאָר באַלד נאָך קבלת שבת האָט דער רבי געזאָגט זיין מאַמר און נאָך קידוש האָט דער „חוזר״, דער וועלכער האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון, דעם מאַמר איבער־געחזרט וואָרט ביי וואָרט פאַר די חסידים. צווישן די בראַסלאַווער חסידים, וואו קיין רבי איז שוין ביי זיי מער נישט פאַראַן (דערפאַר רופט מען זיי טאַקע „טויטע חסידים״, כאָטש זיי זענען די לעבעדיקסטע און די פייער־דיקסטע צווישן אַלע חסידים, וואָס זענען נאָך היינט פאַראַן) ווערט גע־טאַנצט אין זייער חסידיש שטיבל נאָך קבלת שבת, שעהן גאַנצע.

חסידות און תפילה

דער עיקר פון דאַוונען איז דביקות און התלהבות—האָט חסידות געלערנט. — ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט געהייסן זיינע חסידים אַרויסגיין פאַרן דאַוונען אין וואַלד, זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור. — וואָס קאָצקער חסידות האָט געלערנט וועגן די כוונות ביים דאַוונען.

תפילה האָט תמיד געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביי אַלע פעלקער פון אַמאָל. מיט תפילה, האָבן די פּרימיטיווע פעלקער געגלויבט, קאָן מען איבערבעטן די געטער און ביי זיי אויספּועלן, זיי זאָלן טאָן גוטס צו די מענטשן.

אויך ביי די יידן איז תפילה פון תמיד אָן געווען אַ שטאַרקער פאַקטאָר, און מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע צעוואַקסן זיך אויך די יידישע תפילות.

יעדעס פאָלק האָט זיך אָבער געהאַט אַנדערע פאָרמען פון טאָן תפילה. און מען קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז מען קאָן דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק לויט די פאָרמען פון זיין תפילה...

און אויך די יידן, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו געבן מער חשיבות צו תפילה, פון דער תקופה פון עזרא הסופר אָן, האָבן זיי געהאַלטן, אַז דער עיקר דאַוונען איז אָפּצוגעבן בלויז אַ לויב צו גאָט פאַר זיינע חסדים, וואָס ער טוט מיט די מענטשן (דער עיקר פון דאַוועגען איז: „לסדר שבחו של הקדוש ברוך הוא״, ברכות, ל״ב).

די יידישע מיסטיקער, די בעלי־קבלה האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט די פּשוטע ווערטער פון דאַוונען, וואָס די „אנשי כנסת הגדולה״ האָבן איינגעפירט, נאָר זיי האָבן צוגעגעבן אַ ספּעציעלן מיין צו דער תפילה.

זיי, די מקובלים און מיסטיקער, האָבן זיך אָנגעלעגט אויף פאַרשיי־דענע מאמרים פון דער גמרא און האָבן אויסגעפונען, אַז דער עיקר איז די כוונה פון דער תפילה.

אזוי האבן זיי אנגעוויזן אויף דעם מאמר פון דער גמרא (ברכות, ל׳): „לכוון את לבו לתפלה״, זיין הארץ זאל זיין אנגעגרייט פאר דעם דאווענען... אבער דאס האט גאר געהאט אן אנדער מיין, פונקט אזוי ווי מיר געפינען אן אנדער מאמר „לפנות את לבו מכל המחשבות״, אז זיין הארץ זאל זיין לער פון אלע אנדערע מחשבות...

די מקובלים האבן אבער גאר אנדערש אויסגעטייטשט אט די דאזיקע מאמרים און זיי האבן געלערנט, אז דער עיקר פון דאוונען איז די כוונה, פארשטיין די רמזים, וואס זיינען פאראנען אין די ווערטער פון די תפילות. זיי, די מקובלים, האבן געהאלטן, אז אין יעדן ווארט און אפילו אין יעדן אות פון דער תפילה זיינען פארהוילן פארשידענע „שמות״, הייליקע נעמען פון די מלאכים און פון גאט אליין, וואס מען טאר אים ביי אט די נעמען ניט אנרופן. אבער מכוון זיין דעם הייליקן נאמען, אין זינען האבן דעם הייליקן שם, מוז מען יא... ווי עס ווערט געבראכט אין „שערי אורה״ (שער א׳, עמוד א׳): „לכוון כל שם ושם מהשמות הקדושים הנזכרים בתורה״ (מכוון צו זיין יעדן הייליקן שם, וואס ווערט דערמאנט אין דער תורה).

די מקובלים זענען שוין געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבן פשוט געהאלטן, אז עס איז ניט פאראן קיין איין ברכה, עס זאל אין איר ניט שטעקן עפעס א סוד... אזוי ווערט געבראכט אין דער הקדמה פון זוהר, אז די „הונדערט ברכות, וואס דוד המלך האט מתקן געווען, זיינען קעגן די ספירות און די אכצן ברכות זיינען קעגן די אכצן וועלטן...״

בפרט האט דער אר״י הקדוש, דער באגרינדער פון דער פראקטישער קבלה, אין צפת, אריינגעלייגט גרויסע כוונות אין תפילה. און כדי יעדער מקובל, יעדער בעל־סוד זאל קאנען דאווענען מיט אלע כוונות, וואס ער דארף מכוון זיין, האט דער אר״י הקדוש פארפאסט א ספר „כוונות האר״י״ און זיינס א סידור, וואס אנטהאלט אלע כוונות און צרופים, וואס א מענטש דארף אין זינען האבן ביים דאוונען...

די מקובלים האבן אויך געהאלטן, אז א פשוטער מענטש, אויב ער וייס ניט ווי אזוי מכוון צו זיין די כוונות ביים דאוונען, איז גליך ווי ער וואלט אינגאנצן ניט געדאוונט.

און אין דעם פרט האט אויך דער בעל־שם־טוב, דער באגרינדער פון חסידות, געהאלטן פון דער שיטה, אז דער עיקר ביים דאווענען איז די כוונה. אויך ער האט ניט געוואלט, אז א ייד זאל פשוט אפזאגן די תפילות און זאל דערביי ניט אין זינען האבן וואס ער זאגט. ער האט געהאלטן,

אַז מען דאַרף ביים דאַוונען ניט אין זינען האָבן גשמיותדיקע זאַכן, עניינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו ערדישע פֿאַרלאַנגען, און ער האָט געזאָגט, אַז „אויב עמיצער איז מכוון ביים דאַווענען זאַכן, וואָס האָבן אַן אייגענעם גשמיותדיקן נוצן, דעמאָלט ווערט אַ וואַנט געשאַפֿן צווישן אים און גאָט און זיינע תּפֿילות ווערן גאָר ניט צוגעהערט״ (כתר שם טוב).

דער בעל־שם־טוב האָט אָבער ניט געמיינט דערמיט, אַז מען דאַרף אַריינלייגן גאָר גרויסע כּוונות אין דאַוונען, אַזוי אַז אַ פּשוטער ייד וואָס קאָן ניט מכוון זיין די כּוונות איז ניט יוצא מיטן דאַוונען; נאָר ער האָט געהאַלטן, אַז מען זאָל זיך בעתן דאַוונען באַהעפֿטן מיט גאָט, אין זינען האָבן, אַז גאָט איז דער, וואָס האָט אַלץ באַשאַפֿן, און אים דערפֿאַר דאַנקען און לויבן...

דערפֿאַר האָט דער בעש״ט געהייסן, אַז מען זאָל דאַוונען אַפֿילו אויף אויף יידיש, אַבי מ׳זאָל בעסער פֿאַרשטיין וואָס מען רעדט. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז דער עיקר ביים דאַוונען איז די כּוונה און אויב איינער איז מכוון לשם שמים איז שוין נישט קיין חילוק ווי אַזוי איינער איז מתפּלל. דעריבער קאָנען מיר באַגעגענען פֿאַרשידענע פֿאָלקס מעשיות, וואָס ווערן דערציילט פֿון בעל־שם־טוב, וועגן פּראָסטע פֿאַרגרעבטע מענטשן, וועלכע האָבן אַפֿילו גאָר נישט געוואוסט ווי אַזוי צו דאַוונען, וועלכע האָבן אַפֿילו נישט געקענט קיין עברי, האָבן געשפּאָלטן הימלען מיט זייערע תּפֿילות... אַזוי ווערט דערציילט וועגן בעל־שם־טוב, אַז ער האָט געהערט אַז זייבער אַ שכן אין גן־עדן וועט זיין אַ געוויסער ייד. איז ער געגאַנגען געוואויר ווערן ווער דער ייד איז, האָט ער אויסגעפֿונען, אַז דער ייד איז אַ פּאַסטוך, וואָס האָט צומאָל ניט געקענט קיין עברי, נאָר האָט געלויבט גאָט מיט שפּרינגען כּסדר איבער אַ טייך...

דערפֿאַר האָט אויך ר׳ לוי יצחק פֿון באַרדיטשעוו פֿאַרפֿאַסט אַליין תּפֿילות אויף יידיש און ער האָט אין האַרציקע ווערטער זיך אויסגע־שמועסט מיט גאָט, און דאָס זעלבע האָט געטאָן ר׳ נחמן בראַסלאַווער. ער האָט געלערנט מיט זיינע חסידים, אַז מען מעג אַליין זיך אויסטענהן מיט גאָט אויף דער יידישער שפּראַך און בעטן צו גאָט אויף אַלע לשונות.

חסידות האָט געלערנט, אַז דער עיקר התּפֿילה איז דביקות און התלהבות, דאָס באַהעפֿטן זיך מיט גאָט ביים דאַווענען און דעם ברען, וואָס מען האָט ווען מען דאַוונט. „וויפֿיל אַ מענטש זאָל ניט מכוון זיין כּוונות ביים דאַוונען — האָט דער בעל־שם־טוב געלערנט (צוואת הריב״ש)

— אין ער פאַרט נישט מער מכוון נאָר די שמות וואָס ער ווייסט, אָבער עס קאָן דאָך זיין, אַז יעדעס וואָרט האָט אַ סך מער שמות וואָס זיינען פאַר־הוילן פון אונדז... איז דערפאַר בעסער ווען אַ מענטש דאַוונט מיט דביקות, דעמאָלט ווערן די כוונות דערהויבן אין הימל פון זיך אַליין".

און אין „דברי שלמה" טרעפן מיר, אַז „ווער עס דאַוונט מיט דביקות איז גליך ווי גאָט אַליין וואָלט מיט אים געוווען גערעדט".

און ווען ר' אביגדור, דער פינסקער רב, איז אַרויסגעטראָטן קעגן די חסידים און בפרט קעגן דעם רבין ר' שניאור זלמן פון לאַדי און אים געשטעלט פראַגן וועגן מהות פון חסידות, האָט ער אויך דערמאָנט, אַז „אַ חוץ דעם שרייבן זיי (געמיינט די חסידים), אַז טייל מאָל קאָן זיך אַ מענטש באַהעפטן מיט גאָט, און דערפאַר רופן זיי אָן אין זייערע ספרים און בריוו זייער פירער מיטן נאָמען „אלהים".

די חסידים האָבן זיך אָבער גאָר נישט געשראָקן פאַר די אָנפאַלן פון די מתנגדים און זיי האָבן ווייטער געלערנט, אַז דער עיקר תפילה איז דביקות און התלהבות, און כדי צו קומען צו אָט די מדרגות זאָל מען פאַרן דאַווענען זיך אָפּשיידן פון דער וועלט יעדן טאָג אַ שעה, און דאָס האָט געהייסן „התבודדות". אין דער דאָזיקער שעה האָט זיך דער חסיד פאַרטראַכט וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט, האָט זיך פאַרטיפט אין יעדן באַשעפעניש, וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן שפּאַציר אין פעלד אָדער אין וואַלד, האָט זיך צוגעהערט צו דעם געזאַנג פון די פייגל, האָט זיך מער צונויפגעלעבט מיט דער גאַנצער נאַטור, און דאָס האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער איז אַהיימגעקומען אַ געלייטערטער און האָט דער־נאָך שוין געדאַוונט אין בית המדרש מיט ריינערע מחשבות און מיט אַ לויטערן מוח.

חסידות האָט אָבער אויך אָפּגעוויכט פון די מתנגדים דערמיט, וואָס עס איז איינגעפירט געוואָרן דער נוסח ספרד. אַזוי אַרום האָט מען גליך געקאָנט דערקענען אין יעדן בית המדרש ווער עס איז אַ חסיד און ווער אַ מתנגד.

מיט דער צייט אָבער, מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון חסידות, זענען פאַרשידענע צווייגן אַרויסגעוואַקסן פון דעם חסידישן בוים און אויך אויף אָט דעם געביט פון תפילה איז פאַרגעקומען גרויסע ענדע־רונגען.

פון דעם אָנגענומענעם חסידישן נוסח אין תפילה זיינען אויך שטאַרק אָוועק די פשיסכער און דערנאָך די קאָצקער חסידים, וועלכע האָבן גע־

האַלטן, אַז קוים איז דער עיקר תּפילה די כּוונה, זיך צו באַהעפטן מיט גאָט, איז ממילא, אויב איינער האָט נישט קיין ריינע מחשבות, איז שוין גלייכער אַז ער דאַוונט אינגאַנצן ניט.

דערפאַר פלעגט מען טאַקע טרעפן אַרומגיין די פייערדיקע אַלטע קאָצקער חסידים פאַרמוטשט אין דער קלויז מיט אַ ליולקע ציבעך אין מויל און „כּאַפּן מוחות", שפּרייזן אויף־און־אַפּ איבער דער קלויז, די הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל און רייניקן זייערע מחשבות. און אַזוי ווי אויף זמן תּפילה (דאַווענען אין דער פרי אין אַ באַשטימטער צייט) האָבן די חסידים נישט מדקדק געווען, האָט זיך געקאָנט טרעפן, אַז אַ קאָצקער חסיד האָט זיך געשטעלט דאַוונען גאָר שפּעט, אין דער צייט ווען אַנדערע יידן זיינען שוין אַהיימגעגאַנגען עסן מיטאָג.

דעריבער האָבן די אַנדערע חסידים אויך אַרויסגעלאָזט אַ שם, אַז אויב אַ קאָצקער חסיד האָט דערפילט אַז זיינע מחשבות זיינען נישט ריין, האָט ער אינגאַנצן אין דעם טאָג ניט געדאַוונט.

די בעלזער חסידים, ווידער, האָבן געהאַלטן, אַז די בעסטע זאַך ווי אַזוי צו פאַרטרייבן די שלעכטע מחשבות ביים דאַווענען איז צו דאַווענען שנעל, ווייל דערמיט וואָס מען זאָגט שנעל די עברי האָט מען נישט קיין צייט פון עפּעס אַנדערש צו טראַכטן. דערפאַר פלעגט מען זאָגן אויף די בעלזער חסידים, אַז זיי „פאָרן ביים דאַווענען מיט אַ בליץ־צוג", אַזוי אַז קיינער קאָן זיי נישט דעריאָגן.

די סאַדיגורער חסידים, ווידער, האָבן געדאַוונט זייער פּאַמעלעך און אויסגעצויגן יעדעס וואָרט. דער רבי אַליין האָט אָבער נישט געדאַוונט צוזאַמען מיט אַלע חסידים נאָר אין זיין חדר־המיוחד און קיינער האָט אים נישט געזען.

אַ גרויסע צערעמאָניע איז געפּראַוועט געוואָרן ביים קאָזשעניצער מגיד אין קלויז, ווען ער איז אַריינגעקומען דאַווענען. און אָט ווי דער קאָזשעניצער מגיד איז אַריינגעקומען אין קלויז אַריין זיך שטעלן דאַווענען.

פאַראויס פאָרן קאָזשעניצער מגיד איז געגאַנגען אַ שמש מיט צוויי ברענענדיקע ליכט אין די הענט און הינטער דעם מגיד איז געגאַנגען אַ שמש מיט צוויי ברענענדיקע ליכט אין די הענט און צווישן די צוויי שמשים איז געגאַנגען דער קאָזשעניצער מגיד אַליין מיט אַ ספר תּורהלע אין דער האַנט. צוויי שורות חסידים זיינען געשטאַנען אין ביידע זייטן פון דער קלויז און האָבן אָפּגעוואַרט ביז דער רבי איז צווישן זיי דורכגעגאַנגען.

און ווען דער רבי איז אין קלויז אַריינגעקומען האָט דער ערשטער שמש אָוועקגעשטעלט די ליכט ביים עמוד און דער צווייטער שמש האָט אָוועקגעשטעלט די ליכט אויפֿן שולחן, וואו דער רבי האָט געדאַוונט. און דער רבי אַליין האָט געטאַנצט אַנטקעגן דעם ארון קודש דריי טענץ אויף פֿאָרויס און דריי טענץ אויף צוריק.

דערנאָך האָט דער רבי אַריינגעשטעלט דאָס ספֿר תּורהלע אין ארון קודש אַריין און האָט ווידער געטאַנצט דריי טענץ אויף פֿאָרויס און דריי טענץ אויף צוריק.

און ערשט דערנאָך האָט דער מגיד זיך געשטעלט דאַוונען און ער האָט בעתן דאַוונען געטאַנצט מיט אַזאַ התלהבות און ברען, אַז ווען ער האָט געהאַט געזאָגט „עלינו״, ביים סוף דאַוונען, האָט מען שוין אויסגעשפּריט שעפּסענע פֿעלעכלעך אויף דער ערד, ווייל דער רבי איז אַוועקגעפֿאַלן אינגאַנצן אַ פֿאַרחלשטער און מען האָט דעם רבין דערנאָך, — וועלכער איז בכלל געווען אַ גרויסער חלוש, — געוויקלט אין שמוישענע פֿעלעכלעך, מען זאָל דערוואָרעמען זיין אויסגעדאַרטן גוף, און מען האָט אים אויף די הענט אַריינגעטראָגן צוריק פֿון בית המדרש אַריין אין זיין חדר־המיוחד אַריין אַ צעבראָכענעם און שוואַכן, ווייל ער האָט זיך געהאַט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַטערט פֿונעם טאַנצן ביים דאַוונען. (זע „עשר אורות״).

אָט אַזוי, מיט אַזאַ מין התלהבות האָט דער קאָזשעניצער מגיד געדאַוונט יעדן טאָג...

חסידות און נגינה

וואָס פאַר אַ ראָלע געזאַנג שפּילט אין חסידות. — די שטעלונג פון בעש״ט צו נגינה. — וואָס ר׳ נחמן בראָסלאַווער האָט געלערנט וועגן נגינה. — „ווער עס קאָן ניט זינגען קאָן ניט זיין קיין חסיד״, לערנט חסידות.

חסידות האָט אין די יידישע פאָלקס־מאַסן דערוועקט אַ גרויס געפיל פאַר געזאַנג. מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז מיט דער אַנטשטייאונג פון חסידות, האָט דאָס יידישע פאָלק צובאַקומען אַ נייעם חוש, אַ געפיל פאַר נגינה. מיר קאָנען זיך איצט נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעזען, ביז חסידות איז אַנטשטאַנען, ווי אַזוי האָט מען זיך אויסגעלעבט ביי אַ חתונה, ברית און שמחה. מיר ווייסן נאָר, אַז פאַרן אויפקומען פון חסידות, זיינען די יידן תמיד אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע און פאַרמרה־שחורהטע. שבת זיינען זיי געזעסן ביי זיך אין שטוב, אַ לערנער האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּראָסטער ייד אַ פּרק משניות, און אַ בעל־מלאכה האָט „געריבן״ אַ קאַפּיטל תהלים.

האָבן טאַקע די מתנגדים אין זייערע אַנפאַלן און חרמות אויף די ערשטע חסידים כּסדר דערמאָנט דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס די חסידים זיינען באַגאַנגען, ווייל זיי האָבן כּסדר געטאַנצט און געזונגען. אויך שלמה מיימון דערמאָנט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז די חסידים פלעגן אָפּט טאַנצן, אריינכאַפּן אַ יונגנמאַנטשיק אין זייער חברה אריין און אים אַביסל אריינשמייסן, וואָס מ׳האָט דאָס גערופן „בטול היש״, זיך אַליין מבטל זיין...

שוין דער בעל־שם־טוב אַליין פלעגט זייער אַ סך זינגען מיט זיינע חסידים; שוין ער האָט דערפילט, אַז מיטן כּח פון נגינה קאָן מען אַ סך מענטשן צוציען צו זיין שיטה, און זייענדיק נאָך אַ יינגל — דערציילט די חסידישע לעגענדע — ווען ער איז נאָך געווען אַ באַהעלפער, האָט ער שוין צונויפגענומען אַלע קינדער פון שטאָט און זיי געפירט מיט געזאַנג אין חדר אריין. אָפטמאָל מיט זיי פאַרקראָכן אין וואַלד און צוזאַמען מיט זיי

געזונגען. אַזוי אַרום האָט ער צוגעצויגן די קינדער צו זיך און זיי זייַנען שוין מיט פרייד דערנאָך געלאָפן אין חדר אַריין!...

אָט מיט דעם זעלביקן מיטל האָט זיך דער בעל־שם־טוב באַנוצט אויך שפּעטער, ווען ער האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן זיין נייע שיטה—דאָס חסידות. נאָר מיט געזאַנג און טענץ, האָט ער פאַרשטאַנען, וועט מען קאָנען דער־הויבן די נשמות פון די פאַרזאָרגטע יידן, וועלכע ווערן צעבראָכן פון דעם גרויסן עול פון פרנסה און „עול הגלות"...

די גאַנצע חסידישע ליטעראַטור איז פול מיט מאַמרים וואָס ווייזן, ווי וויכט נגינה איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פונעם חסידות. אַזוי איז באַקאַנט דאָס חסידיש ווערטל, אַז מיט נגינה קאָן מען עפענען אַלע טויערן פון הימל, מיט עצבות קאָן מען זיי אַלע שליסן. אַן אַנדער ווערטל ווידער זאָגט: „אויב מיט געוויין קאָן מען עפענען טויערן, קאָן מען מיט שמחה ברעכן מויערן".

באַזונדער האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט דאָס זינגען ביי ר׳ נחמן בראַסלאַווער. „זייט וויסן, — האָט אַמאָל ר׳ נחמן געזאָגט צו זיינע תלמידים, — אַז יעדע חכמה באַזונדער האָט זיך איר ניגון, וואָס נאָר דורך אָט דעם ניגון קאָן עקזיסטירן די חכמה. און אַפילו די חכמה פון אַפּיקורסות האָט זיך אויך איר ניגון. דערפאַר ווערן דערהויבן מיטן ניגון פון אַ צדיק אַלע נשמות, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין אַפּיקורסות". (ליקוטי מוהר"ן, ק"ד).

„דורך נגינה, — זאָגט ווידער ר׳ נחמן, — קאָן מען קומען צו דער בחינה פון נבואה, וואָרים דער עיקר דבקות אין גאָט קאָן נאָר קומען דורך נגינה". (ליקוטי עצות השלם אות נגינה).

לויט ר׳ נחמנס וועלט־באַנעם איז דאָס העכסטע אין דער וועלט — די שיינקייט פון אַ ניגון.

אין אַלע ספרים, וואָס ר׳ נתן, דער תלמיד פון ר׳ נחמן, האָט געדרוקט וועגן זיין רבין, ווערט אומעטום גערעדט וועגן דעם גרויסן באַדייט פון געזאַנג. אַזוי לערנט אונדז דער בראַסלאַווער רבי, אַז „קול הנגינה — תלבש את השכינה" — נגינה איז דער מאַנטל פון דער שכינה (ליקוטי מוהר"ן). „צריך להיות יודע נגן", מען דאַרף האָבן אַ ידיעה אין נגינה, כדי צו פאַרשטיין, ווי אַזוי צונויפצוזאַמלען די אומעטום פאַרשפּרייטע טענער און מאַכן פון זיי אַ ניגון, דורך וועלכן דער „יודע נגן" שאַפט דערמיט די

פֿולשטענדיקע פֿרייד, און עס דערוועקט זיך אין אים דערפֿאַר דער רוח הנבואה.

ר׳ נתן דערציילט וועגן זיין רבין ר׳ נחמן, אַז „ער פֿלעגט זייער אָפֿט זינגען אַן אייגענעם ניגון. זינגענדיק דעם ניגון, פֿלעגט ער זיך אַוועק־לאָזן אין אַ טאַנץ, און ווער עס האָט נישט געזען זיין טאַנצן, דער האָט אין זיין לעבן קיין גוטס נישט געזען״...

דער רבי ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וועלכער האָט אין האַרצן תּמיד גע־טראָגן דעם צער פֿון דער גאַנצער וועלט, האָט געלערנט מיט זיינע תּלמידים, אַז „צריך להיות תּמיד בשמחה ולעבד את ד׳ בשמחה״, מען דאַרף תּמיד זיין מיט שמחה און דינען גאָט מיט פֿרייד, און טאַקע „נאָך אַמאָל האָפּ!״...

דער בראַסלאַווער רבי האָט פֿאַרשטאַנען דאָס לעבן פֿון די יידן אין ביטערן גלות, און אַז מען דאַרף פֿון זיך אַליין קאָנען, מיט אַלע כּחות, פֿאַרטרייבן דאָס עצבות, האָט ער דערפֿאַר געלערנט זיינע תּלמידים, אַז „עס איז אַ גרויסע מצוה צו זיין תּמיד אין שמחה און זיך שטאַרקן און דער־ווייטערן מיט אַלע כּחות פֿון עצבות און מרה־שחורה. ווער עס איז אין עצבות, פֿון דעם טוט זיך גאָט דערווייטערן. דערפֿאַר דאַרף יעדער מענטש זיין שטאַרק געוואָרט, צו זיין שטענדיק אין שמחה!״

„די רשעים״, ווייזט אָן ר׳ נחמן, „זינגען על פּי רוב ניגונים פֿון עצבות! ס׳איז דערפֿאַר די העכסטע מעלה, נאָכצויאָגן דווקא די מרה־שחורה גופֿא און אויך זי אַריינברענגען אין דער בחינה פֿון שמחה, דאָס הייסט, פֿאַר־וואַנדלען די מרה־שחורה אַליין און אויך אַלע יסורים אין לויטער שמחה״.

„ווען יעקב אבינו, דערציילט אונדז ר׳ נחמן בראַסלאַווער, האָט זיינע צען זין געשיקט צו יוספֿן קיין מצרים, האָט ער מיט זיי מיטגעשיקט דעם ניגון פֿון ארץ־ישׂראל, און דאָס איז דער סוד פֿון די ווערטער, וואָס יעקב זאָגט צו די קינדער: „קחו מזמרת הארץ״, דאָס מיינט דאָס געזאַנג פֿון לאַנד. וואָרים איר דאַרפֿט וויסן, אַז יעדעס אָרט האָט זיך איר ניגון, און יעדעס גרעזעלע האָט זיך איר זמר, און דורך די גראָזן וואָס וואַקסן פֿון דער ערד, ווערט באַשאַפֿן אַ ניגון. דערפֿאַר האָט זיך יעדער רועה (דער פּאַסטוך) זיין ספּעציעלן ניגון, לויט די גראָזן וואָס וואַקסן דאָרט, ווען ער טוט פּאַשען זיינע שאָף״.

דער רבי ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט געהאַט אַ פּאָעטישע נשמה און ער האָט אומעטום געהערט געזאַנג, דעם טאָן פֿון שירה צום באַשעפֿער

פון דער וועלט. ווערט דערציילט אין „מגיד שיחות" — ר' נחמן איז ארויסגעגאנגען שפאצירן הינטער זלאטעפאליע, האט ער געזאגט צו זיינס א חסיד: „ווען דו וואלסט געהאט די זכיה צו הערן דאס געזאנג און די שירות ותשבחות פון די גראזן און געוויקסן, וואלט דיר גוט געווען, ווייל יעדעס גרעזעלע זאגט שירה צום אויבערשטן אן שום פניות און אן שלעכטע געדאנקען, אן טראכטענישן וועגן „תשלום גמול"! אך, ווי וואויל, ווי שיין עס איז, אז מען הערט דאס דאזיקע גראזן־געזאנג, ס'איז גוט, פרום צו זיין צווישן זיי!"

און אן אנדערש מאל האט ר' נחמן בראסלאווער געזאגט צו זיינע חסידים: „ס'איז גוט און ליב ארויסצוגיין אויפן פעלד, ווען די נאטור טוט זיך אויפכאפן פון איר שלאף, כדי אויסצוגיסן דארט א תפילה צו גאט! עס זיינען פאראן פעלדער און דארטן וואקסן ביימער און געוויקסן מיט וואונדערבארער שיינקייט און באגאסן מיט פראכט, און אלץ זינגט שירה!"...

זייט וויסן — האט אמאל געזאגט ר' נחמן צו זיינע תלמידים — אז יעדע חכמה אין דער וועלט האט זיך איר ניגון, און אפילו „חכמת האפיקורסות" האט זיך אויך איר ניגון... און וואס העכער עס איז די מדרגה פון דער חכמה, אלץ העכער און דערהויבענער איז דער ניגון!... און אפילו די פאלשע אמונות פון די פעלקער, וואס טוען צו אפגעטער דינען, אויך זיי האבן זיך זייער באזונדערן ניגון. און אויך די העכסטע אמונה, וואס איז דערהויבענער פון אלע חכמות און אמונות פון דער גאנ־צער וועלט, דהיינו די אמונה און דאס ליכט פון „אין סוף", וואס נעמט ארום אלע וועלטן, אויך זי האט זיך איר באזונדערן ניגון! און אט דער דאזיקער ניגון איז העכער פון אלע זמירות און נגונים פון דער גאנצער וועלט!"... און דאן לאזט זיך ר' נחמן אריין אין א חקירה אויפצואווייזן, אז דער העכסטער ניגון וועט געשאפן ווערן לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען, און דער דאזיקער ניגון וועט געזונגען ווערן אן ווערטער און אן טענער, ווארים דער ניגון וועט דערגרייכן די בחינה פון שתיקה!...

די באגרינדער פון חסידות האבן אויך געלערנט זייערע תלמידים ווי אזוי און וואס צו זינגען. אזוי, למשל, זאגט ר' נחמן בראסלאווער:

„דער ניגון דארף זיך אריינפאסן אין די ווערטער פון ליד, און אויך די באוועגונגען פון דעם טאנץ דארפן זיין צוגעפאסט צו דעם ניגון, ווייל אלע דריי: ניגון, ווערטער און טאנץ, זענען איינס. און ווער עס איז זוכה

צו הערן אַזאַ ניגון מיט ווערטער און טאַנץ, וואו אַלץ זאָל זיך צוזאַ־מענפּאַסן, דעמאָלט קאָן ממש די נשמה אויסגיין פאַר גרויס תּענוג, ווייל עס איז גאָר נישט פאַראַן קיין גרעסערער פאַרגעניגן אויף דער וועלט ווי אַט דער דאָזיקער תּענוג" (ליקוטי מוהר"ן).

„מען דאַרף זינגען מיט האַרץ", האָט אַמאָל ר' מרדכי נעשכיזער געזאָגט צו זיינע חסידים. „ווייל נגינה ווערט אָנגערופן „טעמי התורה". וואָרים דורך דעם ניגון קאָן מען דערקענען די כּוונה פון דעם מענטשן" (רשפּי אש).

חסידות איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס האָט פשוט געהאַט אַ כּלל, אַז „ווער עס קאָן נישט זינגען, דער קאָן נישט זיין קיין חסיד" („מי שאינו יכול לנגן, אינו יכול להיות חסיד" (נתיב רש"י).

מען האָט אויך איינגעהזרט מיט די חסידים, אַז מען זאָל זינגען די סקאַרבאָווע נגונים, די נגונים וואָס די אַלטע רביים האָבן אַמאָל געזונגען, ווייל דערמיט וואָס מען זינגט דעם רבינס ניגון, דערמאָנט מען זיך אינעם רבין אַליין און דאָס איז מעורר צו תּשובה. אַזוי ווערט געבראַכט אין דעם פריערדערמאָנטן ספר „נתיב רש"י" פון ר' הילל באָברויסקער, אַז „ווער עס זינגט דעם ניגון פון רבין (פונעם "תניא" ר' שניאור זלמן שניאורזאָן, פון לאָדי), ווערט ביי אים געבוירן אַ גרויסע שפע. דער רבי אַליין (דער „תניא") האָט געזונגען דריי נגונים, וואָס ער האָט מקבל געווען פון זיין רבין, דעם מגיד פון מעזעריטש, פון ר' מעכעלע זלאָטשיווער און פון ר' פּינחס קאָריצער".

חסידישע לידער און ניגונים

רביים וואָס האָבן באַרייכערט די חסידישע נגינה. — דער כוח פון אַ ניגון. — די לעגענדע וועגן רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער, וועלכער האָט זיך געהייסן מקבר זיין מיט מוזיק.

אַ חוץ סתם ניגונים, וואָס חסידים פלעגן זינגען, ווען זיי האָבן זיך פאַרדבקהט, זענען אויך פאַראַנען ניגונים מיט יידישע ווערטער, וואָס די רביים אַליין פלעגן זינגען ביים טיש.

אַזוי איז באַקאַנט דעם קאַרלינערס דבקות־ניגונדל מיט די יידישע ווערטער:

„מלאכים, שרפים ואופנים
פרעגן זיך: אַוואו איז גאָט?
אוי, ווײ.
וואָס ענטפערט מען זיי?
לית אתר פנוי מיניה
(נישטאָ קיין אָרט וואָס זאָל זיין ליידיק פון אים)

ניגונים מיט יידישע ווערטער זענען אויך געזונגען געוואָרן פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, הגם ניט אַלע לידלעך וואָס ווערן אָנגעגעבן אין זיין נאָמען זענען טאַקע פון אים.

אויך אין קאָצק פלעגן די חסידים זינגען זייער אָפט אַ לידל מיט יידישע ווערטער. דאָס לידל, ווערט געזאָגט, האָט פאַרפאַסט ר׳ אברהם משה (געשטאָרבן 1829), אַ זון פון ר׳ שמחה בונעם פון פשיסכע.

„ווער ס׳האָט זיך באַהאַלטן אונטער מיין באַלקן,
איז אַ סימן, ער האָט ליב געהאַט דעם טאַטן, דעם אַלטן.
נישט געדאַוונט און נישט געלערנט,
אַבי דעם אויבערשטן נישט דערצערנט,
וואָס האָבן מיר צו זאָרגן,
וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן?
לאָמיר בעסער פאַררעכטן,

וואָס מיר האָבן קאַליע געמאַכט נעכטן.
אוי, אפשר, אפשר, וועלן מיר עס קענען מתקן זיין,
אוי, אפשר, אפשר, וועלן מיר עס קענען מתקן זיין״.

נגינה האָט אויך פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ ביים קאַליוועער רבין, ר׳ אייזיקל, וועלכער איז געווען — ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט — אין די יונגע יאָרן אַ פּאַסטוך, און שוין זייענדיק אַ רבי פּלעגט ער פון צייט צו צייט אַרויספאָרן אין וואַלד אַריין און זיך צוהערן צו די ניגונים, וואָס די אונגאַרישע פּאַסטוכער זינגען, צושפּילנדיק אויף זייערע פייפעלעך.

איינמאָל איז אָט דער צדיק געזעסן אין וואַלד מיט זיינע חסידים און זיך צוגעהערט, ווי אַ פּאַסטוך האָט געזונגען אַ לידל מיט אָט די ווערטער:
„וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו!
כלה, כלה, ווי וויט ביסטו!
וואַלד, וואַלד, ווער אַוועקגענומען,
וועל איך, כלה, צו דיר קומען!״

דער רבי האָט דאַן צו זיינע חסידים געזאָגט, אַז אָט דער ניגון איז אַ „השתוקקות״־ניגון, ס׳הייסט: אַ ניגון פון דער גרויסער בענקעניש, וואָס יידן בענקען צו דער הייליקער שכינה. נישט מער: ער, דער פּאַסטוך, ווייסט נישט וואָס ער זינגט, און ער וויזט אַרויס זיין גאַנצע בענקעניש צו דער כלה... אין דער אמתן אָבער דאַרף מען עס זינגען אַזוי:
„גלות, גלות, ווי גרויס ביסטו!
שכינה, שכינה, ווי וויט ביסטו!
גלות, גלות, ווער אַוועקגענומען,
וועל איך, שכינה, צו דיר קומען!״

דאָס לידל ווערט ביזן היינטיקן טאָג געזונגען פון אַלע חסידים פון ראָפּשיץ און סאַנז.

פון דעם קאַליוועער רבין זענען נאָך פאַרבליבן אַ סך אונגאַרישע ליד־לעך, וואָס דער רבי אַליין האָט זיי פאַרפאַסט. איין לידל „סאלא קאַקאַש מאר״ (עס קרייעט שוין דער האָן) ווערט געזונגען אין גאַנץ אונגאַרן אַפילו ביי די גאָר אויפגעקלערטע יידן.

דער צווייטער רבי אין דער חסידישער וועלט, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון זינגען אַלס אַ הויפּט־עבודה, איז געווען דער ראָפּשיצער רבי, ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ. כמעט דאָס גאַנצע דאַווענען פּלעגט ער זינגען און אויף יעדער תפילה האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן ניגון.

אַלע ראָפּשיצער אייניקלעך זענען טאַקע גרויסע בעלי־מנגנים און אַ טייל רבּים פֿון דער ראָפּשיצער דינאַסטיע זענען נאָך היינט קאָמפּאָזיטאָרן און פֿאַרפֿאַסן אַליין פֿאַרשידענע ניגונים.

פֿאַראַן אָבער „סקאַרבאָווע“ ראָפּשיצער ניגונים, וואָס זיי טאָר מען נישט משנה זיין און זיי מוזן ווערן געזונגען פֿון אַלע ראָפּשיצער אייניקלעך אָן אויסנאַם. איינער פֿון אָט די ניגונימלעך איז דער ניגון אויף „לאל אשר שבת“, וואָס ווערט געזונגען פֿרייטיק־צונאַכטביים טיש. דער ניגון ווערט אויך אָנגערופֿן „די מלאכים מעלאָדיע“ און שטאַמט גאָר פֿון דער לובלינער „חוזה“. די חסידים דערציילן וועגן דעם ניגון אַזאַ מעשה:

דער „חוזה“ פֿון לובלין, ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ, איז אַמאָל, פֿרייטיק־צונאַכטס ביים טיש, אַריינגעפֿאַלן אין גרויס דבקות. די חסידים האָבן געזען בחוש, אַז דער רבי שוועבט אין די עולמות־העליונים. עס האָט אַזוי געדויערט אַ פּאָר שעה. דאַן האָט זיך דער רבי אויפֿגעכאַפּט מיט אַ גרויסער שמחה און האָט אָנגעהויבן צו זינגען „לאל אשר שבת“ מיט אַ אומבאַקאַנטן ניגון. נאָכן זינגען האָט דער רבי דערציילט די חסידים, אַז ער האָט געהערט אין די עולמות־העליונים די מלאכים זינגען שירה. זיי האָבן געזונגען דעם זמר „לאל אשר שבת“ טאַקע מיט דעם זעלבן ניגון, וואָס ער האָט איצט ביים טיש געזונגען. ביים טיש איז דעמאָלט אויך געווען דער ראָפּשיצער רבי, וועלכער האָט דערנאָך איינגעפֿירט פֿרייטיק צונאַכטס ביים טיש צו זינגען פֿאַרן בענטשן „לאל אשר שבת“ מיט אָט דעם מלאכים־ניגון...

אין דער חסידישער וועלט איז באַקאַנט נאָך אַ ניגון, וואָס ווערט גערופֿן דער „מלאכים־ניגון“. דאָס איז דעם קאָזשעניצער מגידס ניגון וואָס ווערט געזונגען ראש השנה אויף „אין קצבה“. דעם ניגון האָט דער קאָזשעניצער מגיד געהערט זינגען אין הימל פֿון די מלאכים, ווען זיי האָבן אַריינגעפֿירט אין גן־עדן אַריין ר׳ שמואל זביטקאָווער פֿון פּראַגע, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט פּראַגע ביי וואַרשע פֿון אַ פּאָגראָם בעת דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד...

אַ גאַנצע רייע חסידישע מעשיות און לעגענדעס ווערן דערציילט וועגן פֿאַרשידענע רבּיים וואָס מיטן כּוח פֿון זינגען און טאַנצן האָבן זיי אייגעבראָכן וועלטן. און וועגן דעם רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך געהייסן מקבר זיין מיט מוזיק.

די מעשה איז אַזוי געווען:

דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון דער מצוה „הכנסת כלה״ און ער פֿלעגט זיך זייער אַ סך מתעסק זיין מיט אָרעמע חתונות. וואו עס איז נאָר געווען אַן אָרעמע כלה, האָט ער זיך שוין דער־וואוסט פֿון איר, פֿלעגט אַרומפֿאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך און צונויפֿ־זאַמלען געלט, חתונה צו מאַכן די כלה. דערציילט דער „קהל חסידים החדש״, אַז איינמאָל אויף אַן אָרעמער חתונה האָט זיך דער סאַסאָווער רבי זייער שטאַרק משמח געווען, ער האָט געטאַנצט און געזונגען „בהכנסת כלה לחופה בכלי זמר״, ווען מ׳האָט געפֿירט די כלה צו דער חופה מיט מוזיק. די מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט און דער רבי אַליין האָט געטאַנצט. דער רבי איז אַריינגעפֿאַלן אין גרויס התלהבות און אינמיטן טאַנצן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אַ געהויבענעם חסיד און האָט געזאָגט:

„איך וואָלט מיר געוואונטשן, אַז ביי מיין לויה, ווען מען וועט מיך פֿירן צו קבורה אויפֿן בית עלמין, זאָלן די קלעזמאָרים דעם זעלביקן ניגון שפּילן, וואָס זיי שפּילן איצט, ווען מען פֿירט די חתן־כלה צו דער חופה!״...

און דעם צדיקס בקשה איז טאַקע דערפֿילט געוואָרן.

אין יאָרן אַרום, ווען דער סאַסאָווער רבי איז נפֿטר געוואָרן און מען האָט אים אין אַ ווינטער טאָג געפֿירט צו קבורה, איז עטלעכע וויאָרסט וויט פֿון סאַסעוו געשטאַנען אַ שליטן אויסגעצעצט מיט קלעזמאָרים, וואָס האָבן געזאָלט פֿאָרן אויף אַ חתונה. פּלוצלינג האָבן די פֿערד זיך געגעבן אַ ריס פֿון אָרט און זיך געלאָזט לויפֿן פֿייל אויסן בויגן און זיינען שטיין געבליבן פּונקט ביים בית־הקברות, וואו מען האָט געזאָלט דעם צדיק מקבר זיין.

אַז די חסידים האָבן דערזען אינמיטן דער לויה אָנקומען אַ שליטן מיט מוזיקאַנטן, האָבן די חסידים זיי געוואָלט דורס זיין, וואָס זיי זיינען זיך געקומען רייצן מיט זיי, אָבער דער דערהויבענער חסיד האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין הייליקן צדיקס ווערטער און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו די חסידים:

איך ווייס, אַז דעם רבינס רצון איז געווען, אַז מען זאָל אים פֿירן צו קבורה מיט מוזיק און ער האָט מיר אַפֿילו געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט מען זאָל אים באַגלייטן אויף יענער וועלט אַרויף מיט דעם זעלביקן ניגונדל, וואָס די קלעזמאָרים האָבן געשפּילט צו דער חתונה פֿון דער אָרעמער כלה אין דעם און דעם שטעטל...

און דער געהויבענער חסיד האָט דערמאָנט די מוזיקאַנטן דאָס חתונה ניגונדל, וואָס זיי האָבן אַמאָל געשפּילט צו דער אָרעמער חתונה, ווען מען האָט געפירט די אָרעמע חתן־כּלה צו דער חופּה.

האָט מען געזעצט אַ בית דין און מען האָט געפּסקנט, אַז מען דאַרף מקיים זיין דעם צדיקס ווילן, און מען האָט דעם סאַסאָווער רבין מקבר געווען אונטער די טענער פון דעם חתונה ניגונדל.

די קלעזמאָרים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע, האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן און טרערן זיינען זיי גערונען פון די אויגן. און די חסידים האָבן מקבר געווען זייער רבין און האָבן פאַרגאָסן באַכן טרערן, דער־מאָנענדיק זיך וואָס פאַר אַ הייליקן צדיק זיי האָבן פאַרלוירן...

די דאָזיקע חסידישע לעגענדע איז איינע פון די אָריגינעלסטע. דאָס באַווייזט, ווי ווייט חסידים האָבן געהאַלטן פון נגינה, אַז זיי האָבן געקאָנט שאַפן אַזאַ חסידישע לעגענדע, וועלכע האָלט לגמרי נישט אויס דעם יידישן שטייגער־לעבן, קובר צו זיין אַ צדיק אונטער טענער פון אַ חתונה־ניגון...

און דער רבי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז טאַנצן און זינגען איז אַ מין מלחמה, וואָס יידן פירן אין הימל, און נאָר דורכן כּח פון זינגען קאָן מען זיך דערהאַלטן אין דעם ביטערן גלות.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז דער ראָפּשיצער רבי געשטאַנען שמחת תורה, צו נעילת החג, ביי זיין פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין הויף אַריין צו די הונדערטער חסידים, וועלכע האָבן געטאַנצט פאַר דער קלויז. דעם רבינס צורה האָט געשטראַלט פאַר שמחה און די אויגן האָבן געגליט פאַר פרייד.

פּלוצלינג דערזעט מען, אַז דעם רבינס פּנים פאַרטונקלט זיך, ווי אַ כמאַרע וואָלט זיך אויף זיין שטערן אויסגעלייגט. די חסידים האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן פּאַמעלעך און איינער נאָכן צווייטן האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן פון רעדל.

פּלוצלינג האָט דער רבי געגעבן אַ געשריי:

„שאַ! שאַ!”...

די חסידים האָבן באַלד אויפגעהערט טאַנצן און דער רבי האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ פּאָר רגעס און דערנאָך האָט ער געגעבן אַ זאָג:

„און אַז אַ גענעראַל פאַלט אין שלאַכט, נו, שטעלט מען דען דערפאַר אָפּ די מלחמה! מלחמה איז מלחמה! איז לאָמיר טאַקע ווייטער טאַנצן!”...

די חסידים האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט זיינע דבורים, אָבער דער רבי האָט זיי מיט די פּאָר ווערטער אַריינגעגעבן אַזאַ מין התלהבות, אַז זיי האָבן דערנאָך שעהן לאַנג געטאַנצט, און דער רבי אַליין האָט מיט זיי מיטגעטאַנצט...

נאָך הבדלה, ווען דער עולם איז זיך צונויפֿגעקומען אין דער גבאים־שטוב אַריין געזעגענען, זיינען זיי געוואויר געוואָרן, וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט זיינע רייד: אַ גרויסער צדיק איז נפֿטר געוואָרן שמחת תורה פֿאַרנאַכט. דער רבי האָט עס ברוח הקודש דערשפּירט, און ער איז דערפֿאַר געוואָרן פֿאַרמרה־שחורהט אויף אַ פּאָר רגעס, אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז „ווען א גענעראַל פֿאַלט אין שלאַכט, שטעלט מען דערפֿאַר נישט אָפּ די מלחמה”, און דעריבער האָט ער געהייסן וויטער טאַנצן און מיט נאָך מער התלהבות...

סקאַרבאָווע ניגונים

ווי אַזוי קאָנען מיר פעסטשטעלן ווי אַלט אַ חסידישער ניגון איז? — רביים קאָמפּאָזיטאָרן. — די פאַרשידענע חסידישע ניגונים.

אין די חסידישע הויפן זינגט מען פאַרשידענע „סקאַרבאָווע" ניגונים, וואָס זאָלן זיין בקבלה זייער אַלט.

מיר ווייסן ניט אויף באַשטימט צי עס איז טאַקע פאַראַן אַ ניגונדל וואָס זאָל שטאַמען פון די צייטן פון בעל־שם־טוב, הגם, לויט ווי אַנ־סקי האָט דערציילט, האָט ער בעת זיין עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע, געזאַמלט אַ פּאָר „בעל־שמסקע ניגונים". אָבער פון די שפּעטערדיקע רביים איז שוין פאַראַן זייער אַ סך ניגונים וואָס ווערן געזונגען אין די פאַרשידענע רבייאישע הויפן. קודם כל זיינען פאַראַן אַ סך בראַסלאָווער און חב"דער ניגונים; דערנאָך קומען ניגונים פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק און פון רבין פון לובלין, און פון קאָזשעניצער מגיד, פון קאָצקער רבין, און זייער אַ סך ניגונים פון ראָפּשיצער רבין.

מיר קאָנען אַפילו אין געוויסע פאַלן פעסטשטעלן די אַלטקייט פון אַ חסידישן ניגון. אַזוי, למשל, קאָן מען זאָגן, אַז אויב אַ ניגון ווערט געזונגען אין די ראָפּשיצער הויפן אין גאַליציע און דער זעלבער ניגון ווערט אויך געזונגען, מיט געוויסע אָפּנייגונגען, אין די הויפן פון די תלמידים פון פשיסכע און קאָצק, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז בעת עס איז אָנגעגאַנגען די גרויסע מחלוקה צווישן פשיסכע און לובלין, וואָלט אַ רבי זיכער ניט געוועזן איבערגענומען אַ ניגון וואָס איז געזונגען געוואָרן אין אַ הויף פון אַ צווייטן רבין. האָט דער ניגון דערפאַר געמוזט שטאַמען פון אַ דור פריער, פון אַ פריערדיקן בשותפותדיקן רבין, און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז ראָפּשיץ האָט געפירט אַ מחלוקה מיט דעם פשיסכער, קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אויב דער זעלבער ניגון ווערט געזונגען אין ראָפּשיצער און אין פשיסכער הויפן, מוז זיין געדרונגען, אַז דער ניגון שטאַמט פון זייער בשותפותדיקן רבין, דעם לובלינער, אָדער אפשר גאָר פון אַ דור

פריער, פון דעם רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, וועמעס תלמיד דער לובלינער רבי איז געווען און ביי וועמען ער האט איבערגענומען א סך ניגונים.

דאס זעלבע קאן אויך געזאגט ווערן ווען מיר זעען, אז אין די סאדע־גורער הויפן זינגט מען דעם זעלבן ניגון אויף א שבתדיקן זמר, וואס אין די סאנזער הויפן, מוזן מיר צוגעבן, אז דער ניגון איז אן אלטער, אפשר גאר פון דעם מעזעריטשער מגיד. ווארים ווער עס נעמט אין באטראכט ווי שטארק די מחלוקה איז געפירט געווארן צווישן סאנז און סאדאגורע, אז מען האט פארברענט תפילין און מזוזות, געשריבן פון א סופר וואס איז געווען א סאדאגורער חסיד — דער וועט פארשטיין, אז קיינמאל וואלט א סאנזער חסיד ניט געבראכט א ניגון אין זיין רבינס הויף אריין, וואס איז געזונגען געווארן אין סאדאגורער הויף, און דאס זעלבע פארקערט. מוז מען דערפאר זוכן זייער בשותפותדיקן רבין, און אזוי ווי סאנזער חסידות ציט איר יניקה פון ראפשיץ־לובלין־ליזשענסק ביז מעזעריטש, ציט מען דעם זעלבן פאדים פון סאדאגורע, ריזשין, ר׳ אברהם מלאך, ביז מעזעריטש, און מיר זעען, אז דער דאזיקער סקארבאווער ניגון איז א סך עלטער ווי מיר האבן פון אנהויב געמיינט.

ווען מיר זאגן, אז א ניגון שטאמט פון דעם און דעם רבין, הייסט עס נאך ניט, אז דער רבי אליין האט דעם ניגון מחבר געווען, נאר אז דער רבי אליין האט דעם ניגון געזונגען אויף א באשטימטן זמר, הגם א סך רביים זענען אליין געווען קאמפאזיטארן, און געוויסע רביים זענען אפילו געווען מוזיקער. אזוי האט דעם „יוד הקדוש״ס זון פון פשיסכע גע־שפילט אויף א פידל, און די חסידים האבן אין דעם גאר גרויסע כוונות אריינ־געלייגט. אויך האבן די קינדער פון דעם רבין ר׳ אליעזרל פון דזשיקאוו געשפילט אויף פארשידענע אינסטרומענטן און האבן געהאט אין דזשיקאווער הויף אן אייגענע קאפעליע. זיי פלעגן אפטמאל שפילן פארן רבין ביי א מלוה מלכה, חנוכה ביים ליכט־בענטשן און חול המועד סוכות אין דער סוכה. די קאפעליע איז באשטאנען פון בלויז רבישע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זיינען דערנאך אליין געווען רביים און געפירט רביסטווע.

א סך רביים זענען אויך געווען קאמפאזיטארן. צווישן זיי איז אמ־מיינסטן באקאנט דער אלטער מאזשיצער רבי ר׳ ישראל טאוב.

צענדליקער און צענדליקער ניגונים האט דער אלטער מאזשיצער רבי געשאפן. אויף וויפיל זיי האבן א מוזיקאלישן ווערט, לאזן מיר עס

איבער פֿאַר די איצטיקע מוזיק־קריטיקער. זיי, די מומחים, וועלן דאַרפֿן באַשטימען וויפֿיל די דאָזיקע ניגונים זיינען אָריגינעל חסידיש. אונדז פֿאַר־אינטערעסירט בלויז דאָ, אויף ווי ווייט דער אַלטער מאָזשיצער רבי האָט אָריינגענומען נגינה אַלס הויפּט יסוד פֿון חסידות און ווי ער האָט געוואָלט פֿאַרבונדן נגינה מיט קבלה.

דער אַלטער מאָזשיצער רבי איז געווען אַזוי דורכגענומען אין זיין גאַנץ וועזן מיט נגינה אַז עס פֿלעגט פּשוט פֿון זיין נשמה אַליין אַרויס־זינגען, פֿלעגט ער זאָגן. דער מענטש דאַרף נישט בלויז האָבן אַן אויער צו הערן אַנדערע ניגונים — האָט ער געלערנט מיט זיינע חסידים — נאָר צו הערן זיינע אייגענע ניגונים, וואָס זינגען אַרויס פֿון זיין האַרץ...

ווען דער מאָזשיצער רבי ר׳ ישראל איז נאָך אַ יונגערמאַן געווען, האָט ער נישט געוואוסט, אַז מען קאָן פֿאַרשרייבן אַ ניגון פּונקט אַזוי ווי מען קאָן פֿאַרשרייבן אַ תּורה. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז כּדי אַ צווייטער זאָל קאָנען נאָכזינגען אַ ניגון, וואָס ער האָט געהערט פֿון עמיצן, מוז יענער אַזוי לאַנג זינגען דעם ניגון ביז דער צווייטער וועט זיך אים אויס־לערנען פֿון אויסענווייניק, אַז מען קאָן געזאַנג אויך פֿאַרשרייבן אויף נאָטן — דערפֿון האָט ער קיין השגה נישט געהאַט.

ביז איינמאָל איז אין זיינע הענט צופֿעליק אַריינגעפֿאַלן דאָס ספֿרל: „מנצח בנגינות״ פֿון צבי ניסן גאָלאָמב פֿון ווילנע און ער האָט זיך פֿון אָט דעם ספֿר דערוואוסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ מין כּתב, וואָס ווערט אָנגערופֿן נאָטן און אַז מיט אָט דעם דאָזיקן כּתב קאָן מען פֿאַרשרייבן וואָס פֿאַר אַ ניגון מען וויל...

אמת איז, אַז שרייבן, אָדער לייענען נאָטן, האָט זיך דער אַלטער מאָזשיצער רבי פֿון דעם ספֿרל טאַקע ניט אויסגעלערנט, אָבער אַ ידיעה אין מוזיק האָט ער פֿון דאָרטן באַקומען. דאָס קאָן מען זען פֿון זיינע תּורהס, וואָס געפֿינען זיך אין זיינע ספֿרים „כּללי אוריתא״ און „דברי ישראל״, וואו ער רעדט אָפֿטמאָל וועגן מוזיק. אין זיינס אַ תּורה זאָגט ער אויפֿן פּסוק: „קחו מזמרת הארץ בכליכם״, אַ גאַנצער מאמר אין קבלה, וואו ער פֿאַרבינדט די זיבן טענער פֿון מוזיק מיט די זיבן טעג פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג, מיט די זיבן ספֿירות און די „שבעה כוכבי לכת״ פֿון פּלאַנעטן־סיסטעם. דאָרט רעדט ער אויך וועגן ענין „אָקטאַווע״ און ווייזט אויף, אַז דאָס איז נישט אַזוי פּשוט ווי מען מיינט. און ער גיט צו פֿאַרשטיין, אַז אויף דער וועלט זיינען איצט פֿאַראַנען נישט מער ווי זיבן „קולות״ (טענער)

און די קולות זיינען העכער און העכער איינער פון צווייטן, מדרגותוויז, און ווען עס קומט צום אכטן קול, ווערט דאס אן „אקטאווע", וואס איז אין עצם צוריק דאס ערשטע קול נאר מיט א גאנצער מדרגה העכער...

ער טייטשט אויך אויף דעם אופן אויס דעם מאמר, וואס געפינט זיך אין דער גמרא (ערבין, י"ג), דער פידל פון בית המקדש איז געווען פון זיבן סטרונעס... פון ימות המשיח וועט זיין פון אכט סטרונעס, פון עולם הבא וועט זיין פון צען סטרונעס". און ער פרעגט: אין פלוג איז דאך קשה, וואס איז די רבותא, אז עס וועט זיין אין די צייטן פון ימות המשיח א פידל פון אכט סטרונעס און דערנאך פון צען סטרונעס, אז שוין היינט זעען מיר א סך כלים צו שפילן, וואס האבן א סך מער ווי צען סטרונעס: „ווי, למשל, דער כלי־זמר, וואס ווערט אנגערופן הארף און אנדערע. נאר, ענטפערט דער רבי אין זיין תורה, אין דער איצטיקער צייט באקומט די וועלט די השפעה פון די זיבן ספירות, דערפאר איז דער פידל אין בית המקדש געווען נאר פון זיבן סטרונעס, אנהויבנדיק פון דער ספירה „חסד", ווען משיח וועט קומען, וועט זיך אנהויבן די השפעה פון דער ספירה „בינה", דאס הייסט, אז עס וועט זיין אכט סטרונעס, אכט ספירות און לעולם הבא וועט קומען די השפעה פון דעם „כתר" אליין, פון די גאנצע צען ספירות, דער־פאר זאגט די גמרא, אז דעמאלט וועט דער פידל זיין פון צען סטרונעס.

אבער אין דער איצטיקער צייט איז נאך אלץ פאראן בלויז „זיבן טענער" און דער מוסר השכל דערפון איז, אז ווען א מענטש קומט שוין צו דער העכסטער מדרגה, צו דעם אכטן שטאפל, וואס עס איז אן „אקטאווע", פאלט ער צוריק אראפ צו דער ערשטער מדרגה, נאר מיט א גאנצן שטאפל העכער...

אט אזוי גייען כסדר תורהס וואו עס ווערן ארייגעטייטשט פארשידענע רמזים און קבלהשע סודות אין מוזיק.

(אזא ענלעכע תורה געפינט זיך אויך ביים ליובאוויטשער רבין, וואס ער טייטשט אויס א ניגון פון „רב" לויטן דרך פון קבלה.)

דער אלטער מאזשיצער רבי איז נפטר געווארן אין יאר 1921, און חסידים דערציילן, אז פאר דער פטירה האט דער רבי געהייסן ארײנרופן די חסידישע קאפעליע זיינע און באפוילן איבערזינגען פאר אים אלע ניגונים, וואס ער האט ווען אמאל מחדש געווען. דער רבי האט כסדר אויסגעבעסערט יעדן ניגון באזונדער, אנגעוויזן אויף יעדן ניגון ווי ער

האָט אים פאַרפאַסט על פי קבלה און אויסגעלאָזט, אַז „דערפאַר דאַרף מען פון יעדן ניגון גאָר נישט משנה זיין".

און ווען די חסידישע קאַפּעליע האָט שוין געהאַט איבערגעזונגען די ניגונים זיינע, האָט דער רבי אַ שווערן קרעכץ געגעבן און געזאָגט: „נו, איצט האָב איך שוין אַלץ מתקן געווען אויף דער וועלט"... און ער איז באַלד דערנאָך נפטר געוואָרן...

אַ קאָמפּאָזיטאָר פון חסידישע נגונים איז אויך געווען דער רבי ר' אשרל רימאַנאָווער, אַ זון פון ר' מאירל דזשיקאָווער, וועלכער האָט פאַר־פאַסט אַ סך חסידישע ניגונימלעך, אָבער על־פּי־רוב זענען חסידישע ניגונים געשאַפן געוואָרן פון פאַרשידענע חזנים און גבאים פון די רבישע הויפן אַזוי, למשל, האָט דער סאַנזער רבי געהאַט אַ בעל תפילה מיט דעם נאָמען ר' אביש מאיר פון קראָקע, וועלכער פלעגט „צושטעלן" אַלע ניגונים פאַרן הויף.

דער ריזשינער רבי, ווידער, האָט געהאַט אַ בעל־תפילה מיטן נאָמען ר' יהושועלע סקווערער. ר' יצחק וואָרקער האָט געהאַט אַ שטענדיקן חזן מיטן נאָמען ר' יוחנן, אויף וועמען די חסידים האָבן געזאָגט, אַז ווער עס הערט אים איין מאָל דאַווענען, מעג ער אַפילו האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין, מוז ער גערירט ווערן. און דער שטענדיקער חזן פון דעם טשאָרטקאָווער רבין איז געווען ר' מאָניש. ר' דודל טאַלנער האָט גאָר געהאַט צוויי חזנים: איינעם ר' הערשעלע טולטשינער פאַר די ימים נוראים, און „ר' יאָסעלע דעם רבינס", פאַר אַ גאַנץ יאָר. דער דאָזיקער „ר' יאָסעלע דעם רבינס" האָט געמוזט יעדן שבת מחדש זיין אַ נייעם ניגון, וועלכער איז באַלד צעשפּרייט געוואָרן צווישן די טויזנטער טאַלנער חסידים. לויט ווי די טאַלנער חסידים זאָגן, האָט „ר' יאָסעלע דעם רבינס" פאַרפאַסט איבער פינף הונדערט ניגונים.

אַ גרויסער בעל מנגן איז אויך געווען דער רבי ר' שלמה ראַדאָמסקער. די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז דערפאַר איז דער ראַדאָמסקער רבי נפטר געוואָרן ערב שבת פאַרנאַכט, ווייל „מען האָט אין גן־עדן געדאַרפט האָבן אַ בעל תפילה מקבל שבת צו זיין".

און כאָטש אַלע חסידישע ניגונים קומען פון איין שורש, האָבן זיי זיך אָבער אין משך פון דורות אַ סך געביטן און זיינען זייער פאַרצווייגט גע־וואָרן, אַזוי אַז מען קאָן דערקענען אַ חסידישן ניגון פון וועלכן געגנט

און הויף ער שטאַמט לויטן אופן פון זינגען און לויטן ריטם און אינ־טערפּרעטאַציע.

געוויינלעך זיינען פאַראַן דרייערליי סאָרטן פון חסידישע נגונים:

דער ערשטער חסידישער ניגון איז אַ „טיש־ניגון" — דאָס איז אַ לאַנגער, פאַמעלעכער ניגון, וואָס ווערט געזונגען ביים רבינס טיש, על־פּי־רוב ניט פון דעם רבין אַליין, נאָר פון זיינס אַ חסיד אַ זינגער אָדער פון דעם רבינס אַ זון. דער ניגון האָט אַ פּאָר פאַלן, און צום סוף, ביים לעצטן פאַל, קומט געוויינלעך אַ „צושפּיל". אין דעם „טיש־ניגון" גייט אויך אַריין אַ „וואָלעך", וועלכער דאַרף צווישן איין פאַל און אַ צווייטן האָבן אַ שטיי־נערישן נוסח, מיט טרעלעכלעך און קאָלאָראַטורן, ווי אַ פּאַסטוך וואָלט געשפּילט אויף אַ פליים.

דער צווייטער חסידישער ניגון איז אַ „טאַנץ־ניגונדל". אַזאַ ניגונדל באַשטייט געוויינלעך פון דריי פאַלן, און נאָך דעם דריטן פאַל זינגט מען נאָך אַמאָל איבער דעם צווייטן פאַל, און דערנאָך ווידער דעם ערשטן און צווייטן, און אַזוי ווייטער. צומיינסט זיינען ביי חסידים באַקאַנט אָט די „טאַנץ־ניגונימלעך", וועלכע לאָזן זיך לייכט נאָכזינגען, גיבן־צו לעבעדיקייט און שאַפן אַ גוטע שטימונג צווישן די חסידים. די ניגונימלעך ווערן תמיד געזונגען ווען חסידים קומען זיך צונויף.

דער דריטער סאָרט חסידישער ניגון איז אַ „דביקותדיקער ניגון" אָדער אַ „תורה־ניגונדל", וואָס ווערט געזונגען פאַמעלעך און פאַרמוחט מיט אַ סך האַרץ, וואָס דאָס איז אַ מין „השתפּחות הנפש" ניגונדל. חסידים זינגען עס ווען זיי זיינען פאַרטאָן, „כאַפּן מוחות", און ביי די טישן, איידער דער רבי גייט זאָגן תורה.

די גאַליצישע חסידישע הויפן און אין פּוילן ביי די ראַדאָמסקער און מאָזשיצער און ביי געוויסע אַנדערע רביים, איז אויך פאַראַן אַ פערטער סאָרט חסידישער ניגון. דאָס איז אַ „מאַרש".

אָבער געוויינלעך זיינען די דאָזיקע מאַרשן גענומען געוואָרן פון מילי־טערישע מוזיק־קאַפּעליעס, און כאָטש דער מאָזשיצער רבי און דער רימאַ־נאָווער רבי, ר' אשרל, האָבן געוואָלט געפינען אַ חסידישן נוסח אין די דאָזיקע מיליטערישע מאַרשן, האָט דאָס זיך זיי אָבער ווייניק איינ־געגעבן.

צווישן די חסידים אין גאַליציע זיינען צומיינסט פאַרשפּרייט די חסידישע „טאַנץ־ניגונימלעך", „טיש־ניגונימלעך" און „מאַרשן". פּוילישע

חסידים האָבן ליב לאַנגע טיש־ניגונים, און די חסידים אין אוקראַינע האָבן ליב דביקותדיקע ניגונימלעך, און בפּרט די חסידים פון חב"ד, וועלכע האָבן ליב צו פאַרדבקהנען זיך איבער דעם „תניא" און דערביי צובאַמקען אַ חסידיש תנועהלע.

די חסידישע נגונים זיינען אָבער תמיד געווען צונויפגעפלאָכטן מיט „רקידהלעך", ווייל ווי נאָר מען האָט געגומען זינגען האָט עס גלייך אָנגעהויבן צו הויבן... און מען האָט שוין ניט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט... מען האָט געמוזט מאַכן אַ רעדל...

האָט דאָן שוין ר' נחמן בראַסלאַווער אַמאָל געזאָגט צו די חסידים אין אַ שמועס וועגן דעם „סוד הגון", אַז געזאַנג גייט צוזאַמען מיט טאַנץ.

„דען, זייט וויסן — האָט ר' נחמן בראַסלאַווער געזאָגט — אַז פונקט אזוי ווי עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע טענער אין אַ ניגון, אַזוי זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע תנועות אין יעדן אבר פון אַ מענטשן, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די טענער פון ניגון, און יעדער חסיד וואָס וויל פאַרשטיין אַ ניגון דאַרף קאָנען אויסטאַנצן אים ביי יעדן באַזונדער טאָן מיט אַן אַנדערן אבר, לויט די תנועות פון דעם ניגון".

חסידות און טאַנץ

חסידות לערנט אַז דער טאַנץ איז אַ מין תּפילה. — דער בעש״ט האָט געהאַלטן אַז נגינה און רקוד דערהויבן דעם מענטשן צו העכערע וועלטן. — די גרויסע ראָלע וואָס דער טאַנץ האָט געשפּילט אין חסידות.

צוזאַמען מיט געזאַנג האָט חסידות אויך אויפגעלעבט דעם טאַנץ. אויך אויף אָט דעם געביט האָבן די חסידים געהאַט צו קעמפן מיט די מתנגדים וועלכע האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם בעל־שם־טובס הויפּט יסוד פון חסידות, וואָס האָט געלערנט, אַז: „והעיקר להסיר העצבות ולאחוז בשמחה״ (און דער עיקר איז, אָפּצוטאָן זיך פון טרויער און צו זיין פריילעך).

דער חסידישער געדאַנק פון „כל עצמותי תאמרנה״ מיינט, אַז מען זאָל דאַוונען מיט אַזאַ התלהבות, אַז יעדער אבר באַזונדער זאָל דינען גאָט. און אַזוי ווי דער טאַנץ איז געוועזן אַ טייל פון דער ליטורגיע איינעם חסידות, איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, אַז מען דאַרף טאַנצן וואָס מער און וויפיל עס לאָזט זיך. אָט דעם דאָזיקן רעיון האָבן די מתנגדים נישט געקאָנט משיג זיין און זיי האָבן אין דעם אַליין געזען אַן אָפּקער פונעם אמתדיקן יידישן וועג...

דער בעל־שם־טוב האָט אָבער געהאַלטן, אַז ניגון און שמחה און טאַנץ דערהויבן דעם מענטשן און פירן אים אַריין אין אַנדערע וועלטן. און לויט ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט וועגן דעם בעל־שם־טובס לעבן, פלעגט דער בעש״ט אַליין זיך צוהערן מיט גרויס ליבע צו די לידער וואָס די גויים פלעגן זינגען אין די שענקען. און מקורבים פלעגן דערציילן, אַז לויטן ניגון פון יעדן מוזיק־אינסטרומענט, פלעגט ער גלייך דערקענען דעם גאַנצן לעבנס־גאַנג פון שפּילער גופא (אברהם כהנא: „ר׳ ישראל בעל שם טוב״).

דער בעל־שם־טוב האָט אַזוי שטאַרק געלעבט אין דער וועלט פון נגינה, אַז ער האָט אַפילו, כדי צו געבן צו פאַרשטיין בעסער די הנהגה

פון דעם באַשעפער פון דער וועלט, געבראַכט אַ משל מיט אַ טויבן וואָס איז אַריינגעקומען אויף אַ חתונה און האָט געזען צעגדליקער יידן טאַנצן. נאָר אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל ניט געהערט שפּילן, האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שייכות עס איז פאַראַן צווישן די מענטשן וואָס פירן מיט די שטעקעלעך אויף ברעטלעך (פידלען) און די מענטשן וואָס הויבן די פיס. פאַרוואָס ווען זיי הויבן די הענט פרייען זיך די אַנדערע און הויבן די פיס (זע „דגל מחנה אפרים״)... דער נמשל איז, אַז אַלע מענטשן זיינען אין אַ געוויסן זין טויב און קאָנען נישט פאַרשטיין טיילמאָל געשעענישן וואָס קומען פאַר אויף דער וועלט, ווייל זיי פילן נישט די פאַרבינדונג צווישן דעם באַשעפער און די באַשעפענישן...

דער טאַנץ האָט דערפאַר געשפּילט אַ גאַר גרויסע ראָלע אין חסידות. און מיר טרעפן פאַרשידענע חסידישע מעשיות, וואָס ווייזן אָן, אַז מיטן טאַנץ האָבן די חסידים געקאָנט קומען צו גאָר הויכע מדרגות. אַזוי ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, אַז איינמאָל אין שמחת תורה האָבן די חסידים פון בעש״ט, די „אנשי סגולה״ זיך משמח געווען. האָבן געטאַנצט און געטרונקען וויין פון בעש״ט׳ס קעלער. האָט דעם בעש״ט׳ס וויב, די צדקנית, דערזען, אַז די חסידים וועלן נישט איבערלאָזן קיין וויין אויף קידוש און הבדלה, איז זי אַריינגעגאַנגען צום בעש״ט און אים געבעטן, ער זאָל זאָגן די חסידים זיי זאָלן אויפהערן טרינקען און טאַנצן, אַניט בלייבט ער אָן וויין אויף קידוש און הבדלה. האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט מיט אַ שמייכל: „ביסט טאַקע גערעכט, טאָ גיי דו און זאָג זיי, זיי זאָל אויפהערן טאַנצן און גיין אַהיים״. האָט זי אַזוי געטאָן. זי האָט געעפנט די טיר פון שטוב וואו די חסידים האָבן געטאַנצט און האָט זיך צוגעקוקט ווי די חסידים טאַנצן מיט גרויס התלהבות. און פלוצלינג האָט זי דערזען, ווי עס ציט זיך אַרום זייער ראָד אַ פייערדיקע שנור. האָט זי גלייך גענומען די כלים, אַליין אַרונטער אין קעלער און געבראַכט וויין, וויפיל זיי האָבן געוואָלט...

אָט אַזוי האָט חסידות אויסגעטייטשט ס׳טאַנצן פון די חסידים: אַ פייערדיקע שנור ציט זיך אַרום דעם ראָד, וואו זיי טאַנצן...

דאָס טאַנצן איז געווען אַ טייל פון דער תפילה, און די תפילה אַליין איז געווען אַ מין רקוד. וואָרים די חסידים זיינען קיינמאָל נישט איינגעשטאַנען ביים דאַווענען אויף איין אָרט, נאָר זיי האָבן זיך געשאָקלט אין אַלע זייטן.

האָט דאָך דער בעל־שם־טוב אַליין שוין געלערנט מיט זיינע תּלמידים, אַז זיי זאָלן זיך נאָר נישט שעמען זיך צו שאָקלען ביים דאַוונען. און ער האָט געגעבן אַ משל: פונקט אַזוי ווי איינער וואָס טרינקט זיך אין אַ טייך וועט זיך נישט שעמען צו מאַכן אַלערליי תּנועות, אַבי זיך צו ראַטעווען, און אים וועט גאָר נישט איינפאַלן זיך צו שעמען וואָס מענטשן שטייען אַרום אים און קוקן ווי ער ראַטעוועט זיך, אַזוי דאַרף אויך יעדער ייד געדענקען, אַז ביים דאַוונען דאַרף מען זיך געפינען אין דער בחינה אַזוי ווי מען וואָלט זיך געטרונקען אין אַ טיפן טייך...

אָבער די מתנגדים האָבן געטענהט, אַז דאָס טאַנצן, שפּרינגען און פּאַטשן מיט די הענט ביים דאַוונען איז נישט קיין יידישער מנהג...

אין דער אמתן אָבער איז דאָס טאַנצן ביי יידן שוין זייער אַלט. וואָרים פונקט ווי אַלע אַלטע פעלקער האָבן אויך די יידן איינגעפירט טענץ, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אין אַ מלחמה אַריין, אָדער ווען זיי האָבן באַזיגט אַ שונא. אַזוי זעען מיר, אַז מרים הנביא האָט געטאַנצט נאָך דער מפּלה פון די מצריים ביים ים סוף, און נאָכן נצחון פון יפתח איבער די בני־עמון, איז זיין טאָכטער אים אַנטקעגנגעקומען מיט פויקן און טענץ.

עס זיינען אויך געווען ביי די יידן רעליגיעזע עקסטאַז־טענץ, ווי למשל, ווען דוד האָט אַריינגעבראַכט דעם אָרון אלוקים אין עיר דוד, אָדער ביי גרויסע פייערונגען — די טעכטער פון בני־ישראל זיינען דעמאָלט אַרויס אין טענץ, ווי מיר געפינען עס ביים „חג ד׳ בשילו״ (שופטים כ״א). און לויט דער אגדה פון תּלמוד, האָבן די בנות ישראל געטאַנצט אין די אַמאָליקע פאָלקס־יום־טובים — אין חמשה עשר באב און אין יום כפורים... (תענית כ״ו).

אַ גאָר גרויסע ראָלע האָט אויך געשפּילט דער טאַנץ אין די פייערונגען פון שמחת בית השואבה. ווען די חסידים און די „אנשי מעשה״ האָבן געטאַנצט פאַרן פאָלק מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט און געזונגען שירות ותשבחות צו גאָט. און וועגן ר׳ שמעון בן גמליאל ווערט געבראַכט, אַז ער האָט אַפילו געקאָנט טאַנצן מיט אַכט ברענענדיקע פאַקלען, און איינער האָט ניט אָנגערירט דעם אַנדערן (סוכה ע״א).

אויף ווי וויט דער טאַנץ האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דעם רעליגיעזן לעבן ביי יידן, קאָן מען אַמבולטסטן זען דערפון, וואָס כּסדר טרעפן מיר

אַן אין תהלים דעם אויסדרוק „יהללוהו בתוף ומחול" (לאָמיר לויבן גאָט מיט פּויקן און טענץ)...

אויך די נביאים האָבן נביאות געזאָגט בעתן טאַנצן (שמואל א׳ י׳) און אין דער גמרא געפינען מיר שטעלן, וואָס ווייזן אַן, אַז די יידן פּלעגן אַ סך טאַנצן אויף חתונות, און מען האָט אונדז אַפילו געלערנט „ווי אַזוי צו טאַנצן פאַר אַ כלה" („כיצד מרקדין לפני הכלה").

אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט דער טאַנץ ביי די מקובלים. עס וועט זיין געגנוג אָנצואווייזן אויף דעם מאמר וואָס זאָגט: „עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים והוא יושב ביניהם בגן עדן" (גאָט איז אָנגעגרייט צו מאַכן אַ טאַנץ מיט די צדיקים און ער וועט זיצן צווישן זיי אין גן־עדן)...

די מקובלים פּלעגן פּראַווען התבודדות, דאַווענען, לערנען זוהר על־פּי־רוב ביחידות, געהאַלטן זיך כסדר אָפּגעזונדערט פון אַנדערע מענטשן, אָבער ווען מען איז אַריינגעפאַלן אין אַן עקסטאַז פון שמחה, האָט מען געטאַנצט צוזאַמען. די מקובלים אין צפת האָבן אויך געהאַט אַ מנהג יעדן פרייטיק פאַרנאַכט אַרויסצוגיין פון צפת הינטער דער שטאָט און דאָרט צווישן די בערג, טאַנצן ביים דאַווענען קבלת שבת...

אָבער וואָס מער די יידן זיינען געוואָרן פאַרביטערט אין גלות, אַלץ מער האָבן זיי אויפגעהערט צו טאַנצן. ערשט חסידות האָט צוריק אויפגעלעבט דעם טאַנץ און אָנגעוויזן, אַז דורך טאַנצן קאָן מען קומען צו „עלית נשמה". און ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט אַפילו געזאָגט, אַז „שורש כל ברכה ברקוד" (דער שורש פון יעדער ברכה געפינט זיך אין טאַנץ)...

חסידות האָט אויך געהאַלטן, אַז דורך טאַנצן קאָן מען מער מתפלל זיין און אויסבעטן ביי גאָט, ווי מיט זאָגן פאַרשידענע תפילות.

אַזוי ווערט דערציילט אין „מעשי צדיקים" וועגן ר׳ משה לייב סאַסאָווער, אַז איינמאָל איז געקומען צו אים דער צדיק ר׳ פּיוויש פון באַלשוועץ, האָט ער געהערט, אַז עס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען אַ בריוו פון בערדיטשעוו מיט דער ידיעה, אַז ר׳ לוי יצחק איז קראַנק און אַז דער חולה בעט דער סאַסאָווער רבי זאָל מתפלל זיין און ער זאָל אים באַזונדערס געדענקען בשעת זיינע „רקודין" פרייטיק־צונאַכטס. האָט דער סאַסאָווער רבי גע־קויפט אַ פּאָר טייערע נייע שטיוול, ספּעציעל פאַר די „רקודים"־וועגן. דערציילט דער צדיק ר׳ פּיוויש, אַז דעם סאַסאָווערס „רקודין" זיינען דעמאָלט געווען גאָר געהויבענע, אמתע „דברים של מעלה" און אין יעדער באַוועגונג באַזונדער איז געווען באַהאַלטן גוואַלדיקע „יחודים", אַזוי אַז

די גאַנצע שטוב איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט ליכט און די גאַנצע „פּמליא של מעלה" האָט מיטגעמאַכט מיטן צדיק, וואָס עס איז ממש מיטן שכל נישט געווען משיג צו זיין...

און באַלד נאָך שבת איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ר' לוי יצחק איז אַרויס פון געפאַר און ער פילט זיך שוין בעסער...

די חסידישע לעגענדע האָט געהאַלטן, אַז מיטן טאַנצן קאָן מען נישט בלויז פועלן ביים אויבערשטן, מתפלל זיין פאַר קראַנקע און זיך אויסבעטן וואָס מען פאַרלאַנגט, נאָר אַז דאָס טאַנצן קאָן אַפילו ווייך מאַכן הערצער פון די גרעסטע טיראַנען. און דערפאַר, ווען מען האָט געפרעגט דעם „שפּאָלער זיידן" פון וואַנען ער קאָן אַזוי גוט טאַנצן, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געירשנט פון זיין זיידן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער טענצער, און ער האָט דערציילט אַזאַ מעשה:

אַמאָל איז דער זיידע זיינער דורכגעגאַנגען דורך אַ דאָרף, האָט ער געהערט, אַז דער פּריץ האָט אַריינגעזעצט אין תפיסה אַ יידישן שענקער, וועלכער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער פאַכט.

דער זיידע זיינער האָט אָבער געוואוסט, אַז ביים פּריץ איז פאַראַן אַ מנהג, אַז בעת דער סעודה פון זיין געבורטס־טאָג, מוזן די אַרעסטירטע טאַנצן פאַר די געסט אַ „בערן־טאַנץ", און אויב איינער פון די אַרעסטירטע טאַנצט זייער גוט, ווערט ער דערפאַר אינגאַנצן פריי.

איז דער זיידע זיינער אַוועק צו אַ טאַנץ־מייסטער און האָט זיך געלערנט טאַנצן, ביז ער האָט שוין גוט געקענט די גאַנצע חכמה פון טאַנץ. דערנאָך איז ער אין געהיים אַריינגעקראָכן אין קעלער אַריין, האָט אויפגעריסן דאָס פענצטערל, און זיך אַריינגעכאַפּט אין דער תפיסה אַריין.

און ווען עס איז געקומען דער טאָג ווען דער פּריץ האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע זיינע חשובע געסט, האָט מען געעפנט די תפיסה און אַהין אַריינגעוואָרפן אַ פעל פון אַ בער און געהייסן דעם יידישן שענקער ער זאָל זיך אָנטאָן די פעל און אַרויסקומען טאַנצן אין זאַל אַ בערן־טאַנץ.

דער זיידע זיינער האָט אָבער פריער געהאַט זיך אָפּגעשמועסט מיטן שענקער, אַז בעת מען וועט אַריינוואַרפן די פעל, זאָל ער נעמען זיינע מלבושים און אַרויס אויף דער פריי און דער זיידע זאָל אַריינקריכן אין דער בערן־פעל.

מען האָט אים באַלד אַרויפגעשלעפּט אין דעם זאַל אַריין און איינער, אַ דינער, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בערן־טרייבער און האָט מיט אים

אָנגעהויבן צו טאַנצן. לויט דעם דעמאָלסטיקן מנהג האָט געהאַט אַ רעכט דער דינער אים צו שלאָגן וויפֿיל זיין האַרץ גלוסט, אויב דער ייד האָט נישט געטאַנצט ווי עס געהער צו זיין, ווען ער האָט נישט געקאָנט אַזוי גוט טאַנצן, אַז מען זאָל נישט דערקענען אַז דאָס טאַנצט נישט קיין מענטש נאָר אַ בער, אָבער דער זיידע זיינער — האָט דער שפּאַלער זיידע אויס־געלאָזט — האָט אַזוי שיין געטאַנצט, אַז אַלע פּריצים זיינען פֿאַרגאַפֿט געוואָרן, האָבן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין.ווי עס קומט צו אַן אָרעמען יידישן שענקער ער זאָל קענען אַזוי גוט טאַנצן... און דער סוף איז געווען, אַז פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס די פּריצים האָבן זיך אַזוי גוט משמח געווען, האָט דער פּריץ אים געלאָזן אינגאַנצן פֿריי...

אָבער דערמיט, וואָס חסידות האָט פֿאַרוואַנדלט דעם טאַנץ אין אַ תּפֿילה און די תּפֿילה איז אַ טאַנץ, האָבן די מתנגדים דאָס נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן און אין אַלע זייערע אָנפֿאַלן אויף די ערשטע חסידים, הערן מיר כּסדר דעם זעלביקן געשריי, אַז: „די חסידים מאַכן משונהדיקע תּנועות ביים דאַווענען, פּאַטשן מיט די הענט, לאָזן אַרויס אויסטערלישע קולות, וואָס דאָס איז אינגאַנצן קעגן יידישן דין.

אַזוי באַקלאָגט זיך שוין אין יאָר 1757 איינער פֿון די עלטסטע פֿון די רבנים פֿון יענעם דור, ר׳ שלמה פֿון כעלם, אין דער הקדמה צו זיין ספֿר „מרכבת המשנה״ אויף די יידן, וואָס זינגען ביים דאַווענען, פּאַטשן מיט די הענט און שאָקלען זיך „ווי די ביימער אין וואַלד״...

און אויך ר׳ יעקב עמדין באַקלאָגט זיך אינעם ספֿר „מטפּחת ספֿרים״, אויף די חסידים, וואָס ווי ער האָט געהערט „מאַכן ביים דאַוונען משונה־דיקע תּנועות, פּאַטשן מיט די הענט, שאָקלען זיך אין די זייטן, די קעפּ זיינען ביי זיי פֿאַרריסן אויף הינטן, און די פּנימער און די אויגן געווענדט אַרויף־צו״.

און ווען מען האָט אַנטדעקט אין דער פֿעסטונג פֿון די מתנגדים, אין ווילנע גופֿא, אַ „קאַרלינער מנין״, אין יאָר 1771, האָט מען צווישן די „מיאוסע מעשים״, וואָס די חסידים האָבן אָפּגעטאָן, אויך אויסגעפֿונען, אַז די דאַוונער פֿלעגן מפֿסיק זיין אינמיטן דאַווענען, אַריינצושטעלן „דברי לעז״, דאָס הייסט, תּפֿילות אין יידיש, און פֿלעגן „מאַכן שוטתערייען״, מיט די הענט און די פֿיס, מיט „די אויבערשטע אויף אונטן און די אונטערשטע אויף אויבן!״...

דאָס איז געווען אַ מין „קוליען זיך״, וואָס ווערט זייער אָפּט דערמאָנט אין די ערשטע חרמות קעגן די חסידים.

די חסידים פּלעגן הפּנים אַריינפאַלן אין אַזאַ מין עקסטאַז ביים דאַווע־נען, אָדער בעת אַ געזאַנג, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרשידענע קאָזשעלקעס, און טייל מאָל „זיך געדרייט״ ביים דאַווענען „ווי רעדער״, ווי עס ווערט אָנגעגעבן אינעם חרם, וואָס דאָס ווילנער קהל האָט אַרויס־געגעבן קעגן די חסידים.

אַז חסידים האָבן זיך געקוליעט ביים דאַווענען, ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דער „אויספּאָרשונג״, וואָס דאָס ווילנער קהל האָט געמאַכט וועגן דעם קאַרלינער מנין, וואָס מען האָט אַנטדעקט אין שטאָט, אין יאָר 1772.

דערנאָך טרעפן מיר עס שוין כּסדר כּמעט אין יעדן חרם, וואָס די מתנגדים האָבן אַרויסגעגעבן קעגן די חסידים.

אויך אין די תּקנות פון דעם שטעטל לעשנאָוו, אין בראָדער קרייז, ווערט צווישן די אַנדערע תּקנות דערמאָנט, אַז: „זיי טאָרן אויך נישט איבערקוליען זיך, לויט זייער שטייגער, די קעפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף, וואָס עס טוען די בלאָזנס און זיי טאָרן אויך נישט טאַנצן!״...

אַז דאָס קוליען זיך איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די ערשטע חסידים און אַז דאָס האָט פאַרשאַפט אַ סך עגמת נפש און צרות די חסידים־פירער, קאָן מען זען דערפון, וואָס ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער „תּניא״, האָט אין אַ בריוו וואָס איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין ספר „פּרי הארץ״, אויסגעמוסרט ר׳ אַברהם קאַליסקער, וועל־כער איז אַליין געווען אַ תּלמיד פון ווילנער גאון און געוואָרן אַ חסיד און דערנאָך זיך געשטעלט בראש פון די חסידים, אַז זיי טוען נישט גוט וואָס זיי „איבערקוליען זיך שטענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף אויף פלעצער און גאַסן!״...

דאָ זעען מיר שוין, אַז מען האָט פאַרגעוואָרפן די חסידים, אַז זיי האָבן זיך איבערגעקוליעט, נישט בלויז אין בית־המדרש ביים דאַווענען, נאָר אַפילו „אויף פלעצער און גאַסן!״...

אויך אין די אָנפאַלן פון די מתנגדים הערן מיר, אַז די חסידים האָבן געמאַכט קאָזשעלקעס פאַרן ארון־קודש. אַזוי ווערן די ערשטע חסידים אָנגערופן: „דור תהפוכות״ וואָרים „זיי קערן זיך איבער פאַרן

ארון־קודש אויפֿן גוי׳שן שטייגער (כמהפחת זרים ונכרים) מיט די קעפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף!״...

פֿון דעם זעען מיר, אַז מען וואַרפֿט פֿאַר די חסידים, אַז זיי קערן זיך איבער „אויפֿן גוי׳שן שטייגער״.

אונדז איז נישט באַקאַנט פֿון קיין קריסטלעכער סעקטע, וואָס זאָל אין מזרח־אייראָפּע אין יענע יאָרן האָבן געהאַט אַזאַ מנהג. כאָטש איסאַנדער אין זיין בוך „שטודיען צום בעל־שם״, (זייט 387) וויל אָנווייזן, אַז די רוסישע מיסטישע סעקטע „כליסטצי״ האָבן געהאַט אַ טאַנץ ענלעך צו דעם חסידישן טאַנץ, וואָס עס ווערט אָנגערופֿן ״ראַ־דעניא״. דער טאַנץ באַשטעהט אין דעם וואָס מען מאַכט אַ רעדל, אַ טייל זינגען, פּאַטשען מיט די הענט און אַ טייל טאַנצן. עס לאָזט אָבער נישט גלויבן, אַז די יידן האָבן זיך געזאָלט אָנשטעקן פֿון פֿרעמדע נישט יידישע סעקטעס.

(דער חסידות־פֿאָרשער איסאַנדער וויל אַפֿילו מאַכן פֿאַרגלייכן פֿון פֿאַרשידענע יידישע מנהגים, מיט די קאַטוילישע מנהגים, ווי אַ שטיי־גער: דאָס מזכיר זיין זיך פֿאַרן רבין, מיטן קאַטוילישן זיך „מתודה״ זיין, דאָס טרינקען וויין, דאָס עסן צוזאַמען, א. אַז. וו. אָבער ער אַליין קומט דערנאָך צום אויספֿיר, אַז די אַלע פֿאַרשידענע קריסטלעכע סעקטעס, האָבן די מנהגים על פּי רוב איבערגענומען פֿון יידישע סעקטעס פֿון אָריענט, און אויב שוין יאָ צוקומען צום אָריענט, קאָן מען דאָך זאָגן, אַז די חסידים האָבן עס גענומען פֿון „כלי־ראשון״, גלייך פֿון די מקובלים פֿון אָריענט און אַז אויך דאָס „קוליען זיך״ מוז הפּנים שטאַמען פֿון די שבתי־צביניקעס אָדער פֿון די פֿראַנקיסטן...)

אַ פֿאַקט איז, אַז אין די שפּעטערדיקע חרמות פֿון די מתנגדים הערן מיר שוין גאָרנישט וועגן „קוליען זיך״, נאָר וועגן טאַנצן.

אַזוי זעען מיר אין זעלווער חרם פֿון יאָר תקמ״א (1781), אַז מ׳טרעט אַרויס קעגן די חסידים, בלויז פֿאַר דעם נוסח ספֿרד, וואָס זיי האָבן איינגעפֿירט אין דאַוונען און קעגן די געשליפֿענע חלפֿים. דאָס זעלבי־קע איז אויך אינעם חרם פֿון גראָדנע און דעם בריסקער רב, ר׳ אברהם קאַצענעלבויגן, אין זיינע שריפֿטלעכע אָנפֿראַגעס, וואָס ער האָט גע־שטעלט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער (דעמאָלט געוואוינט אין זשעלוכאָוו) אין יאָר 1784, פֿרעגט ער אים צווישן אַנדערעס:

„פאַרוואָס מאַכן זיי (די חסידים) זיך משוגע און ווילד מיט זייערע תּנועות, טאַנצן און שפּרינגען... פּאַטשן מיט די הענט צו גאָט?"...

דער בריסקער רב רעדט נאָר וועגן די משונה'דיקע טענץ פון די חסידים אָבער וועגן „קוליען זיך" ווערט שוין נישט דערמאָנט. ווייזט אויס, אַז די חסידים אַליין האָבן שפּעטער דעם מנהג פאַרוואָרפן.

דאָס זעען מיר בולט אַרויס פון כּרוז פון מינסק, וואָס קהל האָט אַרויסגעגעבן קעגן די חסידים אין יאָר 1796, צווישן די פאַרשידענע פּונקטן, אַז: א) מען זאָל זיי נישט לאָזן מאַכן אַ מנין פאַר זיך; ב) נישט לאָזן זיי דאַוונען נוסח ספרד; ג) נישט קוילן די בהמות מיט געשליפענע חלפים; ד) קיינער זאָל נישט פאָרן צו אַ רבין אָן אַ בילעט פון דעם ממונה פון שטאָט, כּדי דער ממונה זאָל אים קאָנען משפּט'ן לפי „הזאַקאָן"... און וועגן קוליען זיך ווערט שוין גאָר נישט דערמאָנט.

דערפאַר אָבער ווערט כּסדר ווייטער שטאַרק געקעמפט מצד די מתנגדים קעגן די חסידים צוליב זייערע אויסטערלישע טענץ. אַזוי ווערט אין ספר „ויכּוח", פון ר' ישראל בר ר' יהודה לייב דערציילט וועגן דעם פירער פון די חב"דער חסידים, ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, אַז דער מתנגד האָט אים געזען אום שבועות, „טאַנצנדיק מיט גרויס לייכטקייט, דעם טאַנץ, וואָס ווערט אָנגערופן פּרישתקעס (פּרישאַטקעס, אפשר אין רוסיש, פּריסיאַדקי, אַזאַ מין טאַנץ, וואָס מען קוטשעט זיך איין) און ער איז גע־שפּרונגען ביז דער פּרטשילא" (פּריסטעלע, באַלקען)...

דער אופן פון טאַנצן ביי חסידים איז מיט דער צייט איינגע־שטעלט געוואָרן לויט אַ געוויסן נוסח, אַזוי אַז היינט וועט מען שוין טרעפן טאַנצן אַלע חסידים פון אומעטום לויט איין באַשטימטן שטייגער: אין אַ ראָד, אַ טייל חסידים שטייען אָן דער זייט און פּאַטשן מיט די הענט און דער רבי טאַנצט צוזאַמען מיט די חסידים, נאָר זעלטן ווען אַז דער רבי זאָל אַליין טאַנצן אין דער מיטן.

אַנדערש איז אָבער אין שמחת תּורה, דעמאָלט טאַנצט דער רבי איינער אַליין מיט דער ספר תּורה אין דער האַנט (דער מנהג איז אפשר נאָר אין די ראָפּשיצער הויפן).

די חב"דער חסידים טאַנצן אויך אַ חסידישן טאַנץ על פּי רוב בלויז אין צווייען אָוועקגעלייגט איין האַנט אויף דעם צווייטנס אַקסל. מעגלעך, אַז דער דאָזיקער נוסח פון אַזאַ מין טאַנץ קומט דערפון, וואָס דאָס חב"דער חסידות איז אין זיין עצם מהות אַ „פאַרטראַכט חסידות", וואָס יעדער איינער באַזונדער

פאַרטראַכט זיך וועגן יידישקייט, בעת דאָס חסידות פון אַנדערע רביים איז אַ „קאָלעקטיוו חסידות", דערפאַר טאַנצן אַנדערע חסידים צוזאַמען און די חב"דער חסידים טאַנצן אָפּט מאָל ביחידות. אָדער אין צווייען...

ווי אַזוי אָבער מען זאָל נישט טאַנצן, האָט דאָס חסידות אַלץ געהאַלטן, אַז אַ פריילעכער און התלהבותדיקער טאַנץ קאָן אַמאָל חשובער זיין פון דער גרעסטער תפילה.

ווי עס ווערט דערציילט אין ספר „עדת צדיקים" וועגן דעם גע־בוירן ווערן פונעם קאָזשעניצער מגיד, ר' ישראל:

דעם קאָזשעניצער מגידס פאָטער, ר' שבתי איינבינדער, איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, ער האָט געלעבט אין די צייטן פון בעל־שם־טוב. ער האָט אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט בלויז כּדי ער זאָל האָבן אויף שבת, אויף אַ שטיקל הערינג מיט ברויט. אָבער איינמאָל האָט ר' שבתי אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע וואָך און אַז עס איז געקומען פרייטאָג האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט נישט מיט וואָס שבת צו מאַכן. אין שטאָט האָט מען נישט געוואוסט, אַז ר' שבתי איינבינדער איז אַזאַ גרויסער אָרעמאַן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען קיין קצבה אָדער בעטן נדבות.

האָט ר' שבתי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט בדאַי דעם גאַנצן שבת פאַסטן און די פרנסים פון שטאָט וועט ער נישט אויסזאָגן ווי שלעכט עס איז אים.

פאַר גרויס צער וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין פּרוטה צו געבן זיין ווייב אויף שבת, האָט ער נישט געוואָלט זיצן פרייטאָג אין שטוב און ער איז אַוועק אין דעם חייטים־שטיבל און דאָרט אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג.

אַז דאָס ווייב זיינס האָט געזען, אַז איר מאַן קומט נישט אַהיים און ברענגט נישט קיין געלט אויף שבת, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער האָט גאָר־נישט פאַרדינט, איז איר האַרץ געווען זייער באַזאָרגט. אָבער וואָס זי האָט געקאָנט טאָן לכבוד שבת, האָט זי געטאָן. זי האָט אויפגערוימט די שטוב, געשיט פריש זאַמד אויף דער ערד, געטוישט די פאַרהענגלעך פון די פענצטער, און אַלץ געטאָן מיט דער כּוונה צו באַשיינען וואָס מער דעם הייליקן טאָג שבת. און דאָ איז אַ נס געשען:

ווען זי האָט אַזוי גערוימט האָט זי דערזען אַ פּאָר אַלטע הענטשקעס, מיט גאָלדענע קנעפּ, וואָס זי האָט אַמאָל אַ מתּנה באַקומען, און וועלכע זענען שוין פון לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען, און דאָ מיט אַמאָל האָט זי זיי דערזען...

איז זי גלייך אַוועק צום גאָלדשמיד, האָט געוויזן די גאָלדענע קנעפּ, אויף די הענטשקעס, גענומען פאַר זיי אַ גרויסן סכום און מיטן געלט גלייך אַוועקגעלאָפן אין מאַרק אַריין און איינגעקויפט אויף שבת כּיד המלך.

נאָך קבלת שבת, דער מאַן אירער קומט אַהיים פון דאַוונען און מיינט, אַז ער וועט טרעפן אַ פינסטערע שטוב, אָן אַ שטיקל ברויט אַפילו אַ המוציא צו מאַכן, אָבער צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג דערזעט ער: די שטוב איז ליכטיק, און ציכטיק אויפגערוימט, און דער טיש איז געגרייט מיט אַלעם גוטן.

ר׳ שבתי האָט אָבער גאָר נישט געפרעגט זיין ווייב, נאָר האָט קודם כּל געזאָגט מיט גרויס התלהבות שלום־עליכם און געמאַכט קידוש. נאָך קידוש האָט ער זי געפרעגט וואָס עס איז געשען און דאָס ווייב האָט אים דערציילט וועגן דעם נס.

ר׳ שבתי איינבינדער האָט אַזש געוויינט פאַר שמחה ווען ער האָט געהערט ווי אַזוי זיין ווייב האָט אָנגעגרייט אויף שבת און ער האָט געלויבט און געאַכפּערט גאָט פאַר זיינע גרויסע גנאָדן. די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אָנגעכאַפּט זיין ווייב ביי דער האַנט און זיך געלאָזט מיט איר גיין אַ טאַנץ. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט נאָך יעדן געריכט, וואָס דאָס ווייב האָט דערלאַנגט צום טיש. דריי מאָל האָט דער איינבינדער, ר׳ שבתי געטאַנצט מיט זיין ווייב, פאַר גרויס שמחה, וואָס גאָט האָט מיט אים אַזוינע חסדים געטאָן.

און דער בעל־שם־טוב האָט צוגעזען מיט זיין רוח הקודש ווי דאָס פאָרל טאַנצט פרייטאָג־צונאַכטס אין שטוב, האָט ער דערפון שטאַרק הנאה געהאַט און זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, און ער האָט דערנאָך דער ציילט זיינע תלמידים, אַז בשעת די דאָזיקע צוויי תּמימותדיקע נשמות האָבן געטאַנצט, האָט די גאַנצע פמליא של מעלה זיך געפרייט און מיט זיי מיט־געטאַנצט. און דער בעל־שם־טוב האָט אויסגעלאָזט: אין זכות פון די דאָזיקע רקודים, וועט ביי זיי געבוירן ווערן אַ זון וואָס וועט פאַרלייכטן די אויגן פון די יידן. און עס איז טאַקע אין דעם זעלביקן יאָר ביי זיי גע־בוירן געוואָרן דער צדיק ר׳ ישראל, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס דער קאָזשעניצער מגיד...

אויך וועגן פאַרשידענע אַנדערע רביים ווערט דערציילט, אַז ווען זיי האָבן געטאַנצט, בפרט אין שמחת תּורה, זענען די מלאכים געשטאַנען ביי זייער זייט און מיט זיי מיטגעטאַנצט...

אַ חוץ די גרויסע חסידישע טענץ אום שבת, אין אַ יום טוב און שמחת תורה זענען אויך פֿאַראַן חסידישע טענץ אויף אַ חתונה.

אַזוי איז אַמאָל געווען אַ מנהג ביי חסידים, אַז אין טאָג פֿון דער חתונה, ווען מען האָט געפֿירט די כּלה אין מקוה אַריין, האָבן חסידים זי באַגלייט מיט מוזיק און דערנאָך כּסדר געטאַנצט פֿאַר דער מקוה...

אויך איז געווען אַ געהויבענער טאַנץ ביי די חסידים ווען דער רבי האָט געטאַנצט מיט דער כּלה דאָס מצוה־טענצל... אַליין פֿלעגט דעמאָלט דער רבי טאַנצן, האַלטנדיק אין האַנט דעם עק פֿון אַ פֿאַטשיילע און דעם אַנדערן עק פֿון דער פֿאַטשיילע האָט געהאַלטן די כּלה...

אַ התלהבות׳דיקער חסידישער טאַנץ איז אויך געווען, ווען מען האָט דעם חתן געפֿירט לייגן. די חסידים פֿלעגן דערנאָך פֿאַר דעם הויז טאַנצן און זינגען פֿאַרשידענע פֿריילעכע ניגונים...

חסידים האָבן אויך אַ סך געטאַנצט אויף אַ רבינס יאָרצייט. עס האָט זיך אַפֿילו אַמאָל געטראָפֿן אין טשאָרטקאָוו, ווען דער רבי איז נפֿטר געוואָרן אום חול־המועד פּסח, האָבן חסידים באַלד נאָך דער לויה, ווען מען האָט געקרוינט דעם נייעם רבין, גלייך געמאַכט אַ ריקוד און געטאַנצט אַ פֿאַר שעה נאָכאַנאַנד, דערביי האָבן די חסידים ביים טאַנצן פֿאַרגאָסן באַכען טרערן...

פֿאַראַן אויך אַ מנהג אין די סאַדיגורער הויפֿן און אין ווישניצער הויף, אַז דער רבי טאַנצט טייל־מאָל שבת־צו־נאַכטס אַליין און די חסידים שטייען אַרום אים און פּאַטשן מיט די הענט. אין ווישניץ איז אויך איינגעפֿירט, אַז דער רבי קומט אָפֿט־מאָל צו צו אַ חסיד, קוקט אים אַריין אין די אויגן און דער חסיד הויבט זיך אָן צו שלאָגן אין האַרצן אַריין...

די חסידים גלויבן, אַז דער רבי זעט דעמאָלט אַלץ, וואָס דער חסיד האָט אָפּגעטאָן אַ גאַנצע וואָך, און ער שלאָגט זיך „על חטא” ביז דער רבי גייט פֿון אים אַוועק און טאַנצט ווייטער...

די חסידים האָבן אויך געגלויבט, אַז אָפֿט־מאָל קאָן מען מיט אַ טאַנץ אויפֿהאַלטן אַ נשמה אין גוף פֿון אַ מענטשן...

אַזוי איז באַקאַנט, אַז ווען דעם דזשיקאָווער רבינס ר׳ מאיר האָראָוויץ׳ס ווייב (מען האָט זי גערופֿן „די באָבע דבורה”) איז געוואָרן קראַנק און זי האָט אין אחרון של פּסח שוין געהאַלטן ביי גסיסה, האָט דער זון אירער, דער רבי ר׳ יהושוע׳לע, געהייסן די חסידים אַריינגיין אין איר שטוב און אַרומטאַנצן אַרום איר בעט.

די חסידים האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך געשטעלט אַרום דעם בעט פון דער גוסס׳דיקער רביצין און האָבן כסדר געטאָנצט, בעת זי האָט געהאַלטן ביי יציאת נשמה, און כל־זמן די חסידים האָבן געטאַנצט האָט די רביצין נישט געקאָנט נפטר ווערן, דערציילן די חסידים. די נשמה האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם גוף. ערשט ווען מען האָט אָנגעצונדן די ליכט, און דער רבי האָט געמאַכט הבדלה, האָבן די חסידים אויפגעהערט צו טאַנ־צען, דעמאָלט האָט די רביצין אויסגעהויכט איר נשמה...

חסידות און צדיק

וואָס האָט געפירט צום אויפקום פון צדיק אין חסידות און ווי די רביים האָבן דאָס פראַקטיש אויסגענוצט. — דער צדיק אַלס פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש. — וואָס די באַגרינדער פון חסידות האָבן געזאָגט וועגן באַגריף צדיק.

איינע פון די הויפּט־יסודות פון חסידות איז צו אָנערקענען דעם צדיק פאַר דעם גייסטיקן פירער, פאַרן מנהיג, רבי, וועלכער שטייט אין פאַרבינ־דונג צווישן מענטש און גאָט.

שוין דער בעל־שם־טוב אַליין האָט אוועקגעשטעלט דעם צדיק אויף אַ העכערער מדרגה פונעם פשוטן מענטשן, וואָרים דער צדיק איז תמיד באַהאָפטן מיט גאָט און איז דערפאַר משפיע גוטס אויף דער וועלט.

צו אָט דעם געדאַנק, וועגן אוועקשטעלן דעם צדיק, איז דאָס חסידות געקומען דורך דעם לאָגישן אויספיר פון איר פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם. חסידות האָט קיינמאָל נישט אָפּגעטיילט גאָט פון דער וועלט, נאָר האָט געלערנט, אַז גאָט געפינט זיך אומעטום; אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל זיין ליידיק פון גאָט (לית אתר פנוי מיניה) און אַז אין יעדער זאַך זיינען פאַראַן „הייליקע פונקען" (נצוצין הקדושים), וואָס מען דאַרף זיי אַרויסציען און זיי דערהייבן צו זייער ערשטן שורש.

און אָט דער „פּדיון שבויים", דאָס אויסלייזן די „הייליקע פונקען" פון דער „קליפּה", איז די אויפגאַבע פון דעם מענטשן. ער איז דערפאַר אַ שותף צו „מעשה בראשית", צו דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף. דער מענטש איז צוליב דעם דאָס וויכטיקסטע געצעלט וואו גאָט טוט רוען, דערקלערט דעריבער דעם בעל־שם־טוב, און ער טייטשט איין: „דע מה למעלה ממך", עס מיינט: „דע — זיי וויסן, אַז מה למעלה — אַז אַלץ וואָס עס איז איבער דיר איז — ממך" פון דיר אַליין. וואָרים צווישן גאָט און מענטש איז גאָר־ניט פאַראַן קיין מחיצה. צוליב דעם איז שוין דער בעל־שם־טוב געקומען צו אַ צווייטן אויספיר: גאָט איז טיילמאָל גאָר אָפּהענגיק פון דעם מענטשן,

און ער האָט געטייטשט: „ד׳ צלך״ — „גאָט איז דיין שאָטן״. פּונקט אַזוי ווי דער שאָטן טוט אַלץ וואָס דער מענטש טוט אַזוי טוט גאָט אַלץ וואָס דער מענטש טוט.

אָבער גאָט איז דער שאָטן נאָר צו די מענטשן, וועלכע זיינען באַהאַפטן צו אים, און זיי ווערן אָנגערופן „צדיקים״.

שפּורן וועגן דער גרויסקייט פון צדיק זיינען שוין פאַראַן אין זוהר, וועלכער זאָגט, אַז „דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט״ (צדיק יסוד עולם). אויך שפּעטערדיקע מקובלים האָבן געשטעלט העכער דעם צדיק פון דעם פּשוטן מענטשן, ווי, למשל, דער מקובל מאיר אבן גבאי דריקט זיך אויס, אַז „צדיק מושל בכל הנבראים״ (דער צדיק הערשט איבער אַלע באַשעפענישן). חסידות, וואָס האָט געצויגן איר גייסטיקע יניקה פון דער קבלה, האָט אָנגענומען די לערע וועגן צדיק און זי האָט זי וואָס אַמאָל אַלץ ברייטער און ברייטער אַנטוויקלט.

צוערשט, בלויז באַגרינדעט טעאָרעטיש דעם געדאַנק, אַז דער צדיק איז דער צענטער פון דער וועלט, אָדער אַז די צדיקים זיינען די שליחים פון דער שכינה, ווי דער בעל־שם־טוב זאָגט: „צדיקיא אינון שלוחי דמטרוניתא״ (כתר שם טוב, ז׳). אָבער די תלמידים פון דעם בעל־שם־טוב האָבן נאָך מער אויסגעברייטערט די שיטה און געמאַכט פון איר אַ פּראַקטישן אויספיר. שפּעטער איז דער צדיק שוין אַפילו דערהויבן געוואָרן צו דער בחינה פון משיח. אָט דאָס האָט אַ סך צוגעהאָלפן צו דער שנעלער ירידה פון חסידות און האָט פאַרגיכערט דעם אונטערגאַנג פון אַזאַ שיינער באַוועגונג. צוליב אָט דער שיטה האָט זיך דאַן געשאַפן אַ גאַנצע קאַסטע פון מענטשן, צדיקים (רביים), מיט הויפן און טויזנטער אייניקלעך, וועלכע האָבן געלעבט אויפן חשבון פון די חסידים ביז זיי האָבן אָפּגעווישט יעדן שפּור פון דעם אמתן מהות פון חסידות.

אמת, לויט דער שיטה פון בעל־שם־טוב איז טאַקע דער צדיק דער פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש, האָט טאַקע דער אויבערשטער תענוג פון דעם צדיקס מעשים. אָבער יעדער מענטש קאָן דאָך קומען צו דער בחינה פון אַ צדיק, יעדער איינער קאָן זיך אויסאַרבעטן צו באַהעפטן זיין נשמה מיט גאָט און ער קאָן קומען צו אַזאַ גרויסער מדרגה, ער זאָל ווערן אָנגערופן צדיק.

אָבער אַזוי ווי די מענטשן זיינען פאַרנומען מיט פאַרשידענע גשמיות־דיקע זאַכן קאָנען זיי זיך ניט אָפּגעבן מיט גייסטיקע ענינים, דערפאַר

דאַרפֿן זיי זיך באַהעפֿטן מיט די מענטשן, וועלכע גיבן זיך יאָ אָפּ מיט די רוחניותדיקע ענינים, און דאָס האָט געבראַכט דערצו וואָס חסידות האָט געלערנט, אַז אַ חסיד דאַרף פֿאָרן צו אַ רבין, זיך באַהעפֿטן מיט אים. דער בעל־שם־טוב אַליין האָט נאָך ניט געהאַט איינגעפֿירט אַפֿילו דעם מנהג פֿון נעמען קוויטלעך פֿון זיינע אָנהענגער, ווי עס ווערט געבראַכט אין „דברים ערבים" (א' ד'), אַז „ער האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין פדיון און קוויטל פֿון אַ מענטשן, נאָר קהל האָט אים געגעבן אַ געוויסן סכום פֿון זייער קאַסע. („לא לקח שום פדיון ושום פדקא מאיש ורק מקופת הקהל נתנו לו כך וכך").

אַ מנהג איז שוין אָבער געווען ביים בעל שם טוב אַליין, אַז די חסידים זאָלן זיך מזכיר זיין פֿאַר אים מיט זייערע מוטערס נעמען. דאָס האָט שוין געגעבן די באַשטעטיקונג, אַז דער צדיק קאָן אויספּועלן אין הימל גוטס פֿאַר די מענטשן...

דער בעל־שם־טוב האָט שוין אויך געלערנט, אַז דער חסיד, וואָס קאָן אַליין נישט קומען צו דער מדרגה פֿון צדיק, דאַרף גלויבן אינעם צדיק, אַפֿילו ווען ער זעט אים אָפּטמאָל אַראָפּפֿאַלן פֿון זיינע הויכע מדרגות, ווייל זייער אָפּט — לערנט אונדז דער בעל־שם־טוב — פֿאַלט דער צדיק אַראָפּ פֿון זיין מדרגה און ער דינט צו גאָט מיט קלייניקייטן (בקטנות). דאָס הייסט, אַז ער דאַוונט נישט מיט גרויס כּוונה און גייט אַרום ליידיק, און אַט זעט אַן אַנדער מענטש דעם צדיק אין אַזאַ מדרגה, טראַכט ער: „ער וועט אויך אַזוי טאָן"... אָבער אַ פּשוטער חסיד דאַרף זיך ניט פֿאַרגלייכן צו אַ צדיק, ווייל דער צדיק מאַכט „תקונים" ווען ער פֿאַלט אַראָפּ פֿון זיינע מדרגות כּדי אַרויסצוציען די „הייליקע פֿונקען", וואָס זיינען פֿאַרהוילן אין די שפּלדיקע זאַכן.

דערפֿון איז שוין חסידות געקומען צו אַ צווייטן כּלל, אַז דער חסיד דאַרף דערציילן די שבחים פֿון די צדיקים, וואָרים דער צדיק טוט דאָך קיינמאָל נישט קיין פּראָסטע זאַכן, נאָר אַלץ האָט עפּעס אַ העכערן ציל. דערפֿאַר ווערט טאַקע געבראַכט אין „כתר שם טוב", אַז „ווער עס דערציילט די שבחים פֿון די צדיקים איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט געלערנט מעשה מרכבה".

מער באַגרינדעט דעם געדאַנק וועגן דער ראָלע פֿון צדיק אינעם חסידות האָט שוין דער תּלמיד פֿון בעל־שם־טוב, דער מגיד פֿון מעזעריטש. ער האָט שוין בפּירוש אָנגעוויזן, אַז דער צדיק איז דער פֿאַרבינדער צווישן הימל און ערד („אחיד בשמיא דערעא") און ער האָט געזאָגט, אַז:

„פונקט אַזוי ווי מען פֿאַרזייעט עפּעס אין דער ערד, ציען דעמאָלט די זאָמען אַריין אַלע זאַפֿטן פֿון דער ערד און ברענגען אַרויס אַ פּרי, אַזוי ציט אַריין דער צדיק אַלע פֿונקען פֿון אַלע זאַכן פֿון דער וועלט אין זיין נשמה און דערהויבט זיי דערנאָך צום בורא עולם".

דער צדיק קאָן אַפֿילו, לויט דער שיטה פֿון מגיד, מבטל מאַכן די זינד פֿון דור, און מיט זיין באַהעפֿטונג מיט גאָט ציט ער אַראָפּ חסד און שפֿע אויף דער וועלט. דורך אים ווערט פֿון דעם וואָרט „פשע" (זינד) „שפֿע"...

אָבער אויב דער בעל־שם־טוב איז נאָך געווען אַ פֿאָלקס־מענטש, וואָס „האָט דערציילט מעשיות וויבער אויף די מאַרקן", האָט ער דערפֿאַר געקאָנט האַלטן, אַז אַ פשוטער זאָקן־מאַכער, וואָס לעבט כל מיו „מיגיע כפּיו בכשרות", קאָן דערגרייכן צו אַ גרויסער מדרגה; אַז אין זיין זכות זאָל זיך האַלטן דער גאַנצער יידישער קיבוץ אין שטאָט. (זע די מעשה אין שבחי הבעש"ט, 18) האָט שוין דער מגיד אָבער געלערנט, אַז די צדיקי הדור דאַרפֿן די יחידי סגולה, די גאָר אויסדערוויילטע, וועלכע ווערן געבוירן מיט גרויסע נשמות.

דער פשוטער חסיד טאָר אָבער ניט מתרעם זיין אויפֿן צדיק, ער דאַרף גלויבן, אַז אַלץ וואָס דער צדיק טוט שטעקט אין דעם גאָר־גרויסע, פֿאַר־באָרגענע כוונות, און דער מגיד האָט עס געגעבן צו פֿאַרשטיין בדרך משל:

„אַ מענטש איז באַהעפֿט צום צדיק, ווען ער זעט אַז יענער דינט גאָט, זיצט און לערנט, און טיילמאָל קווענקלט ער זיך אין זיין גלויבן, בעת ער זעט, אַז דער צדיק רעדט דברים בטלים. דאָס איז אָבער געגליכן — זאָגט דער מגיד — צו אַ בן מלך, וואָס גייט אַרום צווישן דאָרפֿסלייט צו געפֿינען אַן אוצר, באַדאַרף ער זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ פויער, אָנטאָן פּויערשע מלבושים, כדי מען זאָל ניט דערקענען, אַז ער איז אַ בן מלך און מען זאָל אויסזאָגן וואו דער אוצר געפֿינט זיך... אַזוי רעדט אויך דער צדיק דברים בטלים און פֿאַרבינדט זיי מיט גאָט..."

„מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז ווען דער צדיק פֿאַלט אַמאָל אַראָפּ פֿון זיינע מדרגות, אַז דאָס איז אַן אמתע נפילה, וואָרים עס שטייט: „שבע יפּול צדיק וקם (משלי, כ"ד, ט"ז), זיבן מאָל פֿאַלט דער צדיק און שטייט אויף. ווייל איטלעכער פֿאַל זיינער איז נאָר צוליב דעם אויפֿשטיין (ירידה לצורך עליה), ער זאָל מעלה זיין די הייליקע פֿונקען".

ווייטער נאָך פֿון רבין ר׳ בער, דער גרויסער מגיד פֿון מעזריטש, איז געגאַנגען ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק, וועלכער האָט דערהויבן דעם קולט פֿון צדיק ביז צו אַ מדרגה פֿון שטעלן אים העכער פֿון די מלאכים.

דער רבי ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק האָט כמעט אין אַלע זיינע תורות (אין זיין ספר „נועם אלימלך״) אויסגעבויט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דער ראָל פֿון צדיק. און כאָטש אַליין איז דער רבי ר׳ אלימלך געווען אַ גרויסער פֿאַסטער און זיך מסגף געווען, דאָך האָט ער זיך דערלויבט אַפֿילו צו זאָגן, אַז דער צדיק קאָן מיט עסן און טרינקען באַשאַפֿן וועלטן:

„דער צדיק אַליין, דורך זיינע מעשים, קאָן אַלץ אויספֿועלן״ (דאָרטן פרשה שמות). „דער צדיק קאָן אַפֿילו גורם זיין צו ביאת המשיח״ (פרשה משפטים) און „דער צדיק קאָן דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זעט אָן אויגן און הערט אָן אויערן״ (שמות), און אַז „דורך דעם צדיקס אויגן באַטראַכט גאָט די וועלט״ (בהעלותך).

לויט דער שיטה פֿון רבין ר׳ אלימלך קומט אויס, אַז דער צדיק איז אַ מין פֿאַרטרעטער פֿון גאָט אויף דער ערד.

אָט זאָגט דער רבי ר׳ אלימלך (פרשה בא): „דער צדיק באַקומט די השפעה פֿון אויבן און פֿאַרטיילט זי אַלעמען״. און אַז דער צדיק איז אַזוי הייליק, אַז „מיט יעדן וואָרט זיינעם ווערט באַשאַפֿן אַ מלאך״ (פרשה שלח).

כדי אָבער דער צדיק זאָל וויסן וואָס עס פֿעלט אויף דער וועלט, מוז ער זיך אָפּטמאָל אַראָפּלאָזן פֿון זיינע הויכע מדרגות צו זעען וואָס דער דור דאַרף האָבן, צו קענען דערנאָך משפיע זיין און אַראָפּברענגען די חסדים פֿון הימל. און דאָס איז דער טייטש — זאָגט דער רבי ר׳ אלימלך (פרשה ויקרא): „אשרי הדור שהנשיא חוטא״, דאָס הייסט, ווארום אַז צום דור, ווען דער נשיא, דער צדיק, זינדיקט — לאָזט זיך אַראָפּ פֿון זיינע מדרגות און ער דערזעט וואָס דעם דור פֿעלט, ווייל אַזוי אַרום איז ער דערנאָך משפיע, אַז פֿון הימל זאָל אַראָפּקומען אַ סך חסדים אויף דער וועלט״.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז מיט אַזוינע טעאָריעס האָט מען געקאָנט לייכט אונטערגראָבן די גאַנצע שיטה פֿון חסידות. די מעלה איז אָבער געווען פֿון רבין ר׳ אלימלך, וואָס ער האָט גערעדט וועגן צדיק ראשית כל ווי וועגן אַן איבערמענטש, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס דאַרף אויף זיך זייער אַ סך אַרבעטן כדי צו קומען צו אַזאַ מדרגה. (עס איז מעגלעך, אַז די לעגענדע וועגן די ל״ו, זעקס־און־דרייסיק, פֿאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס

אויף זיי האָלט זיך די גאַנצע וועלט, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי די באַגרינדער פֿון חסידות). דער רבי אלימלך אַליין האָט געוויזן אַביישפּיל: ער האָט זיך נישט געהאַלטן אין דער בחינה פֿון אַט אַזאַ מין צדיק. ער אַליין האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געפּייניקט, און די חסידים זיינע האָט ער געהייסן זיך משמח זיין.

אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „עשר צחצחות״, אַז אונדזער רבי ר׳ אלימלך האָט געהאַט אַ מנהג צו זיצן אונטער בוימער, צווישן שטעכנדיקע מורעשקעס, וואָס מ׳רופֿט זיי „טוראַווקעס״, ביז זיין גוף איז אויסגעדאַרט געוואָרן פֿון דעם פּיין און פֿון די יסורים און ווען זיי האָבן נישט געהאַט מער וואָס צו שטעכן. דעמאָלט האָט ער געשריגן אויף זיך: „מלך, מלך, ביזט דאָך נישט ראוי, אַז די מורעשקעס זאָלן דיך עסן, אַזוי זינדיק ביזטו!״

און דערצו האָט דער רבי ר׳ אלימלך באַוויזן, אַז ער האָט נישט געהאַלטן, אַז אויב מען איז נאָר אַ זון פֿון אַ רבין מעג מען שוין זיין אַ מנהיג, אַ רבי, און זיין זון, ר׳ אליעזר, איז טאַקע נישט געוואָרן קיין רבי נאָך זיין פּטירה, נאָר זיינע אָנגעזעענסטע תּלמידים.

דער טעאָרעטישער באַגריף פֿון צדיק אין חסידות האָט נישט געקענט קיין סך אויסגענוצט ווערן כּל־זמן חסידות האָט געקרוינט פֿאַר אַ רבין אַ מנהיג, אַ גייסטיקן פֿירער — אַ תּלמיד פֿון אַ פֿריערדיקן רבין. ערשט ווען מען האָט איינגעפֿירט אַז אַ זון פֿון אַ רבין ווערט זיין ממלא מקומו, ערשט דעמאָלט איז געקומען צו דער אמתער ירידה אין חסידות.

אַ צדיק, אַ רבי, האָט לויט דעם באַגרינדער פֿון חסידות געדאַרפֿט זיין אַ מענטש פֿון פֿאָלק, אַפֿילו נישט קיין מיוחס. ווערט טאַקע דערציילט וועגן ראָפּשיצער רבין ר׳ נפֿתּלי צבי האָראָוויץ, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון אַ גזע פֿון גאונים, אַז ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צום רבין אלימלך פֿון ליזשענסק, האָט ער אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן זאָגנדיק: „מיוחסים דאַרפֿן מיר ניט האָבן״. ערשט ווען ר׳ נפֿתּלי צבי איז אָפּגע־לעגן דריי מעת־לעת פֿאַר דעם רבין אלימלכס פֿענצטער און האָט כּסדר געוויינט: „וואָס בין איך שולדיק אַז איך בין אַ מיוחס״, ערשט אויפֿן דריטן טאָג האָט דער רבי אלימלך געעפֿנט די טיר און אים אַריינגעלאָזט...

אָבער אין משך פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון חסידות האָט דער רבי אַלץ מער און מער אָנגעהויבן אויסצוברייטערן די שיטה, אַז דער צדיק איז דער מנהיג, און אַז ער דאַרף לעבן אין רחבות און נישט זאָרגן פֿאַר פּרנסה. דערפֿאַר איז איינגעשטעלט געוואָרן דער מנהג, אַז מען זאָל געבן

אַ רבין אַ קוויטל מיט אַ פדיון. אַ טייל רביים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן „אויסצובייטן" אויף געלט. זיי האָבן שוין פֿאַרלאַנגט פֿאַר אָנווינטשעווען אַ געוויסן סכום, איינגעשטעלט אַ „מעמדות", וואָס איז געווען אַ מין שטייער, וואָס יעדער חסיד האָט געמוזט צאָלן צום רבין.

אַ גאַנצן שטאָב פֿון גבאים און „הויף"-מענטשן האָט מען אויפֿגעהאַלטן, וועלכע זיינען אַרומגעפֿאָרן איבער די שטעט און כסדר געקליבן געלט פֿאַרן רבין זאָל לעבן, און דאָס עשירות אין די רבייאישע הויפֿן איז אַלץ מער און מער געוואָקסן, ביז עס האָט געבראַכט צום אונטערגאַנג פֿון דער גאַנצער עכטער חסידישער באַוועגונג.

די ירידה פון צדיקיזם און חסידות

וועו די ראָלע פון צדיק און חסידות האָט אָנגעהויבן צו זינקען. — וואָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון צדיק אין חסידות? — וואָס ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט געלערנט וועגן צדיק און חסידות.

דערמיט וואָס חסידות האָט שטאַרק דערהויבן דעם קולט פון צדיק האָט עס געבראַכט דערצו, אַז מיט דער צייט זאָל קומען אַ ירידה אינעם חסידות. אַ טייל רביים האָבן אויסגענוצט די טעאָריע וועגן דער ראָל פון צדיק פאַר זייערע אייגענע צוועקן.

איינער פון די רביים, וואָס האָט זיך געגרויסט און גאווהדיק גערעדט וועגן זיין יחוס, איז געווען דער רבי ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש, וועלכער האָט סדר געטענהט, אַז דערפאַר, וואָס ער איז דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל, דאַרף ער אַליין זיין דער יורש פון אַלע חסידים, און ער האָט דעריבער געקוקט אויף אַלע אַנדערע רביים, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע שונאים. ער האָט זיך טאַקע געבויט אַ הויף, געהאַט אַפילו אַ „הויף־נאַר", ר׳ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וועלכער האָט געדאַרפט לוסטיק מאַכן דעם רבין. ער האָט שוין פאַרשטאַנען צו זאָגן תורהס, וואָס זאָלן אנווייזן, אַז דער צדיק מעג עסן און טרינקען, נאָר די חסידים דאַרפן ליידן... אַזוי, למשל, זאָגט ער אויף אַן אָרט אין זיין ספר „בוצינא דנהורא" (זייט 10):

„די צדיקים זענען דעם אויבערשטנס הייליקע, און ווען זיי פירן זיך אויף ווי דער שטייגער איז פון דער וועלט, זיי עסן און טרינקען און שלאָפן און דאַווענען ווינציק און דאָס רוב וואָס זיי רעדן איז מכוח די עסקים פון דער וועלט, איז אַפילו מיט די דאָזיקע מידות דינען זיי גאָט, און קיין מענטש טאָר פון זיי קיין ראיה נישט נעמען, וואָרים דעם צדיקס מחשבות זענען נאָר פאַרן השם יתברך... אָבער אַ (פשוטער) מענטש, וואָס דאַרף מתקן זיין זיינע מעשים, ווען ער וועט אויך וועלן דינען גאָט אויף דעם זעלביקן שטייגער, וועט דער יצר הרע אים פאַרפירן!"...

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויב מען קומט צו אַזאַ מין שיטה, מוז מען שוין אויך געפֿינען אַ תּירוץ, פֿאַרוואָס דער צדיק גלוסט נאָך געלט און נאָך תּענוגים און דער רבי ר׳ ברוכל זאָגט טאַקע אויף אַן אַנדער אָרט:

„דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין די הערצער פֿון די צדיקים, זיי זאָלן גלוסטן נאָך געלט, און דורך דעם פֿאַרבינדן זיי זיך מיטן כּלל ישׂראל און דערהויבן זייערע תּפֿילות!״... און אַז די צדיקים זענען די עפֿענונגען פֿון די טויערן אין הימל, וואָס דורך זיי גייען דורך די תּפֿילות פֿון די ייִדן, און אָט האָט איר ווידער אַ משל:

„אַ מלך האָט געהאַט אַ סך טויערן אין זיין פּאַלאַץ און האָט אַוועקגעשטעלט וועכטערס ביי איטלעכן טויער, און ווער עס וויל גענענען צום מלך, לאָזט אים צוערשט דער פּשוטער וועכטער נישט דורכגיין דורכן טויער, און ערשט ווען ער, דער אורח גיט אים געלט, דעמאָלט גייט דער אורח דורך, און איטלעכעס מאָל ווען ער קומט צו צו אַ טויער וואָס איז נעענטער צום מלך און עס שטייט דאָרט אויף דער וואַך אַ מער בכּבֿודיקער שׂר, איז ער געצוואונגען צו געבן אַלץ מער געלט, כּדי ער זאָל אים לאָזן דורכגיין דורך זיין טויער, ביז ער קומט צום גרעסטן שׂר און ער איז געצוואונגען אויסצוגעבן פֿאַר זיינעטוועגן אַ סך געלט ער זאָל אים לאָזן אַריינגיין אינעווייניק אין מלכס הויז״... (ד״ר ש. א. האָראָדעצקיס „החסידים והחסידות״ ספֿר ג׳, ז׳, ט״ו).

דער נמשל איז, אַז די צדיקים זענען די וועכטערס פֿון גאָט און דערפֿאַר, וואָס גרעסער דער וועכטער איז, דאָס הייסט, וואָס גרעסער דער צדיק איז, אַלץ מער געלט דאַרף מען אים געבן...

נו, האָבן טאַקע חסידים אָנגעהויבן צו געבן געלט דעם בעל־שם־טובס אייניקל און ער האָט זיך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ, אַז אויב מען זאָל אַפֿילו אָננעמען, אַז א. ב. גאָטלאָבער האָט איבערגעטריבן אין זיינע שילדערונגען (זכרונות ימי נעורי) זעט מען פֿאָרט פֿון זיינע באַשרייבונגען, אַז דער רבי ר׳ ברוכל האָט שוין געפֿירט אַ הויף: „ווי אַ פּוילישער פּריץ אָדער ביסקופּ, פֿלעגט פֿאָרן אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט ברענענדיקע פֿערד״, האָט ליב געהאַט, אַז דער „הויף־נאַר״ זיינער זאָל אים תּמיד לוסטיק מאַכען. און איינמאָל האָט זיך טאַקע געטראָפֿן, אַז דער רבי ר׳ ברוכל האָט זיך עפּעס געפֿונען באַליידיקט פֿון הערשעלעס מעשׂיות: „האָט ער געהייסן זיינע שכּורע חסידים, אים אַראָפּוואַרפֿן פֿון אַלע טרעפּ, זיי האָבן עס געטאָן, און דער אומגליקלעכער לץ איז געפֿאַלן און צעבראָכן אַלע ביי־

נער, אַ צייט לאַנג איז ער דערנאָך געלעגען קראַנק, ביז ער איז גע־שטאָרבן!״...

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קולט פֿון פֿאַרהערלעכן די צדיקים און זייַ שטעלן גרעסער פון די פשוטע חסידים האָט דערפירט דערצו, אַז דאָס גאַנצע חסידות האָט אָנגעהויבן זינקען, אַז יעדער רבי האָט זיך איינ־גערעדט, אַז נאָר ער איז דער אמתער צדיק, און אַז נאָר דורך אים גייען אַרויף די תּפילות צו גאָט און דערפאַר דאַרף מען אים געבן מער געלט... עס איז שוין געקומען אַזוי וויט, אַז מאַנכע רביים אַליין האָבן שוין אָנ־געהויבן צו דערשפירן די סכּנה, וואָס אַזאַ חסידות בכלל קאָן ברענגען און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן די דאָזיגע „צדיקים״...

אַזוי שרייבט דער „זשיטאָמירער מגיד״, ר׳ זאב וואָלף אין זיין ספר „אור המאיר״ (פּרשת צ״ו), וועגן די צדיקים וואָס פֿאָרן אַרום און נעמען געלט:

„ווער האָט דאָס געזען אין דעם דור פֿאַר אונדזערע עלטערן? די ערשטע צדיקים האָבן געהונגערט נאָך אַ לאַבן ברויט, און געדאַרשט נאָך וואַסער און זענען אַרומגעגאַנגען אָן אַ בגד און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך נישט פאַרנומען מיט אַרומפאָרענישן און מיט רבנותן, צו מאַנען מיטן מויל, ווי מען איז זיך נוהג אין אונדזער דור, וואָס האָבן אַוועקגע־געבן גאָר זייערע גלוסטונגען, וואָס דאָס איז די תּורה, פֿאַר עסן... און אין דער היים טוען זייערע פּיס נישט רוען!״...

דאָס געשריי פון דעם זשיטאָמירער מגיד איז אָבער געווען ווי אַ קול, וואָס רופט אין דעם מדבר אַריין, די רביים זענען שוין געווען גוט איינגעפּונדעוועט, האָבן שוין געהאַט גרויסע הויפן און האָבן זיך שוין נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון זייערע רייכטימער און פון לעבן אויפן חשבון פון די אָרעמע חסידים און פאָלקס־מענטשן...

מיר טרעפֿן שוין אין אַ צייט אַרום ווי מען האָט אין קוויטל איינ־געשריבן אַלע צרות און ליידן, וואָס דער חסיד האָט געהאַט אויסצושטיין אין דער היים און אין מסחר, מען האָט זיך נישט געשעמט איינצושרייבן אין קוויטל אַפילו, אַז דער רבי זאָל מתפלל זיין, אַז „די קו זאָל זיך קעלבן און געבן אַ סך מילך!״... דעמאָלט איז שוין אויך אַרויסגעטראָטן דער פשיסכער רבי, ר׳ יעקב יצחק, גערופֿן דער „יוד הקדוש״ און באַנייט דאָס חסידות אויפֿן בעל־שם׳ס דרך... און אויך דער בעל „התניא״, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי שרייבט אין אַ בריוו וועגן דעם ענין:

„מיינע ליבע ברידער און פריינט... לאָמיר זיך אָדורכרעדן, דער־מאָנט זיך די אַמאָליקע צייטן, די פריערדיקע דורות, צי איז דאָס אַזוינס געווען פאַרצייטנס? און וואו האָט איר דאָס געפונען אַזאַ מנהג אין איינעם פון אַלע ספרים?... צו פרעגן עצות ביי מענטשן... אויב אַ מענטש איז ענג דאַרף ער זיך ווענדן צום פאָטער אין הימל און נישט צו די „פירשפרעכערס" (געמיינט די צדיקים) אויף דער ערד... אויב אַ דער־בארעמדיקער פאָטער שלאָגט אַ זון, דאַרף דער קלוגער זון נישט לויפֿן זוכן פֿאַר זיין הילף, אָדער אַפילו אַ מליץ־יושר פֿאַר זיין דערבאַרעמדיקן פֿאָ־טער, נייערט צו זיין מיטן פאָטער, פּנים אל פּנים, צו ליידן זיינע קלעפּ מיט ליבשאַפט, כּדי עס זאָל אים גוט זיין אַלעמאָל"... (אגרת הקודש, סימן כ"ב).

פֿלעגט מען טאַקע זאָגן, אַז אין די קוויטלעך, וואָס מען האָט גע־געבן דעם „תניא", זענען איינגעשריבן געוואָרן בלויז צוויי בקשות: „רפואת הנפש און רפואת הגוף". דאָס הייסט, אַ רפואה פֿאַר דער נשמה און אַ רפואה פאַרן גוף, מער האָט מען אין אַ קוויטל נישט איינגעשריבן...

דער „תניא" האָט זיך אפשר נישט געוואָלט רעכענען מיט דער פּסי־כאָלאָגישער זייט פון דעם דאָזיקן מנהג, ווען דער פּראָסטער ייד האָט זיך געפונען אין אַן עת־צרה און ער האָט נישט געוואוסט וואָס פֿאַר אַן עצה ער זאָל זיך געבן, ווען די דאַגת־פּרנסה האָט אים געדריקט פון אַלע זייטן, דעמאָלט איז אים געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, ווען ער האָט זיך אַראָפּ־גערעדט פאַרן רבין זיינעם, און האָט אים דערציילט אַלע ליידן, וואָס ער גייט דורך... אָט אויף דעם דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן מאָמענט, האָט זיך אפשר דאָס חסידות געהאַלטן דורות לאַנג.

אַ טייל רביים, די צדיקים, וואָס האָבן געגרינדעט גרויסע דינאַסטי־עס, האָבן אָבער שוין געשלאָגן צופּיל קאַפּיטאַל פון אָט די פּאַרצווייפלטע יידן, און האָבן זיך געהייסן געבן גראָבע „פּדיונות" פֿאַר יעדער ברכה, וואָס זיי האָבן אָנגעוואוינטשן אַן אָרעמען חסיד...

און ווען עס איז אויפגעגאַנגען דאָס נייע ליכט פון בראַסלאַווער חסידות, ווען ר' נחמן בראַסלאַווער האָט זיך געוואָלט לאָזן אויף זיין על־טער זיידנס דעם בעל־שם־טובס דרך, האָט ער געוואָלט אַריינהויכן אַ נייע נשמה אויך אין דער שיטה וועגן דער ראָל פונם צדיק אין חסידות.

אים איז הפּנים געווען דערווידער, דער דרך פון זיין פעטער ר' ברוך פון מעזשיבעזש מיט זיין גרויסן־זיך יעדעס מאָל, אַז דער זכות פון

זיין זיידן, דער בעל־שם־טוב שטייט אים צו דער האַנט, און ער האָט אַרייַנ־געגאָסן פֿריש, שפּרודלדיק בלוט אינעם גוף פֿון צדיק, האָט געזוכט צו געבן אַ תּיקון דער שיטה, וואָס דאָס חסידות האָט געשאַפֿן וועגן דער ראָל פֿונעם צדיק אינעם חסידות, אָבער דערפֿון איז אַרויסגעוואַקסן, אַז די חסידים האָבן גאָר געשאַפֿן תּפילות, וואָס שטעלן דעם צדיק מיט איין שטאַפּל נידעריקער פֿון גאָט...

לויט ר׳ נחמן בראַסלאַווערס טעאָריע, איז פֿאַראַן אין יעדן דור אַ צדיק, וואָס ער ווערט אָנגערופֿן „מלך משיח״, און ווענענס זכות די וועלט האָט אַ קיום. ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט זיך אָבער זייער שטאַרק אָפּגע־שיידט אין דעם פּרט פֿון דער שיטה פֿון דעם רבין ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק.

לויט ר׳ נחמנס דרך איז נישט די אויפֿגאַבע פֿון צדיק צו באַווייזן מופֿתים און היילן קראַנקע, אַזוי ווי מען קאָן דרינגען פֿון דער שטה פֿון רבין ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק, נאָר בלויז צו ווייזן אַ וועג אין יידיש־קייט, אַ דרך אין חסידות...

און ר׳ נחמן איז טאַקע שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן די „פֿאַלשע צדיקים״, ווי ער האָט זיי אָנגערופֿן און ער האָט אַפֿילו געוואָלט דער־קלערן דאָס, וואָס גיט זיך איין אַ „פֿאַלשן צדיק״ צו באַווייזן אַ מופֿת בדרך משל:

וועגן די פֿאַלשע מפֿורסמים — ברענגט זיין תּלמיד ר׳ נתן אין „חיי מהר״ן״ חלק ב׳ (זייט 49־50) — וואָס זיי דוכט זיך אויס, אַז זיי זע־נען פּועל עפּעס אַ זאַך, דהיינו, אַז מען קומט צו זיי בעטן פֿאַר קינדער און שפּעטער ווערט יענער געבענטשט מיט קינדער, און זיין פֿאַרלאַנג ווערט מקוים, און דעמאָלט ווייזט זיך זיי (די פֿאַלשע צדיקים) אויס, ווי זיי וואָלטן דאָס האָבן אויפֿגעטאָן, האָט ער געזאָגט אַ משל: אַזוי ווי אַ מענטש גייט אין וועג, און האָט באַגעגענט אַ וואָלף און האָט זיך דער־שראָקן פֿאַר אים, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין שטעקן, אויפֿן שטייגער ווי מען מאַכט מיטן ברען־ראָר, וואָס מען רופֿט ביקס (כדרך שעושין עם קני שרפה. שקורין ביקס) אַזוי ווי ער וואָלט וועלן שיסן, דערווייל איז אָנגעקומען אַ שיסער מיט אַן אמתער ביקס און האָט דערהרגעט דעם וואָלף, און דער וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין שטעקן דוכט זיך אים, אַז ער האָט דאָס אים דערהרגעט. אַזוי זענען פֿאַראַנען אויף דער וועלט אמתע צדיקים, וואָס זיי זענען אַלצדינגס פּועל מיט זייער תּפֿילה, אָבער אָט די פֿאַלשע מפֿורסמים דוכט זיך אויס, אַז זיי האָבן דאָס אַלץ פּועל געווען!...

ר׳ נחמנס טעאָריע וועגן דער ראָל פֿון צדיק אין חסידות איז אַזוי שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז אין יעדן דור איז נאָר פֿאַראַן איין אמתער צדיק, וואָס ער איז דאָס דער „צדיק הדור״. הגם יעדער איינער קאָן דערגרייכן צו אַזאַ גרויסער מדרגה, דאָך דאַרף יעדער חסיד זען זיך צו באַהעפטן מיטן אמתען צדיק הדור. דאָס „התקשרות״, דאָס פֿאַרבינדן זיך מיטן צדיק, איז געוואָרן דער הויפּט־יסוד פֿונם בראַסלאַווער חסידות... און ר׳ נחמן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער רופֿט אָן דעם צדיק „משיח״, וואָס וועגן אים זאָגט דער נביא ישעיהו (נ״ב) „והוא מחולל מפשעינו״, „ער איז דורכגעשטאָכן פֿאַר אונדזערע זינד״... וואָרים איטלעכער צדיק אין זיין דור ליידט יסורים פֿאַרן כלל ישראל...

דער תּלמיד פֿון ר׳ נחמן, דער געטרייסטער חסיד זיינער ר׳ נתן, האָט הפּנים געגלויבט באמונה שלמה, אַז זיין רבי ר׳ נחמן איז דאָס דער „צדיק הדור, וואָס איז בבחינת משיח...

און אויך ר׳ נחמן אַליין האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז גרע־סער פֿון אַלע רביים פֿון זיין דור.

„מיין פֿייערל וועט שוין אַזוי לאַנג טליען״, האָט ר׳ נחמן אַמאָל גע־זאָגט, „ביז משיח וועט קומען״... און אַן אַנדערש מאָל האָט ער גע־זאָגט:

„צי וואָלט איך דען נישט געקענט זיין אַ גוטער ייד ווי אַלע מנהיגים, וואָס חסידים פֿאָרן צו זיי און זיי ווייסן נישט צוליב וואָס, אָבער איך האָב דאָס נישט געוואָלט״ („חיי מהר״ן). אָבער ער האָט געוואָלט, אַז דער חסיד זאָל זיך באַהעפטן מיט אים, נישט אים געבן קוויטלעך, אַזוי ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע רביים, נאָר זיך פֿאַר אים מתוודה זיין.

אין דעם פּרט איז ר׳ נחמן געווען אַן אויסנאַם פֿון אַנדערע רביים פֿון זיין דור, וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז דער חסיד זאָל זיך פֿאַר אים אויס־רעדן דאָס האַרץ און אים אַלץ דערציילן, וואָס דאָס שמעקט שטאַרק מיט קאַטאָליציזם... „פֿאַראַן דריי בחינות, ווי אַזוי זיך צו דערנעענטערן צום צדיק״, האָט ר׳ נחמן געזאָגט, „און די גרעסטע בחינה איז „ווידוי דברים״, אַנטפּלעקן פֿאַר אים זיין גאַנצע נשמה...״ („לקוטי מוהר״ן״, ב, סימן ח׳). און זיין געטרייער תּלמיד ר׳ נתן דערציילט טאַקע, אַז אַלע חסידים פֿלעגן זיך מתוודה זיין פֿאַר דעם רבין ר׳ נחמן.

ר׳ נחמן האָט אויך נישט געוואָלט, מען זאָל אים מבלבל זיין דעם מוח מיט מופֿתים און מען זאָל פֿון אים פֿאַרלאַנגען ער זאָל אויספּועלן ישועות פֿאַר די חסידים. ער האָט געוואָלט מען זאָל אים באַטראַכטן פֿאַרן אמתן פֿאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש...

און אַפֿילו תּפֿילות זיינען געשאַפֿן געוואָרן, וואָס ווייזן אָן, אַז דער צדיק איז ביי די בראַסלאַווער חסידים באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַן אַרויס־העלפֿער צו גאָט. אַזוי איז פֿאַראַן אַ תּפֿילה אין „לקוטי תּפֿילות״ (י״ז), וואו עס זאָגט זיך: „און זיי מיך מזכּה מיט דייך רחמנות מתוודה צו זיין פֿאַרן אמתן צדיק... וואָס זאָל אויף אונדז מכפּר זיין!״... („תזכני ברחמיך להתודות לפֿני הצדיק האמתי החכם שבדור... למען יכפר עלינו״)...

און עס איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ תּפֿילה וואו מען בעט גאָט, אַז דאָס מתוודה זיין זיך פֿאַר אים זאָל ווערן פֿאַררעכנט אַזוי ווי מען וואָלט זיך געווען מתוודה געווען פֿאַר אַ צדיק... („לקוטי תּפֿלות״, ד׳), וואָס דאָס באַווייזט, אַז די חסידים האָבן דעם רבין געשטעלט שוין אויף אַ צו הויכער מדרגה...

אָבער אויב ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַן אמתן צדיק און האָט געגלויבט, אַז ווער עס וועט קומען אויף זיין קבר וועט געהאָלפֿן ווערן, האָט ער אָבער נישט געמאַכט פֿון זיין טעאָריע וועגן דער ראָל פֿון דעם צדיק אַ קולט, וואָס זאָל אַריינברענגען עשירות און זאָל שאַפֿן אַ „הויף״ און גרינדן אַ דינאַסטיע, און זאָל וועלן לעבן אויפֿן חשבון פֿון די חסידים. אַנדערש איז אָבער געווען די שיטה וועגן דער ראָל פֿון צדיק ביים ריזשינער רבין, און ביי די טשערנאָבילער קינדער, וועלכע האָבן אויסגעבויט אַ שיטה, אַז דער רבי איז בבחינת מלכות, און ער דאַרף דערפֿאַר לעבן אַזוי ווי אַ מלך. דאָס האָט שוין געבראַכט צו דער גאַר גרויסער ירידה פֿון חסידות.

די רייכע חסידישע הויפן

דאָס פֿאָלקסטימלעכע חסידות און די רייכע צדיקים. — צדיקים וואָס בויען זיך פּאַלאַצן ווי די גרעסטע פירשטן. — פֿאַרוואָס אָרעמע חסידים האָבן געוואָלט אַז זייערע רביים זאָלן לעבן און עשירות.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דער סיבה, פֿאַרוואָס חסידות האָט געשאַפֿן די טעאָריע וועגן דער גרויסקייט פֿונעם צדיק, און ווי אַזוי די דאָזיקע פּשוטע און נאַאיווע טעאָריע איז געוואָרן אויסגענוצט פֿאַר פּראַקטישע צוועקן פֿון פֿאַרשידענע רביים.

אָבער אין די ערשטע צוויי־דריי דורות נאָכן אַנטשטיין פֿון חסידות האָט זיך נאָך אָנגעזען דער גלאַנץ פֿון די אַמאָליקע גייסטיקע פירער, האָט זיך נאָך געפֿילט די נייע תּורה פֿונעם בעל־שם־טוב, די גרויסע השפּעה וואָס ער האָט געהאַט אויף זיינע תּלמידים; מיט יעדן דור וויטער זענען אָבער די צדיקים גייסטיק אַלץ מער און מער געפֿאַלן און אין דער דאָזי־קער ירידה זענען צומייסטן שולדיק געווען גרויסע רביים, וועלכע האָבן אויסגענוצט די טעאָריע וועגן דער גרויסער ראָל פֿון צדיק, וואָס דער בעל שם־טוב האָט אים צוגעטיילט און אָנגעהויבן צו הערשן איבער די יידישע פֿאַראָרעמטע פֿאָלקס־מאַסן.

יעדער פֿאָרערער און פֿאָרשער פֿון חסידות דאַרף דערפֿאַר תּמיד געדענקען אָפּצוטיילן דאָס חסידות פֿון די צדיקים — בעסער געזאָגט, די רייכע און דערהויבענע פֿאַנטאַזיע פֿון די חסידים, זייער נאַאיווער גלויבן, זייער שאַפֿן פֿון גרויסע קולטור ווערטן, זייער ווילן געפֿינען אַ היילונג צו זייערע פֿאַריאָכטע נשמות און זייער וועבן וואונדער שיינע מעשיות, און—די שפּעטערדיקע צדיקים, די רביים, וועלכע האָבן אָראָפּגעשלעפּט דאָס אמתע חסידות פֿון דער הויכער הויך און פֿאַרוואַנדלט די גרויסע און שיינע פֿאָלקס־באַוועגונג אין אַ מסחר און האַנדל מיט די צרות פֿון די אָרעמע יידישע דאָרפֿס־יידן און מיטלקלאַס מענטשן. די רביים פֿלעגן אויס־נוצן די פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע פֿון די יידן, זיי צוזאָגן גליקן אויף יענער וועלט,

האַנדלען מיט רפואות און סגולות און זיך אָנזאַמלען אוצרות מיט גאָלד, אויסבויען זיך „הויפן", שלעסער, וואָס זאָלן איבערשטייגן מיט זייער רייכקייט די פּאַלאַצן פון די פּוילישע פּריצים און מאַגנאַטן... פאַר דעם אמתן חסידות־פאָרשער דאַרף דעריבער מער זיין אינטערעסאַנט דאָס, וואָס די חסידים האָבן געשאַפן, — אַפילו וועגן דער גרויסקייט פון די רביים, — איידער דאָסווירקלעכע לעבן פון די רביים אַליין.

אָבער ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, האָבן נישט אַלע רביים אויסגענוצט זייער פּירערשאַפט, זיך אָנצוזאַמלען געלט אויפן חשבון פון די אָרעמע יידן. דאָ און דאָרט שיינט אויף אַ שטראַל פון אַ גרויסער גייס־טיקער פערזענלעכקייט; פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַ רבי, וועלכער רעוואָלטירט קעגן די רביים, וויזט־אויף זייערע פעלערן; אָבער זיין שטים איז שוין צו שוואַך, זי זאָל דערהערט ווערן אין די רייכע רבישע הויפן; די ווענט פון די רבי'שע פּאַלאַצן זענען שוין אינעווייניק באַשלאָגן מיט גאָלד און זילבער, און עס קאָן נישט דורכדרינגען דאָס ערלעכע קול פון אַ פאָלקס־רבין, וועלכער וויל דאָס חסידות צוריק אַרויספירן אויף דעם אַמאָ־ליקן וועג...

מיר טרעפן טאַקע אין דער חסידישער ליטעראַטור אַ גאַנצע רייע ווערטלעך און תורה'לעך, וואָס וויזן־אָן דירעקט אויף דער פאַרביטערט־קייט, וואָס די פאָלקס־רביים האָבן געטראָגן אין האַרצן קעגן געוויסע רביים, די „מיוחסים", די „אייניקלעך", וועלכע האָבן געהערשט מיטן כוח פון „זיידען" און האָבן געשאַפן דינאַסטיעס.

אַזוי, אַ שטייגער, ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר' מאירל פּרע־מישלאַנער, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט אַ משל אויף די רביים פון זיין דור, פאַרוואָס זיי לעבן אַזוי רייך, בעת די רביים פון אַ דור־צוויי פריער זענען געווען גרויסע קבצנים:

ווען אַ מענטש זעט אַן אָרעמאַן אין גאַס, ווערט ער אים געבן העכס־טענס אַ נדבה אַ פּאָר קופּערנע מטבעות, אָבער ווען אַ מאָלער קומט צו גיין און מאָלט־אָפּ דאָס בילד פון דעם אָרעמאַן, ווערט דער גביר דאָס בילד קויפן פאַר זייער אַ סך געלט. פרעגט זיך: פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פאַרוואָס וויל ער דעם אמתן אָרעמאַן נישט קויפן און אים אַריינשטעלן אין זיין סאַלאָן, און זיין בילד יאָ? נאָר דער ענטפער איז, ווייל פאַר „רעכטס" באַצאָלט מען קיינמאָל גאָרנישט, אָבער פאַר נאָכגעמאַכטקייט, פאַר געקינצלטקייט יאָ. דאָסזעלבע איז אויך מיט די רביים. די אַמאָליקע

רביים זענען געווען עכטע, אמתע צדיקים — האָט זיך קיינער אויף זיי נישט אומגעקוקט; זענען זיי טאַקע געווען גרויסע אָרעמע לייט; די רביים אָבער פון אונזער דור זענען שוין נאָכגעמאַכטע, געקינצלטע, דער־פאַר יאָגט זיך יעדער איינער זיי צו געבן געלט, און דערפאַר זענען זיי רייך!

און פון דזשיקאָווער רבין, ר׳ מאירל, זאָגט מען נאָך, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה, אַז אַלע מענטשן אין דער וועלט קאָן מען נאָכמאַכן, אַ חוץ אַ רבין, ווייל ווען עמיצער טוט זיך אָן אַ ראַצימאַרענע קאַפּאָטע, דאַוונט פריייטיק צונאַכטס אין אַ טלית, מאַכט ער שוין נישט נאָך אַ רבין, נאָר ער איז שוין אַליין באַלד אַ רבי...

דערמיט האָט דער דזשיקאָווער רבי געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז דאָס גדלות פון די רביים פון זיין דור באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס זיי גייען אָנגעטאָן אין זיידענע מלבושים, און אויב אַ פּשוטער מענטש זאָל זיך פאַרשטעלן אין זייערע מלבושים, וועט ער שוין אויך קאָנען אָנגערופן ווערן רבי...

צום כאַראַקטעריסטישסטן אָבער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ ווערטל וועגן דער ירידה פון חסידות, וואָס געוויסע רבישע דינאַסטיעס האָבן געבראַכט, דער סאַנזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

ווען מען האָט אים אַמאָל געפרעגט — ווערט דערציילט — פאַר־וואָס ער גיט אַוועק דאָס גאַנצע געלט פרעמדע אָרעמעלייט און פאַר זיינע קינדער טראַכט ער גאָרנישט, האָט ער דערויף געענטפערט מיט אַ משל, אַז אַמאָל איז אַן אָרעמאַן געוואָרן זייער קראַנק, כמעט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער צונויפגערופן אַלע זיינע קינדער, אַרויסגענומען פון אונטערן קישן אַ זעקעלע געלט, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן געהאָט געזאַמעלט, און עס אָנגעהויבן צעטיילן צווישן זיינע קינדער. ער האָט יעדן קינד גע־געבן זיין חלק, וויפיל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף געבן, נאָר זיין ייִנגסטן זון, וועלכער איז געווען, רחמנא לצלן, אַ קאַליקע, אַ געליימטער, האָט ער נישט איבערגעלאָזט קיין גראָשן. האָבן די ברידער אַליין דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און זיי האָבן אים געפרעגט: טאַטע, מיר ווילן זיך נישט אַריינמישן און פרעגן, פאַרוואָס דו גיסט דעם ברודער אַ גרע־סערן חלק און דעם ברודער אַ קלענערן חלק, אָבער איינס קאָנען מיר נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס אונדזער ייִנגסטן ברודער, וועלכער איז אַזאַ געשלאָ־גענער, נעבאַך, פאַרוואָס אים לאָזטו גאָרנישט איבער?

איך האָב געמיינט, אַז איר וועט עס אַליין פאַרשטיין — האָט דער פאָטער געענטפערט — איר אָן מיר וועט נישט האָבן פון וואָס צו לעבן, אָבער דער ייִנגסטער זון מייַנער, אַז ער וועט נאָר זיך אַרויסשאַרן אויף דער גאַס און וועט ווייזן די מענטשן וואָס פאַר אַ וויסטע קאַליקע ער איז, וועט מען אים שוין באַשיטן מיט געלט...

דאָס זעלבע איז אויך מיט אייך — האָט דער סאַנזער רבי אויסגע־לאָזט — אייך דאַרף מען נישט איבערלאָזן קיין געלט, איר וועט דאָך זיין רביים, נו, אַז מען האָט אַזוינע „מומים", אַז מען איז אַזוינע „וויסטע קאַ־ליקעס", דאַרף מען אייך נישט איבערלאָזן קיין ירושה..."

אָבער איינער פון די רביים, וואָס האָט מיט זיין פירשטלעכער התנהגות געשאַפן אַ גאַנץ נייַע טעאָריע אין חסידות און אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט מצד די אַנדערע רביים, איז געווען דער ריזשינער רבי, ר' ישראל פרידמאַן, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון רבין ר' אברהם מלאך.

צוליב דער רייַכקייט און עשירות, וואָס איז געפירט געוואָרן אין זיין הויף אין ריזשין און דערנאָך אין סאַדעגורע, האָט ער געשאַפן אַ טעאָריע, אַז דער רבי איז „בבחינת מלכות", דאָס הייסט, אַז ער דאַרף לעבן אַזוי רייַך ווי אַ מלך...

האָבן טאַקע חסידים פון אַלע ווינקעלעך פון רוסלאַנד געבראַכט געלט, גאָלד און זילבער צו באַצירן דעם רבינס הויף, ביז זיין פּאַלאַץ האָט זיך נישט געהאַט צו שעמען פאַר די רייַכסטע פּאַלאַצן פון די פוילישע פריצים אין אוקראַיינע.

און טאַמער האָט אַ פרעמדער חסיד געוואָלט זיך דערוויסן, פאַרוואָס אין דעם ריזשינער הויף ווערט געפירט אַזאַ לוקסוס, האָט מען אים געענט־פערט, אַז מען וועט פאַרשטיין די כוונות פון רבי'ן נאָר דעמאָלט, ווען משיח וועט קומען („עשר אורות")...

די חסידים האָבן תמיד געפונען פאַרשיידענע אויסטייטשונגען און פאַרענטפערונגען פאַר די פירעכצן פון זייערע רביים, און אויך בנוגע דעם ריזשינער רבין מיט זיין פריצישן הויף האָבן די גלויביקע חסידים דאָס פאַרענטפערט דערמיט, וואָס זיי האָבן געזאָגט אַז ווען: דער צדיק לעבט אין דחקות, איז אויך פאַראַן אויף דער וועלט אַ דחקות; ווען אָבער דער צדיק לעבט בהרחבה, איז אויך פאַראַן אויף דער וועלט אַ שפע פון פרנסה און עשירות פאַר אַלע יידן (עשר אורות).

די חסידים זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז דער ריזשינער רבי איז דער „מלך משיח", און מען האָט דערציילט אַ מעשה, אַז איינמאָל האָט מען געפֿרעגט דעם ריזשינער רבין, פֿאַרוואָס אַלע רביים רעדן וועגן משיח'ן און ער אַליין שווייגט? האָט ער דערויף געענטפֿערט בדרך משל: אַז דער סדר העולם איז, אַז ווען עס קומען זיך צונויפֿ מחותנים, רעדן זיי וועגן נדן, וועגן עסן קעסט, וועגן אויסשטייער, וואו און ווען מען זאָל מאַכן די חתונה, אָבער דער חתן אַליין וועט זיך אין אָט די אַלע זאַכן גאָרנישט אַריינמישן, ער וועט זיך גאָרנישט אָנרופֿן, נאָר ער וועט זיצן שטיל און שווייגן...

דער נמשל האָט געדאַרפֿט זיין, אַז דער ריזשינער רבי אַליין באַטראַכט זיך פֿאַר דעם „חתן", פֿאַר משיחן, דערפֿאַר שווייגט ער, בעת אַלע אַנדערע רביים רעדן וועגן משיחן... („כנסת ישראל, ז' 33).

און אַן אַנדערש מאָל, דערציילן די חסידים, האָט מען געפֿרעגט דעם ריזשינער רבין, פֿאַרוואָס ער איז עובר אויף „זמן תפֿילה", דאַוונט נישט אין דער באַשטימטער צייט, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין שולחן ערוך, האָט ער געענטפֿערט מיט אַ משל: „דער קייזער האָט באַשטימטע שעהן, ווען אויפֿצונעמען געסט, אָבער דער מיניסטער אַליין קאָן אָנקומען צום קייזער ווען ער וויל..."

די חסידים האָבן דערפֿאַר געהאַלטן, אַז דער „מיניסטער", וואָס קאָן אָנקומען צום קייזער ווען ער וויל, דאַרף טאַקע וואוינען ווי אַ מיניסטער, און מען האָט פֿאַר אים אויסגעבויט אַ שלאָס, צווערשט אין ריזשין און דערנאָך אין סאַדיגורע, וואָס מען איז געקומען פֿון אַלע ווייטע מקומות אָנקוקן די וואונדער, וואָס מען האָט דאָרטן געזען.

אָט ווי עס ווערט געשילדערט אינעם בוך „בראַמאַ פּאָקוטאַ" (די טויערן פֿון תשובה) פֿון אַ פּוילישן שרייבער, וועגן די רייכטימער און אוצרות אינעם ריזשינער הויף:

„די גרעסטע אַרכיטעקטן, מאָלער, בילדהויער און דעקאָראַטאָרן זיינען ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פֿון פּאַריז און איטאַליע אין דעם שטעטל ריזשין, אויסצובויען פֿאַרן רבין דעם הויף.

„דער הויף איז נישט געווען בלויז אויסגעפּוצט אויסנווייניק, פֿאַרן אויג, נאָר אויך אַלצדינג איז געמאַכט געוואָרן פֿון דעם בעסטן און טייערסטן מאַטעריאַל. די פּאָדלאָגע איז געווען געפּלאַסטערט מיט זילבערנע רובלס, אַלע הענטלעך פֿון די טירן און פֿענסטער זיינען געווען פֿון בורשטין,

וואָס איז געווען טייער אין רוסלאַנד. אינעם הויף איז געווען אַ פּראַכטפולער גאָרטן און שטאַלן מיט טייערע פערד, וואָס מען האָט געהאָדעוועט פאַרן רבין, און דער רבי איז אַרויסגעפאָרן שפּאַצירן אין טייערע קאַרעטעס, געשפּאַנט מיט זעקס פערד „נאַ־שפּיץ", אַזוי ווי אַ יידישער קעניג...״

דער ריזשינער רבי האָט שוין אויך געהאַט חסידים גרויסע גבירים, ווי, למשל, ישראל האַלפּערין, אַ באַקאַנטער באַנקיר אין רוסלאַנד; די רייכע פאַמיליע האָרנשטיינס און אַנדערע, וועלכע האָבן דעם רבין געגעבן זייער אַ סך געלט.

דעם ריזשינער רבינס הויף אין סאַדיגורע איז נאָך צען מאָל געווען רייכער און שענער געבויט, מיט מער לוקסוס, ווי דער הויף אין ריזשין.

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דער קייזער פון עסטרייך איז אַמאָל געווען אויף קייזער־מאַנעווערעס אין דער געגנט פון סאַדיגורע, האָט מען אויסגעבאָרגט דאָס מעבל פון סאַדיגורער הויף פאַר דער קייזערס קוואַרטיר. האָט דער קייזער אַליין זיך געוואונדערט אויפן טייערן מעבל און האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז ביי יידן זאָלן זיך געפינען אַזוינע טייערע זאַכן...

דערצו האָבן די זעקס זין און די דריי טעכטער, וואָס דער ריזשינער רבי האָט געהאַט ביי זיך אין הויף, זיך אויפגעפירט ווי אמת׳ע פירשטליכע קינדער.

עס איז אָבער אינטערעסאַנט די לעגענדעס, וואָס די חסידים האָבן געשאַפן וועגן דעם ריזשינער רבינס פרישות און אָפּגעהיטקייט, נישט נהנה צו זיין פון דער וועלט.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט בסוד זיך אַריינגעלייגט קליינע אַרבעסלעך אין די שיך, עס זאָל אים כסדר קוועטשן די פיס... און פאַר דער פטירה האָט זיך דער ריזשינער רבי אָנגעכאַפּט ביי זיין באָרד און פאות און געזאָגט: „גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב נישט נהנה געווען פון דער וועלט „כחוט השערה"...

טייערע פּאַלאַצן האָבן זיך אויך געהאַט אויסגעבויט די טשערנאָבילער קינדער. יעדער איינער פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע האָט געוואָלט איבערשטייגן אין רייכקייט זיין ברודער. האָט, למשל, דער טריסקער רבי געהאַט אַ מנורה, וואָס איז געווען געגאָסן פון ריינעם גאָלד און גרויס געווען ווי די הויך פון אַ מענטש, וואָס אַ באַוואוסטער גאָלדשטמיד

האָט דאַרויף געאַרבעט אַ היבשע פּאָר יאָר, האָט ר׳ דודל טאַלנער זיך געלאָזט מאַכן אַ זילבערנע שטול און אויסגעקריצט די ווערטער: „דוד מלך ישראל״.

נישט מער און נישט ווייניגער...

אונדז דוכט זיך אָבער אַז אַ חוץ די סיבות וואָס זענען פֿריער געבראַכט געוואָרן, פֿאַרוואָס די חסידים האָבן געוואָלט אַז די רביים זאָלן לעבן אין לוקסוס, איז דאָס אויך געווען דערפֿאַר ווייל די יידן האָבן אויך געגאַרט צו האָבן אייגענע „פֿירשטן״, אָן אייגענע „שליאַכטע״. דאָס יידישע לעבן איז דעמאָלט געווען אַזוי גרוי, אַז די חסידים האָבן זיך געשפּיגלט אין דער רייכקייט, וואָס די רביים האָבן געהאַט.

אָבער דאָס אמתע חסידות האָט זיך נישט אָנגעלענט אויף די רייכע חסידישע הויפֿן, נאָר אויף די פֿאָלקסטימלעכע רביים, אויף די רביים, וועלכע האָבן זיך געטיילט מיט יעדן ביסן ברויט מיטן חסיד, און וועלכע האָבן אויסגעפֿירט אַ גרויסע סאָציאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציע, אַפֿילו מיטן נעמען אַ קוויטל. זיי און נאָר זיי האָבן באַרייכערט דאָס חסידות, האָבן אַריינגעהויכט אַ הייליקן טעם אין דער גרויער וואָכעדיקייט, אין וועלכער די יידן האָבן דעמאָלט געלעבט; זיי האָבן איינגעפֿלאַנצט אמונה און בטחון אין די פֿאַר׳יאוש׳טע הערצער פֿון די געפּלאָגטע און גע׳רודפֿ׳טע יידן, וועלכע זיינען געוואָרן טאָפּלט אויסגעריסן אי פֿון דער קריסטלעכער וועלט אַרום און אי פֿון די היימישע יידישע תקיפֿים, ראש־הקהל לייט און למדנים.

חסידות און השכלה

דער ביטערער קאַמף פֿון די משכּילים קעגן חסידות — משכּילים האָבן זיך פֿאַראייניקייט מיט מתנגדים אין קאַמף קעגן חסידות. — די נעאָ־חסידישע באַוועגונג.

דאָס וואָס רביים האָבן זיך געבויט גרויסע הויפֿן, האָבן געהאַט אַ סך גבאים און געפֿירט אַ שטאַט ווי פּוילישע פּירשטן, האָבן אויסגענוצט די משכּילים אַנצופֿאַלן אויף חסידות. די משכּילים האָבן נישט פֿאַרשטאַנען דעם עצם מהות פֿונעם חסידות, נאָר זיי זיינען געווען פֿאַרבלענדט פֿון די רייכטימער פֿון די רבישע פּאַלאַצן און נישט געקאָנט מאַכן קיין מחיצה צווישן אמתן פֿאָלקסטימלעכן חסידות און צדיקים...

ווען חסידות איז נאָך געווען אין בלי־צייט, האָבן די משכּילים נישט פֿאַרשטאַנען אונטערצושיידן צווישן די רייכע רבישע דינאַסטיעס און פּשוטע פֿאָלקס־רביים, וועלכע האָבן געלעבט צווישן פֿאָלק, און האָבן אין אַ געוויסן זין אויסגעפֿירט אַ גרויסע סאָציאַלע פֿונקציע אינעם געזעלשאַפֿטלעכן יידישן לעבן.

חסידות האָט דעמאָלט געהאַט אויסצושטיין אַטאַקעס פֿון צוויי פֿראָנטן: אי פֿון די מתנגדים און אי פֿון די משכּילים.

אָפֿטמאָל האָבן די צוויי פֿיינטלעכע לאַגערן, די מתנגדים און משכּילים, זיך געגעבן די הענט צו באַקעמפֿן דעם געמיינזאַמען שונא — חסידות. די משכּילים, וועלכע האָבן געדאַרפֿט קעמפֿן קעגן דער העגעמאָניע פֿון די רבנים, פּונקט אַזוי ווי די פֿאָלקס־רביים, האָבן זיך גאָר פֿאַראייניקט מיט די מתנגדים און געמאַכט יד אחת צו באַקעמפֿן בשותּפֿות דאָס חסידות.

די משכּילים האָבן אָבער געמאַכט דעם גרעסטן טעות דערמיט, וואָס זיי האָבן געקוקט אויפֿן יידנטום בכלל, נישט ווי מענטשן פֿון אינעווייניק, ווי אייגענע, נאָר ווי מענטשן פֿון אויסווייניק, מענטשן פֿרעמדע, דערפֿאַר האָבן זיי זיך נישט די מי געגעבן זיך אָפּצושטעלן אויף די היסטאָרישע,

עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דער אַנשטיי־אונג פֿון חסידות אינעם יידנטום; האָבן זיך נישט פֿאַרטראַכט אויף די סאָציאַלע אומשטענדן פֿון די יידן אין דער דעמאָלטיקער צייט, נאָר זיי זיינען געקומען פֿון דרויסן מיט אַ גרייטן משכילישן רעצעפּט: „צו פֿאַר־שפּרייטן ליכטיקייט צווישן די פֿינצטערע מאַסן" און זיי צו לערנען ווי „זיך אויסמענטשלען", פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגרייזטן דייטש, דעם „אומגעלומפּערטן זשאַרגאָן" (אונדזער יידיש) און זיך אויסלערנען די לאַנדס־שפּראַך. אַראָפּ־וואַרפֿן פֿון זיך די טראַדיציאָנעלע יידישע פֿאָלקס־בגדים, זיך קליידן „דייטש" און באַלד וועלן זיך אָנהויבן צו שיטן ישועות און נחמות אויף יידן פֿון אַלע זייטן...

זיי, די משכילים, האָבן זיך אַפֿילו נישט פֿאַרטראַכט אויף דעם עצם פֿאַקט, אַז דער באַגרינדער פֿון חסידות האָט געשטאַמט פֿון פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן. זיי האָבן זיך ניט באַמיט צו דערקלערן, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט קומען דערצו, אַז אַ פּשוטער באַהעלפֿער, וואָס איז נישט געווען קיין מיוחס, נישט קיין גרויסער למדן, אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט, האָט פּלוצלינג געקאָנט שאַפֿן אַזאַ גרויסע פֿאָלקס־באַוועגונג פֿון חסידות, ווי ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט געשאַפֿן. מיט בלויז שווינדל און אַפּנאַרעריי, ווי די משכילים האָבן דאָס געוואָלט דערקלערן, קאָן מען אַזאַ געוואַלטיקע דער־שיינונג נישט פֿאַרענטפֿערן!

די משכילים האָבן נישט פֿאַרשטאַנען דעם גרויסן פֿאָלקסטימלעכן כח, וואָס האָט געדרעמלט אינעם חסידות, די גרויסע סאָציאַלע פֿונקציע, וואָס דאָס חסידות האָט אויסגעפֿירט: דאָס אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון די רבנים און גבירים, און דאָס באַרייכערן און אויסהאַמערן אַן איינהייטלעכע יידישע פֿאָלקס־שפּראַך! אָט די אַלע זאַכן האָבן די משכילים נישט געזען, און בלויז דערפֿאַר, ווייל די משכילים האָבן נישט געמיינט מיט זייער וועלן „פֿאַרשפּרייטן ליכט" דעם טובת הכלל, נאָר טאַקע אַליין געוואָלט הערשן איבערן פֿאָלק, האָבן זיי געוואָלט האָבן אַ פֿאָלק אָן „אויס־געאיידלטס", וואָס מען דאַרף זיך נישט דערמיט שעמען; אַ פֿאָלק, וואָס רעדט אַ „קולטורעלע שפּראַך" נישט קיין צעקאַליעטשעטן זשאַרגאָן; אַ פֿאָלק, וואָס גייט אָנגעטאָן ווי מענטשן (הגם קיינער קאָן איצט נישט פֿאַר־שטיין מיט וואָס דער דייטשער צילינדער, וואָס דער משכיל האָט געטראָגן אין קראָקע, איז געווען מער מענטשלעכער, ווי דאָס היטל אָדער ספּאָדיק, וואָס דער חסיד האָט געטראָגן, וואָס איז געווען גיכער צוגעפּאַסט צו דער דעמאָלטדיקער אַרומיקער פּוילישער סביבה און געווען טראַדיציאָנעל...).

האָבן זיי, די משכּילים, זיך טאַקע זייער שנעל פֿאַראייניקט מיט די רבנים, וועלכע האָבן אויך געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויפֿן פֿאָלק. זיי, די משכּילים, האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט די מתנגדים, מיט די ראשי הקהלס־לייט, מיט די גבירים, וועלכע האָבן אונטערגעיאָכט די פֿאַראָרעמטע יידישע פֿאָלקס־מאַסן, און בײדע צוזאַמען — די משכּילים און די מתנגדים — האָבן אָנגעהויבן צו אַטאַקירן דאָס חסידות...

עס איז באמת שווער צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די מתנגדים האָבן געשיקט זייערע פֿיילן נאָר קעגן די רביים און האָבן אינגאַנצן פֿאַרגעסן די רבנים, וועלכע זיינען געווען גרעסערע קנאים אין דער רעליגיע ווי די רביים, און דאָך האָבן זיי די רבנים נישט געטשעפּעט. אַט זעט, וואָס עס האָט געשריבן דער רבי פֿון משה מענדעלסאָן, ישראל זאַמאָשץ, אין זיין ספֿר „נזר הדמע" (ציטירט לויט צינבערג, באַנד זיבן, 2טער בוך, זייט 278)... „אַלע טאָג איז ביי זיי (ביי די חסידים) יום־טוב, מען עסט און מען טרינקט און מען הוליעט... און איך האָב געזען פֿיינע לייט כאַפּן די שיסל און די שיריים און קערן איבער די שיסל, כּדי אָנצופֿילן דעם גאָרגל — נעמט אַזוינער אַ פֿעסל בראָנפֿן, און אַז ער איז שוין פֿול איבער די ברעגעס, דרשנט ער מעשה מרכבה... ער הויבט אויף די אויגן צום קדוש ישראל צו דערציילן וואָס גאָט טוט, און ברומט פֿון אַ הויפֿן פֿלייש אַרויס, ווי אַזוי צען מאָל צען טויזנט וועלטן זיינען געשאַפֿן געוואָרן מיט אמת און מיט יושר... און זוכט די פֿאַרבאָרגענישן פֿון דער תּורה, און דורך די בהמהשע מעשים איז ער משיג דעם, וואָס זיצט אויבן... זון מיינער, גיי נישט מיט זיי!"...

אין אַ פֿראַצוויזיש ביכל, וואָס איז דעמאָלט דערשינען וועגן די חסידים, האָט דער מחבר פּשוט געעצהט אַלע חסידים אויסצוראָטן...

און אין זעלבן וועג איז אויך געגאַנגען מענדל לעפֿין (צינבערג, באַנד VII, 2טער בוך, ז' 281) און אַנדערע משכּילים, אָבער די משכּילים האָבן אָנגעהויבן צו רודפֿן די חסידים נישט מיט קיין גאָר שיינע מיטלען. ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז מיט זייערע מליצה־רייד וועלן זיי גאָרנישט אויפֿטאָן און אַז דאָס פֿאָלק וויל זיך נישט צוהערן צו זייער באַפּליגלטער שפּראַך, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיטן כּוח פֿון מלכות, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז יוסף פּערל, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ פּאַמפֿלעט קעגן חסידות, האָט געוואָלט אַרעסטירן די יידן, וואָס האָבן מחדש געווען די לבנה,

און ער האָט זיך נישט געשעמט צו מסרן פֿאַר דער פּאָליציי דעם זשידי־טשאָווער רבין...

קוקט מען היינט אַריין אין די פּאַמפֿלעטן, וואָס די משכילים האָבן געשריבן קעגן די חסידים, דוכט זיך אין ערשטן מאָמענט, אַז אַלץ איז אפֿשר געווען אמת, אַז די רביים זיינען אפֿשר געווען אַזוינע שלעכטע און ניט ערלעכע מענטשן, ווי די משכילים האָבן זיי געשילדערט. אָבער מיר דאַרפֿן גוט נאָכקאָנטראָלירן אַלע זייערע פֿאַקטן, איידער מיר גייען זיי אָננעמען פֿאַר הוילע אמתן.

די משכילים האָבן אפֿשר געמיינט אויפֿריכטיק, אַז די גאַנצע חסידישע באַוועגונג דערהאַלט זיך נאָר מיטן כּח פֿון די צדיקים, מיט זייער „אָפּנאַ־רעריי", ווי זיי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט, און האָבן געגלויבט, אַז קוים וועט זיך זיי איינגעבן אַראָפּצורייסן די מאַסקע פֿון די צדיקים, איז אויס חסידות. דעריבער האָבן זיך, למשל, די משכילים פֿון טשערנאָוויץ מיט ד"ר רייט־מאַנען בראש געריסן צו כאַפּן דעם לעוויער רבין, ר' בערעניו, דעם ריזשי־נער רבינס זון, וועלכער האָט רעוואָלטירט און דערקלערט עפֿנטלעך, אַז ער איז אויס רבי און האַלט נישט פֿון חסידות. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן שוין געמאַכט אַ תל פֿון דער גאַנצער חסידישער באַוועגונג. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן; אדרבה, ווי מען דערציילט, זיינען די חסידים גאָר געקומען צופֿאָרן קיין טשערנאָוויץ און האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז דער רבי זייערער עסט נישט קיין שום דבר אסור ביי דעם אפּיקורס רייטמאַן נאָר מלאכים פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר דינסטן און טוישן אויס דאָס טריפֿהנע עסן אויף כּשרס...

דאָס איז געווען אַלץ דערפֿאַר, ווייל דער כּח פֿונעם חסידות איז געלעגן אין די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט וואַרעמען ביים פֿייער פֿון די רביים...

און דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז דעמאָלט געווען, אַז ווען די משכילים האָבן איינגעזען, אַז מיטן „רעוואָלוציאָנערן רבין", ר' בערעניו, גייען ניט מיט די „פֿאַרנאַרטע שאָף", און ווען די משכילים האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער רבי איז געבליבן אָן געלט, ווייל די רביצין האָט, אינצווישן, ווען דער רבי איז געזעסן אין טשערנאָוויץ, אויפֿגעריסן דעם פֿייער־קאַסטן און אַלץ אַרויסגענומען, אַזוי אַז דער רבי איז געבליבן בערום ובחוסר כּל, האָבן זיי זיך שוין מער נישט פֿאַראינטערעסירט מיט דער פּערזענלעכער גרויסער טראַגעדיע פֿונעם רבין אַליין. זיי האָבן ניט

מיטגעפֿילט מיט דער גרויסער צעריסנקייט פֿון ר׳ בערעניוס נשמה, וואָס האָט זיך געפֿונען צווישן צוויי וועלטן; די טראַגעדיע פֿון אַ רבין, וועלכער האָט אָוועקגעוואָרפֿן אַ גרויס מלכות, אַ רביסטווע פֿון טויזנטער חסידים, מיט אַ רייכן הויף, זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין ווייב און פֿון זיינע ברידער, אָבי צו לעבן ערלעך, לויט זיינע השגות. האָבן זיי אים טאַקע אַ דערשלאָגענעם צוריקגעשיקט קיין סאַדיגורע, צו זיין ברודער דעם רבין, וואו ער איז פֿאַר־שפּאַרט געוואָרן אין הויף, און האָט נאָך געמוזט עפּנטלעך דערקלערן, אַז ער איז געווען אַ שטיקל צייט משוגע!...

דאָס זעלבע איז פֿאַרגעקומען, ווען די משכּילים אין וואַרשע האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער גרויסער טראַגעדיע אין „קאָצקער הויף״, ווען דער רבי ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט פּרייטיק צונאַכטס ביים קידוש־מאַכן אַ געשריי געגעבן „לית דין ולית דיין״, און ווי אַנדערע חסידים האָבן דערנאָך איבערגעגעבן האָט דער קאָצקער דעמאָלט אויסגעלאָשן די ״שבת־דיקע ליכט״.

אַ גרויסע טראַגעדיע איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין קאָצקער הויף, זיין געטרייסטער תּלמיד ר׳ מרדכי יוסף (ליינער) פֿון אוזשביצע האָט אַ געשריי געגעבן „יידן ראַטעוועט זיך״, און אַלע חסידים זיינען אַנטלאָפֿן דורך די פֿענצטערס.

דער קאָצקער רבי האָט זיך אָפּגעזונדערט אין זיין חדר המיוחד און דאָרט געזעסן אָפּגעשלאָסן פֿון דער וועלט אַ ניינצן יאָר, און די משכּילים פֿון וואַרשע, ווערט דערציילט, האָבן גלייך געשיקט זייערס אַ פֿאָרשטייער אויסצוגעפֿינען צי מען קען דעם קאָצקער רבין איבעררעדן, ער זאָל ווערן אַ פֿאָרשטייער פֿון די משכּילים. זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז אין קאָצק וועלן זיי טרעפֿן זיצן אַ יידן, וואָס פֿאַרלייקנט דעם גאַנצן חסידישן דרך און איז גרייט צו גיין מיט זיי צוזאַמען מלחמה האַלטן מיט חסידות, און ווען דער פֿאָרשטייער פֿון די וואַרשעווער משכּילים איז אָנגעקומען קיין קאָצק האָט ער איבערגעלעבט אַ גרויסע אַנטוישונג. ער האָט געזען פֿאַר זיך אַ יידן וואָס פֿירט זיך אויף פּונקט אַזוי ווי פֿריער נאָר האָט עפּעס אַן אייגענעם דרך, וואָס מען קען ניט משיג זיין... אָט די דאָזיקע אַנ־טוישונג האָבן די משכּילים כּסדר געליטן, ווייל זיי האָבן זיך ניט פֿאַר־טראַכט וועגן דעם גרויסן כּוח פֿון חסידות.

און ווייל די משכּילים האָבן זיך נישט פֿאַרטראַכט אינעם עצם מהות פֿון חסידות און אין זייערע גייסטיקע פֿירער, דערפֿאַר ווערט מען קיין

נאַטירלעכן און נאָרמאַלן שטריך נישט געפֿינען אין די אַלע משׂכּילישע שילדערונגען וועגן רביים. אַלע משׂכּילים האָבן געהאַט איין באַשטימטן נוסח. דער רבי איז געמאָלן געוואָרן אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן, ער איז געווען אַן אָפּנאַרער און מכשף.

ווען מען לייענט די תּורות, וואָס די משׂכּילים האָבן געבראַכט פֿון די רביים, זעט מען, אַז זיי האָבן פּשוט נישט פֿאַרשטאַנען דעם זין פֿון אַ חסידישער תּורה; ווי אַזוי אַ רבי האָט זיך אויף אַ פֿאָלקסטימלעכן אופֿן צעשמועסט מיט די חסידים, האָט אַריינגעקוועטשט אין אַ פּסוק אַלע גע־דאַנקען, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען, כאָטש זיי האָבן זיך אָפּט־מאָל טאַקע נישט אַריינגעפּאַסט אינעם פּסוק. די משׂכּילים אָבער איז גע־גאַנגען אין לעבן אויפֿצוּואַווייזן, אַז די רביים האָבן פּשוט נישט געקענט קיין פּירוש המלות אָדער קיין דקדוק און געבראַכט די תּורות אָפּטמאָל טאַקע פֿאַלש, אַזוי ווי זיי וואָלטן געזאָגט געוואָרן פֿון אַ פּורים־רבֿ (זע „מגלה עפֿה", פֿון יצחק בער לעווינזאָן, ז' 19).

אַפֿילו דער משׂכּיל ש"י האָראָוויץ, וועלכער האָט געוואָלט מאַכן אַ גרינטלעכע אויספֿאָרשונג וועגן חסידות, האָט אויך צונויפֿגעזאַמלט בלויז די ווערטלעך און תּורהלעך, וואָס האָט זיך אים געלוינט. און אַפֿילו לויט די מעשׂהלעך, וואָס ער ברענגט, קען מען אויך זען, אַז ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער פֿון חסידות און דער עיקר: אַז אונדז דאַרף נישט אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירן צי דער בעל־שם־טובֿ איז געווען אַ גרויסער למדן אָדער אַן אמתער גראָבער יונג, ווי ער באַמיט זיך דווקא אויפֿצוּואַווייזן, נאָר ווי אַזוי דאָס פֿאָלק האָט אים געזען. מיט דעם זעלבן צוגאַנג מעסטן מיר אויך די פֿירער פֿון אַלע אַנדערע גייסטיקע פּערזענ־לעכקייטן פֿון אַמאָל.

מיר אַליין איז אויסגעקומען צו שמועסן מיט דעם לעצטן מאָהיקאַ־נער פֿון די משׂכּילים־שרייבער, מיט דעם העברעאישן שריפֿטשטעלער מ. ד. בראַנדשטעטער אין טאַרנאָוו, גאַליציע (געשטאָרבן דעם 15טן מאַי 1928), און ער האָט מיר געזאָגט, אויף זיינע עלטערע יאָרן, אַז ווען ער וואָלט געווען בכּח, וואָלט ער געהייסן פֿאַרברענען אַלע זיינע ווערק, וואו ער האָט געשילדערט אין אַ חוזק טאָן די רביים און חסידים, ווייל ערשט איצט פֿאַרשטייט ער, וואָס פֿאַר אַ גרויסע היסטאָרישע ראָלע דאָס חסידות האָט געשפּילט.

יאָ, די משׂכּילים האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דעם מהות פֿון חסידות און וואָס פֿאַר אַ גרויסע ראָלע די פֿאָלקס רביים האָבן געשפּילט, אַפֿילו אין דער תּקופֿה פֿון דער ירידה פֿון חסידות.

צווייטער טייל

פאָלקס־רביים

דער „שרף״ פון סטרעליסק

אַ זון פון אַ פּראָסטן שניידער ווערט אַ רבי פון חסידים. — ער איז געווען אַ תּלמיד פון רבין ר׳ שלמה קאַרלינער. — זיין דרך אין חסידות.

ר׳ אורי פון סטרעליסק אָדער דער „שרף״, ווי ער ווערט גערופן אין דער חסידישער וועלט, איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל יאַנאָוו, ניט ווייט פון לעמבערג. אַזוי ווי חסידות האָט ליב צו וועבן לעגענדעס וועגן דעם געבוירן ווערן פון גרויסע צדיקים, אַזוי האָט די חסידישע פאַנטאַזיע אויך דאָס געבוירן ווערן פון ר׳ אורילען באַקרוינט מיט וואונדערלעכע מעשיות.

די חסידישע לעגענדע דערציילט אונדז, אַז דער שרף איז געבוירן געוואָרן, ביי אַ פּראָסטן שניידער. די מוטער זיינע וועלכע איז זייער יונג געוואָרן אַ יתומה, האָט זיך דערצויגן ביי אירע קרובים. צוליב אַ שלעכטן שם וואָס מען האָט אויף איר אינעם שטעטל אַרויסגעלאָזט, האָט זי גע־מוזט אַנטלויפן אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין. דאָרט האָט זי זיך פאַרדינ־גען פאַר אַ דינסט. מען האָט איר דאָן גערעדט אַ שידוך מיט אַן אָרעמען שניידער, אָבער ער האָט זי נישט געוואָלט נעמען צוליב דעם „שם־רע״ וואָס מען האָט אויף איר אַרויסגעלאָזט. מיט דער הסכמה אָבער פון דעם מגיד פון מעזעריטש, וועלכער האָט אויף איר עדות געזאָגט, אַז זי איז ריין פון איעדער זינד, האָט דער שניידער זי גענומען פאַר אַ ווייב. באַלד נאָך דער חתונה האָט זי זיך געוואָלט מיט אים גטן, נישט קענענדיק סובל זיין זיין התנהגות. צוליב דעם איז זי נאָך אַמאָל געפאָרן צום מגיד ר׳ בער פון מעזעריטש, אים פרעגן אַן עצה. דער מגיד האָט איר נישט געהייסן גטן זיך און האָט איר געזאָגט אַזוי: „פון דעם פויער וועט דיר נאָך געבוירן ווערן אַ זון אַ בער״. (זיין כּוונה איז געווען אַז דער זון וועט אין אים געראָטן זיין, וואָס זיין נאָמען איז בער). אַזוי ווי די מוטער האָט דאָס דערהערט איז זי באַלד אַהיים געפאָרן, האָט אָנגעהויבן זיך מקדש און

מטהר זיין, ביז זי איז אין אַ קורצער צייט אַרום פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, דער־זעענדיק די גרויסקייט פֿונם מגיד איז זי נאָך אַמאָל צו אים געפֿאָרן, כּדי ער זאָל זי בענטשן. ווי דער מגיד האָט זי דערזען זיין שוועל איבער־טרעטן, האָט ער זיך פֿאַר איר אויפֿגעשטעלט, איז איר אַנטקעגן געגאַנ־גען און האָט זי געבעטן זיצן. דער רבי ר׳ מרדכי פֿון נעסכיזש וואָס איז דעמאָלט געווען ביים מגיד, האָט זיך אויף דעם שטאַרק פֿאַרוואונדערט און געפֿרעגט דעם מגיד: „וואָס איז דאָס רבי, וואָס איר האָט זיך אויפֿגע־שטעלט פֿאַר אַן אשה?" האָט דער מגיד אים געענטפֿערט: „איך האָב זיך אויפֿגעשטעלט פֿאַרן כּבוד פֿון איר זון, וואָס דאַרף פֿון איר געבוירן ווערן, וועלכער וועט אַמאָל מיט זיין ליכטיקייט און קדושה, באַלויכטן די גאַנצע וועלט".

און אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט די מוטער קיינעם נישט צום קינד צוגעלאָזט, אַפֿילו אַ קוק טאָן אויף אים, און כּסדר עס אויסגעהיטן פֿאַר יעדער אומריינקייט. דער מגיד האָט דערנאָך אויף דעם קינד עדות געזאָגט, אַז עס איז אַ „קדוש מרחם אמו". הגם דער פֿאָ־טער זיינער איז קיינמאָל אין מקוה נישט געגאַנגען. דער „שרף" פֿלעגט טאַקע תּמיד זאָגן, אַז ווען דער פֿאָטער זיינער וואָלט כאָטש איינ־מאָל געווען געהאַלטן טבילה פֿאַר זיין געבוירן ווערן, וואָלט אים איצטער אַ סך לייכטער געווען צו דינען דעם אויבערשטן.

אַזוי איז ר׳ אורילע אויפֿגעצויגן געוואָרן, אין קדושה און טהרה, ביז מען האָט אים חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פֿון ר׳ יעקב קאָפּל, דער מחבר פֿונעם ספֿר „שער גן־עדן", און פֿונעם באַוואוסטן „סדור" וואָס ווערט אָנגערופֿן ר׳ קאָפּלס סדור, (דאָס ספֿר „שער גן־עדן" האָבן די מתנגדים פֿאַרברענט אין דער ווילנער שול) אָדער ווי די חסידים פֿלעגן אים רופֿן „ר׳ יעקב חסיד". ר׳ יעקב איז געווען איינער פֿון די גרעסטע תּלמידים פֿונם בעש"ט.

באַלד נאָך דער חתונה, האָט ר׳ אורילע אָנגעהויבן צו פֿאָרן צו ר׳ שלמה קאַרלינער, און איז געוואָרן איינער פֿון זיינע חשובֿסטע תּלמידים. ווען דער רבי זיינער איז נפֿטר געוואָרן, איז ער אַליין געוואָרן אַ רבי. באַלד האָבן אים צדיקים פֿון זיין דור אָנערקענט פֿאַר אַ מנהיג און האָבן אים געשעצט און געערט. אַזוי למשל האָט דער רבי ר׳ נפֿתּלי צבֿי פֿון ראָפּשיץ אויף אים געזאָגט: „דער סטרעליסקער „שרף" דינט דעם אויבערשטן ווי אַן אמתּער פֿויער".

דער עיקר חסידות איז ביים „שרף״ געווען די תפילה. אָפטמאָל פלעגט די עבודה זיינע ביים דאַווענען דערגרייכן ביז צו מסירת הנפש. אַמאָל האָט אַ גרויסער חסיד זיינער דערזען — ווערט דערציילט — אַז אויפן אָרט, אין דער קלויז ווי דער „שרף״ האָט געדאַוונט, איז אַרום אים אויפגעשטיגן אין הימל אַריין אַ פייערדיקע זייל, און די גאַנצע קלויז איז פול געוואָרן מיט נשמות, וועלכע זענען געקומען ביי אים בעטן אַ תיקון.

אָנהויבן צו דאַווענען תפלת־השחרית פלעגט דער „שרף״ גאָר פרי, באַלד ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן. די פאַסטוכער פלעגן זאָגן: „מיר ווייסן ווען אַרויס צו טרייבן די שאָף אויף דער פאַשע, ווען דער „ראַבין״ אונדזערער הויבט אָן זיך „מאָדליען״ צו גאָט״.

און דאַווענען פלעגט דער „שרף״ מיט גרויס דבקות און התלהבות. אַזוי אַז זיין פנים פלעגט אַלע רגע אָן אַנדערע צורה באַקומען, וואו אין פסוק שטייט: „וארבע פנים לאחד״... און דעריבער האט מען אים טאַקע גערופן דער „שרף״.

מער פון אַלץ האָט דער „שרף״ ליב געהאַט צו זאָגן תהלים, און ער פלעגט זאָגן: „דוד המלך האָט געקענט מחבר זיין דעם תהלים און איך קען זאָגן תהלים״.

בעת ער איז געגאַנגען דאַווענען, איז ער געגאַנגען מיט גרויס כונה זיך אין גאַנצן מקריב צו זיין פאַר זיין ליבן נאָמען, דעריבער פלעגט ער זיך נוהג זיין תמיד פאַרן דאַווענען אַריינגיין צו דער רביצין, זיך געזעגענען מיט איר און מיטן גאַנצן הויזגעזונט, פונקט ווי איינער, וואָס גרייט זיך אַוועקגיין אין מלחמה אַריין. ער פלעגט אויך אָנזאָגן אַז די כתב־ידן וואָס געפינען זיך ביי אים אין דער ספרים שראַנק זענען ניט זיינע, נאָר זיין רבינס, ר׳ שלמה קאַרלינערס, כדי מען זאָל זיי ניט ח״ו צורעכענען צו זיינע כתבים.

פון גרויס דבקות איז דער „שרף״ געקומען צו דער מדרגה פונעם „אדם־השלם״, דאָס הייסט, עס איז צוריק אַריינגעטראָטן אַ האַרמאָניע אין אַלע אברים זיינע. ווייל אין אמתן — האָט ער אַמאָל צו זיינע חסידים געזאָגט — וואָלט מען נישט געדאַרפט אָנקומען פאַר אַ יעדן חוש צו אַן אַנדער אבר באַזונדער, מען וואָלט למשל געקענט זען, הערן, און עסן דורך אַלע אברים גלייך, נאָר צוליב דעם חטא פון אדם־הראשון איז גע־וואָרן אַ פירוד צווישן די אברים, די האַרמאָניע איז אינעם גוף פונעם מענטש צעשטערט געוואָרן, אַזוי ווי אין פסוק שטייט: „אין שלום בעצמי

מפּני חטאתי״, דאַדורך קען מען נאָר באַנוצן יעדעס אבר צו אַן אַנדער חוש באַזונדער, אַ מענטש קען אָבער דורך עבודה מתקן זיין זיין גוף, אַז ער זאָל קומען צו דער מדרגה פונם „אדם־השלם״. עס זאָל צוריק ווערן אַ האַרמאָניע אין אַלע זיינע אברים.

די אהבה צו יידן איז ביים „שרף״ געווען אין לשער. קיינמאָל האָט ער נישט געזען קיין שלעכטס אויף אַ יידן. אַז מען האָט אים געוויזן אַן אמתן רשע, האָט ער אַזוי לאַנג מליץ טוב געווען אויף אים ביז עס האָט זיך אַלעמען אויסגעוויזן, אַז ער איז אַ צדיק גמור.

אײן מאָל יום־כּפּור באַנאַכט — דערציילן די חסידים — האָט דער „שרף״ דערזען אַז זיין משרת שטייט אויף פּונעם געלעגער, און גייט טרינקען וואַסער. דער „שרף״ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דורשט מוז ביים משרת זיין זייער גרויס, האָט ער אים ניט געוואָלט דערמאָנען, אַז ס׳איז היינט יום־כּפּור, טאָמער וועט ער ניט וועלן טרינקען, וועט ער נאָך ח״ו שטאַרבן פאַר דורשט.

שבת, ביים שלוש־סעודות, פּלעגט דער „שרף״ תּמיד מאַריך זיין ביים טיש, כּדי לענגער צו פאַרציען דעם שבת, וואָרן „די שליסלען פונעם גיהנום זענען געווען ביי אים אין דער האַנט״, און כּל זמן ער האָט נישט געמאַכט קיין הבדלה, האָט מען די נשמות פון די רשעים נישט צוריק געטריבן אין גיהנום אַריין.

די מידה פון פאַרהייליקן אַזוי שטאַרק דעם שבת האָט ער זיך אָפּ־געלערנט פון זיין רבין, ר׳ שלמה קאַרלינער. אַמאָל האָט ר׳ שלמה קאַר־לינער מקבל־שבת געווען פאַרן עמוד מיט גרויס שמחה. גראַד איז דע־מאָלט געווען אַן אומרואיקע צייט, איז אַ קאָזאַק בשעתן דאַווענען אַריין אינעם בית מדרש און אים דורכגעשטאָכן מיט זיין פּיקע. דער רבי ר׳ שלמה קאַרלינער איז געבליבן ליגן שווער קראַנק אין בית־מדרש, נישט געבנ־דיק אַפילו קיין קרעכץ: ס׳איז דאָך געווען שבת. נאָך די טאָכטער זיינע האָט נעבעך שטאַרק געוויינט. האָט ער צו איר געזאָגט: „ווי קאָן דאָס אַ יידישע טאָכטער וויינען אום שבת?״ „טאַטעשי — האָט זי געענטפערט — ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען אַז דו ביסט אַזוי שטאַרק קראַנק און האָסט אַפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן?״ „גלויב מיר — האָט ער איר צוריק געענטפערט — די גאַנצע וועלט איז נישט ווערט מען זאָל אויף איר אום שבת אַ קרעכץ טאָן״. דעם גאַנצן שבת טאָקע, איז דער ליכטי־

קער שמייכל נישט אראפ פון זיין פנים. נאך הבדלה איז ער נפטר גע־וואָרן.

אט דאָס האָט אויף דעם „שרף" געהאַט אַ גרויסע השפעה ער זאָל אַזוי שטאַרק פאַרהייליקן דעם שבת.

און כאָטש זיין ליבע צו יידן איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָך זענען אַלע חסידים זיינע געווען גרויסע אביונים, ווייל: „די חסידים מיינע — האָט ער אַמאָל געזאָגט — זוכן ביי מיר נישט קיין עשירות, נאָר יראת־שמים".

עס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אַ פאָלקס־ווערטל, אין גאַליציע, אַז ווען מען וויל זאָגן אויף אַ יידן אַז ער איז אַ גרויסער אביון זאָגט מען: „ס'וואָלט אים געפּאַסט צו זיין אַ סטרעליסקער חסיד".

קיין סך תורות האָט דער „שרף" נישט געזאָגט. נאָך זיין פּטירה איז אַרויס אַ קליין דין ספרל, מיט געקליבענע ווערטער פון אים, מיטן נאָמען „אמרי־קדוש". אַז מען האָט אַמאָל געבעטן איינעם פון זיינע גרעסטע תלמידים, דעם רבין ר' יהודה צבי פון סטרעטין ער זאָל נאָכ־זאָגן אַ תורה פונעם רבין זיינעם, האָט ער געענטפערט: „אונזער רבינס תורות זענען זייער הייליק, איעדעס וואָרט פאַר זיך אַליין איז אַ תורה, וואָס דאַרף האָבן אַ סך פּרושים. זיי זענען געגליכן צום „מן" וואָס מען האָט פון אים געגעסן וויפיל מען האָט געוואָלט, און גאָרנישט צוריק געגעבן, און אויב איר ווילט וויסן די גרויסקייט פון מיין רבין, — האָט ער פאַרענדיקט — קוקט מיר אַריין אין מיין האַרץ וועט איר שוין פאַרשטיין וואָס מיין רבי איז געווען".

אינם יאָר תקפ"ו, כ"ג אלול (1826) איז ר' אורי דער זון פון ר' פנחס נפטר געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַ דור פון צדיקים און תלמידי חכמים. דאָך זענען זיינע קינדער נישט געווען קיין גרויסע רביים פון אַ סך חסידים. דער „שרף" האָט פאַר זיין פּטירה געזאָגט: „מיין זון שלמה, ווערט אַ נדחה פאַר מיין תלמיד ר' הירש סטרעטינער און מיין אידעם יצחק פאַר ר' שלום בעלזער".

געדאַנקען און ווערטער פון ר' אורי סטרעליסקער

א) ס'איז גלייכער אַז אַ מענטש זאָל זיך אַריינוואַרפן אין אַ פייערדיקן קאַלעכאויוון, איידער צו ווערן אַ רבי ביי יידן.

ב) אַמאָל שבת ביים דאַווענען האָט דער „שרף" דעם פסוק „שומר נפשות חסידיו מיד רשעים יצילם" אַ סך מאָל איבערגע'חזר'ט. נאָכן

דאָווענען האָט ער זיין כּוונה די חסידים געזאָגט: „ס׳וועט קומען אַ צייט בעיקבתא־דמשיחא, וואָס ס׳וועלן אויפשטיין פאַלשע רביים און „גוטע־ יידן, וואָס וועלן זיין רשעים גמורים, און דאַריבער בין איך טאַקע מתפלל אַט דעם פּסוק פאַר זיי, אז די חסידים זייערע זאָלן ח״ו נישט אַריינפאַלן אין זייער נעץ אַריין.

ג) דער שר פון דער מדינה פּוילן, ציט זיין חיות פון דעם שם „הויה״ וואָס זיין מידה איז „רחמים״, און דער שר פון רוסלאַנד — פונם שם „אלהים״ וואָס זיין מידה איז „דין״.

ד) „סתרו יושר, עצתו אמונה, פּעולתו אמת״. דער יושר פונם אייבערשטן איז ב„סתר״ — באַהאַלטענערהייט, נאָר די עצה איז דער־ צו, די „אמונה״, אַז מען זאָל גלייבן „שפעולו אמת״ — אַז אַלע מעשים פון גאָט זענען אמת.

ה) יעדער מענטש דאַרף אין משך פונם טאָג אַדורכגיין טויזנט וועלטן.

ו) כּדאַי צו פאָרן צו אַן אמתן צדיק אַפילו טויזנטער מיילן, און מבטל זיין פון תורה און תפלה, כּדי נאָר צו הערן איין אמתדיק וואָרט, וואָס גייט אַרויס פונעם מויל פון אַן אמתן צדיק.

ז) „כּי אתה שומע כל פּה״ — אַפילו די תפלות וואָס דער מענטש זאָגט מיטן בלויזן מויל אין האַרץ, הערט אויך גאָט צו.

ח) „טוב תורה עם דרך־ארץ״ — ס׳איז גוט אַזאַ תורה וואָס איז געגליכן מיט איר „דרך״ צו דער „ערד״, וואָרום אַלע דאַרפן די ערד, אַלע געוויקסן וואַקסן אַרויס פון איר, אַלע באַשעפענישן שפּייזן זיך אויף איר, דאָך טוט יעדער איינער מיט דער ערד וואָס זיין האַרץ גלוסט, און צי וועט אַמאָל איינפאַלן די ערד צו זאָגן: „געוואַלד! איך וויל שוין מער נישט אַזוי ליידן פון אייך!״, אַזוי איז אויך גוט די תורה, מיט אַזאַ דרך, אַז אַפילו ווען דער מענטש וועט זיין פול מיט תורה ווי אַ מילגרוים וואָס אַלע וועלן דאַרפן צו אים אָנקומען, דאָך זאָל ער ביי זיך זיין אַזוי קליין ווי די ערד.

ט) די אמתע אהבה, וואָס איז די אַנטפלעקונג פון דער פלאַמענדי־ קער נשמה, ציט נישט איר יניקה פון דער ספירה „חכמה״ און נישט פון דער ספירה „בינה״ נאָר איז אַ טייל פון דער געטלעכקייט אַליין.

י) גאָט מיינער! ניט די יונגע יאָרן בעט איך ביי דיר צוריק, נאָר זייער ברען און התלהבות.

ר׳ נטע פון כעלעם

דאָרפישע פויערים האָבן געמאַכט נטע דעם מלמד פאַר אַ רבין. — מעשיות וואָס ווערן וועגן אים דערציילט. — זיינע חסידים זענען געווען דאָרפס־יידן.

דער רבי ר׳ נטע פון כעלעם איז געווען אַ פאָלקס רבי, וואָס איז אויך פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ „למד וואָווניק", פאַר אַ נסתר, וואָס האָט נישט געוואָלט נתגלה ווערן, ביז דער רבי ר׳ מרדכי נעשכיזער האָט אים געהייסן.

אַ סך חסידישע מעשיות ווערט דערציילט וועגן דעם רבין ר׳ נטע כעלעמער, ווי אַזוי ער האָט אַליין אָפטמאָל ניט געוואָלט מתפלל זיין פאַר אַ חולה, נאָר האָט געהייסן דעם ייד אַליין, אַז ער זאָל מתפלל זיין צום בורא עולם.

דער רבי ר׳ נטע כעלעמער פלעגט האָבן צווישן זיינע חסידים אַ סך אַרענדאַרן און דאָרפס־יידן, פּראָסטאַקעס, און אָפט מאָל פלעגט דער רבי ר׳ נטע זאָגן אַז: ווען אָפילו אַ ייד טייטשט אויס אַ פּסוק אַנדערש ווי דער פּשט איז, אַז אויב ער האָט נאָר דערביי ערלעכע כוונות, קען ער מער העלפן ווי די תפילות פון אַ רבין.

און אָט וואָס די חסידים דערציילן וועגן רבין ר׳ נטע, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ רבי און ווי אַזוי אַ דאָרפס־ייד האָט געהאָלפן יידן צוליב זיין שלעכטן טייטש פון אַ פּסוק:

דער רבי ר׳ נטע — דערציילט די חסידישע לעגענדע איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף ביי אַן אַרענדאַר, לעבן דעם שטעטל וולאָדאַווקע. ער האָט דאָרטן געקנעלט עברי מיט צוויי יינגלעך פון דעם אַרענדאַר, וואָס האָט געהאַלטן אַ שענק און איז געווען אַן אויפזעער איבער אַ פּריצס וואַלד.

ר׳ נטע מלמד האָט אַ גאַנצן טאָג געלערנט מיט די יינגלעך אין אַ שטיבל וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דער שענק, און ביינאַכט, ווען דאָס גאַנצע הויזגעזינט איז שוין געהאַט איינגעשלאָפן, האָט ער געדאַרפט אַרויס־

גיין אין וואַלד אַריין — האַלטן שמירה, אַז די פּויערים זאָלן נישט צו׳גנב׳ע־נען קיין האָלץ פון וואַלד׳

ווען די פּויערים פון דאָרף האָבן זיך דערוואוסט וואָס פאַר אַ גייעם וועכטער זיי האָבן באַקומען, האָבען זיי זיך זייער צעלאַכט און האָבן גע־זאָגט, „מיט אַזאַ זשידלאַק וועלן מיר זיך שוין ווי נישט איז אַן עצה געבן״...

די פּויערים זענען טאַקע באַלד די ערשטע נאַכט, ווען דער מלמד האָט אָנגעהויבן צו האַלטן שמירה, געקומען אין וואַלד מיט זייערע וועגענער און העק און זיך געוואָלט גלייך נעמען צו האַקן ביימער פֿון וואַלד. זיי האָבן פאַר מער זיכערקייט וועגן, זיך איבערגעשריגן פון איין עק וואַלד צום צווייטן, צו הערן צי דער „זשידלאַק״ נטע איז וואַך, אָבער קיין ענטפער איז פון ר׳ נטען ניט געקומען. זענען זיי שוין זיכער געווען, אַז דער וואַלד־שומר ר׳ נטע איז עגערץ־וואו געשמאַק איינגעשלאָפן און זיי האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט...

אָבער ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו האַקן אַ בוים, האָבן זיי פּלוצלונג דערהערט אַ יעמערלעך געוויין, דערציילט די חסידישע לעגענדע, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן וואַלד. פֿון אָנפאַנג האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס וואָיען אַזוי די וואַלד־חיות ביינאַכט, אָבער וואָס מער זיי האָבן גע־האַקט דעם בוים, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האָט זיך דערהערט דאָס געוויין, ווי עס וואָלט אַרויסגעקומען פֿון דעם בוים גופא. דאָס דאָזיקע יעמערלעך געוויין האָט וויכער געמאַכט די הערצער פֿון די פּויערים און זיי האָבן שוין בשום אופן נישט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט, און איינער פון די פּויערים האָט זיך אָנגערופן, אַז מען מוז דערגיין פון וואַנען דאָס געוויין קומט.

האָבן די פּויערים שוין אויפגעהערט צו האַקן דעם בוים און האָבן זיך געלאָזט גיין נאָכן קול פֿון געוויין. אָבער אין וועלכער ריכטונג זיי זע־נען נישט געגאַנגען, האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז דאָס קול קומט פון אַ צווייטער זייט. און דערצו נאָך, וואָס אַמאָל אַלץ העכער און שטאַרקער. איז די זאַך שוין געוואָרן זייער טשיקאַווע און זיי האָבן זיך צעטיילט אין אַ פּאַר גרופּקעס און זיך אַרויסגעלאָזט אין אַלע פיר ריכטונגען פון וואַלד.

אָבער יעדער גרופּע באַזונדער האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס געוויין קומט פון אַן אַנדערער זייט... און אין וואַלד איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ פינצטערער און פינצטערער, און דאָס געוויין האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, ווי הונגעריקע וועלף וואָלטן אָנגעפילט דעם וואַלד, ניין, ווי

הונדערטער מענטשן וואָלטן געיאָמערט אויף אַ גרויסן חורבן... און פּלוצ־לונג, טאַפּטשענדיק אַזוי אין דער שטאָק־פינצטערניש אין וואַלד, האָבן זיי דערזען פון דערווייטנס אַ קליין פייערל אַרויסבלישטשען פון צווישן דיביימער. יעדע גרופּע באַזונדער האָט אָנגעהויבן צוצוגיין צו דעם פּונקט פון וואַנען דאָס פייערל האָט אַרויסגעשיינט, און זיי זענען אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען און וואָס מער זיי זענען געקראָכן אין וואַלד, אַלץ ווייטער האָט זיך דאָס פייער פון זיי אָפּגערוקט און אַלץ נעענטער איז צו זיי דער־גאַנגען דאָס געוויין. אַט אַזוי האָבן זיי אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד אַ גאַנצע נאַכט און ערשט פאַרטאָג זענען זיי צוגעקומען צו אַן אָרט וואו עס איז אַ הייל געווען, און זיי האָבן דערזען, אַז אַ העלע שיין לייכט אַרויס פון דער הייל און פון אינעווייניק פון דער טיפער טיפעניש קומט אַרויס דאָס געוויין, וואָס צערייסט זייערע הערצער אויף שטיקער פאַר ווייטאָג און צער.

איינער פון די פויערים האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און האָט זיך געלאָזט אין דער פאַרלאָזטער הייל, און וואָס האָט ער דערזען? דער „זשידלאָק" נטע איז געלעגן אויף דער הוילער ערד און געמורמעלט עפּעס א תפילה. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אָנגעשאָטן אַש און פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן, און נישט בלויז זענען די אויגן גע־ווען פאַרוויינטע, זיין גאַנצער גוף האָט געוויינט — יעדער אבר באַזונדער, און מיט אים, האָט זיך אויסגעדאַכט, האָבן מיטגעוויינט אַלע ביימער אין וואַלד... און אַרום אים האָט געלויכטן אַ העל פייער, אַ הערלעכע שיין, וואָס האָט זיך געשלענגלט ווי אַ לייכטנדיקער זייל, אין הימל אַריין...

דער פויער איז אַרויס געקומען פון דער הייל און זיי דערציילט, וואָס ער האָט געזען, זענען די פויערים שוין געבליבן אַזוי שטיין פאַרגאַפּט און זיך צוגעהערט צו דער פרעמדער תפילה פון דעם „יידל" נטע, צו זיין אָפּריכטן חצות, און זיי האָבן שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן נאָך וואָס, אייגענטלעך, זיי האָבן זיך אַזוי שפּעט ביינאַכט אַרויסגעלאָזט אין וואַלד אַריין...

און די פויערים זענען אַזוי געשטאַנען פאַר דער הייל און האָבן מיט־געוויינט מיט ר׳ נטען אויף גלות השכינה, ביז זיי האָבן פּלוצלינג דערזען, אַז עס איז טאָג געוואָרן און זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז זיי דאַרפן שוין באַלד צוריק גיין אין דאָרף אַריין אַרבעטן ביים פּריץ אין גוט.

און ווען עס איז שוין גוט טאָג געוואָרן און די פּויערים האָבן געוואָלט אַריינגיין אינעווייניג אין דער הייל אַריין, האָבן זיי דערזען אַז ר׳ נטע ליגט אויסגעצויגן אויף דער הוילער ערד און שלאָפט און לעבן אים ליגט די פּאַרזשאַווערטע ביקס!

האָבן די פּויערים אים איבערגעלאָזט אַ שלאָפנדיקן און זיי זענען שנעל צוריקגעפאָרן אין גוט אַריין און האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּחידושן, פון די וואונדירים וואָס זיי האָבן ביינאַכט געזען אין וואַלד...

און אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ היפּשע צייט. די פּויערים האָבן מער נישט געקאָנט גנב׳ענען אין וואַלד. דאָס געוויין פון ר׳ נטע׳ן האָט זיי נישט געלאָזט. ר׳ נטע אַליין, וואָס האָט געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג מיט די צוויי קינדער פון דעם אַרענדאַר, האָט זיך דערוואוסט פון די שיכור׳ע פּויערים פאַרוואָס עס קומען נישט פאָר קיין גנבות אין וואַלד, ווי אַזוי ער, ר׳ נטע, פאַרפירט די פּויערים מיט זיין האַרציק געוויין אין דער הייל אַריין, פון וואַנען עס שיינט אַרויס אַ פייערל און ווי אַזוי ער „מאַדליעט" זיך דאָרטן מיט אַזוינע בכיות און יללות אַז אַ שטיין קאָן גערירט ווערן...

האָט די אַרענדאַרשע אָנגעהויבן נאָכצוקוקן די דרכים פון ר׳ נטע׳ן, ביז זי האָט טאַקע איינמאָל אַליין דערזען פרייטאָג צונאַכטס, ווען ר׳ נטע איז אין וואַלד נישט אַרויסגעגאַנגען, אַז עפּעס אַ ליכטיקע שיין לייכט אַרויס פון אַלקערל, וואו ר׳ נטע איז געשלאָפן און עס הערט זיך אַרויס זינגען אַ וואונדערלעך געזאַנג, אַ געזאַנג, וואָס קיין מענטשליכע שטימע קאָן אַזוי שוין נישט זינגען, נאָר עפּעס אַ מין מלאכים געזאַנג...

די אַרענדאַרשע האָט נישט געלאָזט אָפּזאָגן דעם מלמד ר׳ נטע פון זיין שטעלע, כאָטש די צוויי יינגלעך פון אַרענדאַר האָבן קיין „קמץ־אלף" זיך נאָך נישט געהאָט אויסגעלערנט. און זי האָט דערציילט איר מאַן, דעם אַרענדאַר, וואָס די פּויערים רעדן וועגן זייער מלמד אין דאָרף, און וואָס זי אַליין האָט איינמאָל פרייטאָג צונאַכטס געזען...

איז אַרויס אַ שם אין דער גאַנצער געגנט, אַז ר׳ נטע איז אַ צדיק. האָט זיך דערוואוסט ר׳ נטע אַליין, וואָס מען רעדט וועגן אים אין דאָרף, איז ער אַוועק צום רבין ר׳ מרדכי נעשכיזער און ער האָט אים דערציילט, וואָס אין דאָרף איז געשען, אַז מען האָט זיך שוין דערוואוסט פון זיינע מעשים און ער וויל דערפאַר אַנטלויפן פון דאָרט. אָבער דער נעשכיזער רבי האָט אים געהייסן פאַרבלייבן ביים אַרענדאַר און זיך ווייטער פירן אַזוי ווי ער האָט זיך ביז איצט געפירט, ווייל זיין גורל איז באַשטימט געוואָרן מן־

השמים, אַז ער זאָל ווערן אַ מנהיג און אַ מליץ־טוב פאַר יידן, ווען די צייט וועט זיין ראוי דערצו.

איז ר׳ נטע ווייטער געבליבן אַ מלמד ביים אַרענדאַר און האָט ביי־טאָג געלערנט מיט די יינגלעך, און ביינאַכט איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה אין דער פאַרלאָזטער הייל אין וואַלד, האָט אָפּגעריכט חצות און געטאָן תפילה...

ביז מען האָט זיך פון זיין צדקות דערוואוסט אויך אין וואָלאָדאַווקע. האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען חסידים פון וואָלאָדאַווקע און פון דער גאַנצער געגנט אַרום צום אַרענדאַר, וואו ר׳ נטע איז געווען מלמד, און דער שם פון ר׳ נטעס גרויסקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און זיינע חסידים האָבן זיך געמערט אין די הונדערטער.

און ר׳ נטע מלמד האָט זיך באַזעצט אין וואָלאָדאַווקע און דערנאָך אין כעלעם און ער איז געוואָרן אַ רבי פון טויזנטער חסידים.

איינמאָל, דערציילט ווייטער די חסידישע לעגענדע, האָט דער אַרענ־דאַר באַשלאָסן צו פאָרן אויף יום כיפור צום רבין ר׳ נטע.

גאַנץ יום כיפור האָט דער רבי אַליין געדאַוונט פאַרן עמוד און האָט זיך געמאַכט נישט דערקענען צו דעם אַרענדאַר. די בכיות און די געוויינען פון דעם רבין ר׳ נטע איז געווען אין לשער. אַלע חסידים האָבן נישט פאַר־שטאַנען וואָס דער רבי וויינט היי־יאָר מער ווי יעדעס יאָר, און זיי האָבן שוין מורא געהאַט, אַז מסתמא זעט דער רבי אַ שווערע גזירה אין הימל וואָס ער דאַרף מבטל זיין.

און ווען עס איז געקומען ביי נעילה צו דער תפילה: „אב ידעך מנוער״ (אונזער פאָטער אברהם, האָט דיך, גאָט, דערקענט פון זיין יוגנט אָן), האָט דער רבי זיך זייער שטאַרק צעוויינט, אַז ער האָט אַזש גערירט דעם פּראָסטן אַרענדאַר, וואָס איז גאַנץ יום כיפור געשטאַנען פאַר׳חוש׳ט און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער רבי מיט די חסידים וויינען אַזוי שטאַרק, און ער האָט זיך איצט אויך צעוויינט מיט ביטערע טרערן. אָבער פּלוצלינג, האָט זיך דאָס פּנים פוגעם רבין צעשטראַלט, און ער האָט אָנגע־הויבן צו זינגען און טאַנצן פאַר שמחה און האָט שוין דאָס דאַווענען נעילה־פאַרענדיקט מיט גרויס חדוה און פריילעכקייט.

זיינען די חסידים געשטאַנען פאַר׳חידוש׳ט און האָבן נישט גע־וואוסט וואָס עס איז געשען.

און מוצאי יום כיפור ביינאַכט, ווען דער רבי האָט געפּראַוועט די סעודה מיט די חסידים, האָט ער צוגערופן צום טיש דעם אַרענדאַר און אים געפרעגט: פאַרוואָס ער האָט זיך היינט פאַרנאַכט אַזוי שטאַרק צע־וויינט ביי דער תפילה: „אב ידעך מנוער".

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — האָט דער אַרענדאַר אָנגעהויבן רעדן אויף זיין דאָרפישן שטייגער — איך האָב פון אייך אַמאָל געהאַלטן, אָבער אַז איך האָב געזען ווי אַזוי איר באַציט זיך צו מיר, ווי אַזוי איר האָט מיך אין גאַנצן פאַרגעסן, האָט עס מיך פאַרצויגן ביים האַרץ און איך האָב זיך צעוויינט. בפרט נאָך ביי דער תפילה „אב ידעך מנוער", איז מיר איינגעפאַלן: פאַרוואָס דאַרף מען מזכיר זיין די אבות כסדר ביי די תפילות? נאָר דער תירוץ איז, אַז תמיד ווען מען איז מזכיר די אבות, ביים יום כפוריקן דאַווענען, קומט צו גיין דער שטן און זאָגט: „אַ קונץ, אַז די אבות האָבן געהאַלטן פון גאָט ווען ער האָט באַוויזן אַזוי פיל נסים? יעדער איינער וואָלט דאָך דעמאָלט געווען געגלויבט אין גאָט". קומט מען צו גיין צו נעילה און מען הויבט אָן זאָגן די תפילה „אב ידעך מנוער", דער טאַטע אַברהם, האָט דיך דערקענט ווען דו, גאָט, ביזט נאָך יונג געווען און דערפאַר דאַרף גאָט אונז העלפן, האָב איך זיך צעוויינט ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויך איך האָב אייך, רבי, דערקענט, ווען איר זענט נאָך יונג געווען, און געקנעלט מיט מיינע קינדער און קיינער האָט פון אייך נאָך נישט געוואוסט און איצט האָט איר אין מיר אין גאַנצן פאַרגעסן..."

האָט דער רבי ר' נטע דערנאָך דערציילט די חסידים, אַז אין הימל איז היינט אַ גרויסע גזירה געווען אָנגעשריבן אויף יידן, און ער אַליין האָט געוואוסט, אַז ער וועט זי נישט קאָנען מבטל זיין; נאָר מיט דער הילף פון דעם דאָרפס־יידן, וואָס האָט הגם שלעכט אויסגעטייטשט דעם פסוק: „אב ידעך מנוער" נאָר מיט אַ ריינער כוונה, איז די גזירה בטל געוואָרן און דערפאַר האָט דער רבי שוין דערנאָך פאַרענדיקט דאָס דאַווענען נעילה מיט שמחה...

און דער רבי האָט אַרויסגענומען אַ זעקל געלט און אָוועקגעגעבן דעם אַרענדאַר און געזאָגט: דאָ האָסטו אַ קליינעם אָפּצאָל פאַר די חסידים וואָס דו האָסט מיט מיר געטאָן, ווען איך בין ביי דיר אין דאָרף געווען און דערפון וועסטו קענען אָפּצאָלן די ערשטע ראַטע דעם פּריץ, און זיי וויסן, אַז דו האָסט געראַטעוועט היי־יאָר אַלע יידן פון אַ שווערער גזירה, בלויז מיט דיין טייטש פון דעם פסוק: „אב ידעך מנוער", און דו האָסט דערמיט אָנגעמאַכט אַ רעש אין הימל, מער ווי אַלע תפילות פון אַלע צדיקי הדור.

ר׳ נחום פֿון האַראָדנע

יונגערהייט איז ער געווען אַ משרת אין אַ גוועלבל, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ גרויסער גאון און... אַ שמש אין חברה ש״ס. — מעשיות, וואָס ווערן וועגן אים דערציילט.

איינער פון די פאָלקס־רביים, וואָס ליטע האט אַרויסגעגעבן, איז געווען דער גרויסער צדיק ר׳ נחומקע קאַפּלאַן פון האַראָדנע, וועלכער האָט געשמט מיט זיין צדקות ניט בלויז אין ליטע, נאָר אויך אין פוילן. ער, דער רבי ר׳ נחום, איז געווען איינער פֿונעם טיפּ רביים, ווי דער גרויסער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער, ר׳ לייב שרהס און ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס מיט זייער אהבת ישראל האָבן זיי נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאַנצער חסידישער עפּאָכע. מיט זיין העלפן אָרעמעלייט, סיי יידן און סיי גויים, האָט ער זיך געקאָנט פאַרגלייכן נאָר צו די ערשטע טיפּן רביים, וועלכע זענען געווען אין די צייטן פֿון בעל־שם־טוב.

וועגן דער גרויסקייט פון רבין ר׳ נחומקע קאַפּלאַן פון האַראָדנע האָבן נישט בלויז געוואוסט די יידן, נאָר אויך די גויים.

פונקט אַזוי ווי די אַנדערע פאָלקס־רביים, האָט אויך דער רבי ר׳ נחומקע ביי קיינעם נישט געלערנט זיין דרך אין יידישקייט, נאָר ער איז געוואָרן אַ צדיק פֿון זיך אַליין, אַליין געפֿונען זיין אייגענעם וועג...

ר׳ נחומקע קאַפּלאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקע״ב (1812) ביי זייער אָרעמע עלטערן. שוין אין זיינע גאָר יונגע יאָרן האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצן פיין פֿון אָרעמקייט. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ווייך געלעגער אונטער זיין קאָפּ. דער פאָטער זיינער גיט אים זייער יונג אַוועק פאַר אַ משרת אין אַ געוועלבל. נחומקע אַרבעט זייער שווער, מוז באַדינען אַלע קונים און אויסשטיין אַלע קאַפּריזן פון דעם בעל־הבית זיינעם. ביינאַכט, ווען מען פאַרמאַכט דאָס געוועלבל, כאַפּט זיך נחומקע אַריין אין דער שניידער־שולכל, וואו אַ מגיד לערנט מיט די „פּראָסטאַקעס״ אַ פרשה חומש און פרק משניות. דאָ פֿאַרגעסט נחומקע אין אַלע צרות,

וואָס ער האָט אויסצושטיין אַ גאַנצן טאָג אין געוועלבל, און זיין גאַנצע האָפענונג איז נאָר, מען זאָל קאָנען וואָס לענגער פאַרבלייבן אין דעם שולכל; אָבער דער בעל הבית לאָזט אים לאַנג דאָרטן נישט זיצן, ער קומט צו גיין און שלעפּט אים אַרויס — ווייל מאָרגן גייט אַ נייער טאָג און נחומקע דאַרף גאַנץ פרי אויפשליסן דאָס געוועלבל און דאָרט האַרעווען אַ גאַנצן טאָג.

נחומקען ציט אָבער מער צו דעם מגיד ווי צו די קונים אין געוועלבל, ביז ער כאַפּט זיך אויף איינמאָל גאַנץ פרי און אַנטלויפט פון שטעטל. ער הויבט אָן וואַנדערן איבער די פאַרשידענע יידישע ישובים ביז ער דער־שלאָגט זיך צו דער וואָלאָזשינער ישיבה. דאָרט זאַפּט ער אין זיך אַריין אַלע זאַפטן פון דער תורה. ער וואַקסט אויס אַן עילוי, אַזוי, אַז די גאַנצע ישיבה שמט מיט אים, אָבער אים ציט אויך צו לערנען קבלה, און דאָס האָט מען נישט קיין סך געלערנט אין וואלאזשין. אים קומט דערפאַר אויס צו לערנען קבלה אַליין. און וואָס אַמאָל ציט אים מער צו „נסתר", ווי צו „נגלה". אין דער ישיבה הויבט מען אָן קוקן אויף אים קרום. פאַר־לאָזט ער וואָלאָזשין און קומט אָן אין אַן אַנדער ישיבה. אַזוי וואַנדערט ער אַרום פון איין מקום תורה צו אַ צווייטן, ביז ער האָט חתונה, און אַלט־זייענדיק צוויי־און־צוואַנציק יאָר קומט ער צוריק קיין האָראַדנע, שוין אַלס גרויסער גאון און מקובל.

ר' נחומקע וויל אָבער נישט מאַכן פון זיין תורה אַ „קרדום לחפור בה", דערפון ציען פרנסה, און אַזוי ווי צו מסחרים האָט ער נישט גע־טויגט, זיצט ער טאָג און נאַכט און לערנט אין דעם בית־המדרש פון דער „חברה ש"ס", און דאָס ווייב זיינס מיט די קינדערלעך זענען זיך מפרנס בדוחק דערפון, וואָס דער שווער זייבער שיקט צו אַמאָל אַ קערבל צי צוויי און דערפון, וואָס זיין ווייב האַלט אַ שטעלכל אויפן מאַרק.

דער שם פון ר' נחומקעס צדקות וואַקסט כסדר אין דער גאַנצער שטאָט. מען הויבט אָן צו אים צו קומען מיט קוויטלעך און זיך פאַר אים אַראָפּרעדן פון האַרץ. ר נחומקע לויפט אַרום איבער דער שטאָט מיט אַ גמרא אין דער האַנט און קלייבט צונויף נדבות פאַר אַ פאַרבאַרגענעם אָרעמאַן און אין דער ליטווישער מתנגדישער האָראַדנע באַווייזט זיך מיט אַמאָל אַ נייער טיפּ צדיק, וואָס איז זייער ענלעך צו די חסידישע רביים פון פוילן. אין שטאָט הויבט מען אָן שטאַרק צו רעדן וועגן זיין גרויסקייט. מען דערציילט פון אים מופתים, און נישט בלויז די יידן הויבן אָן

צו קומען אים פרעגן עצות, נאר אויך קריסטן פון האראדנע און פון די דערפער ארום.

דער דלות אין ר׳ נחומקעס שטוב איז אזוי גרויס, אז די שטאט־בעלי־בתים הויבן אן צו טראכטן אן עצה, ווי אזוי צו שאפן פאר אים א מקור־פרנסה, אבער וואס פאר א קהלשע ארבעט מען שלאגט אים פאר, וויל ער ניט אננעמען; ער וויל ניט ווערן קיין דיין און ניט קיין מלמד און דא האבן די דאקטוירים געזאגט, אז דערפאר, וואס ר׳ נחומקע זיצט טאג און נאכט אויף איין ארט און לערנט, ווערט זיין קערפער אפגעשוואכט און ער מוז עפעס טאן, כדי זיין גוף זאל זיך באוועגן...

האבן געמאכט אן אסיפה די גאונים פון האראדנע: ר׳ העשל אשכנזי, וועלכער איז דערנאך געווארן רב אין לובלין; ר׳ אליעזר לאנ־דוי, דער מחבר פון ספר „דמשק אליעזר״; ר׳ משה יצחק עווריל, דער ראש־ישיבה פון האראדנע, און ר׳ נחום יפה, דער מחבר פון ספר „שאלות ותשובות מהר״ן יפה,״ און זיי האבן באשלאסן, אז ר׳ נחומקע זאל ווערן שמש אין דער „חברה ש״ס.״ אבער ניט קיין סתם שמש, ווי מיר פארשטייען עס היינט, נאר ער זאל באדינען די גאונים, גיין פון איין גאון צום צווייטן און פאר זיי זאגן די שאלות, וואס זענען זיך פארלאפן אין שטאט, כדי די גאונים זאלן האבן צייט מעין צו זיין אין יעדער שאלה און וויסן ווי אזוי צו פסקענען.

און דער רבי ר׳ נחומקע האט זיך דערפרייט, וואס ער האט באקומען אזא ארבעט. ער האט זיין שליחות תמיד אויסגעפירט בשלימות, געגאנ־גען פון איין גאון צום צווייטן מיט די פארשידענע שאלות, און אליין האט ער זיך קיינמאל נישט אנגערופן מיט קיין ווארט, אזוי ווי ער וואלט געווען א פשוטער גראבער יונג. נאר דעמאלט ווען א גאון האט אים געפרעגט, וואס זיין מיינונג איז, דעמאלט ערשט האט ער עניוותדיק אנגעוויזן מיט זיין גרויס גאונישקייט אויף וועלכן ארט די שאלה ווערט געבראכט אין דער גמרא, אדער אין די פוסקים.

דער שמש ר׳ נחומקע האט אבער אויך נישט פארגעסן אן די פארבארגענע ארעמעלייט אין שטאט, און יעדן טאג איז ער ארומגעגאנ־גען איבער די יידישע הייזער און געקליבן נדבות.

און איינמאל — דערציילט מען — זענען יידן געגאנגען אין א פראסטיקער ווינטער־נאכט אין שול־געסל אריין, האבן זיי באמערקט,

ווי אַ ייד ליגט און קאַטשעט זיך כסדר אין שניי, זענען די יידן צוגעגאַנ־גען נענטער, האָבן זיי דערזען, אַז דאָס איז דער שמש ר׳ נחומקע, האָבן זיי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט דאָס — האָט ער זיי געענט־פערט פאַרשעמט, אַז אַזוי ווי עס איז ביינאַכט אַנגעפאַלן אַ סך שניי און די גאַסן־קערער וועלן שוין מער נישט באַווייזן דעם שניי־אָפּצושאַרן, האָט ער מורא, אַז די אָרעמע קינדער וועלן אין דער פרי זיך פאַרקילן, ווען זיי וועלן גיין אין חדר־אַריין מיט זייערע צעריסענע שיך אין טיפן שניי, מאַכט ער אַ וועג מיט זיין גוף, כדי די קינדער זאָלן נישט ליידן פון אַ פאַרקילונג...

און כאָטש ר׳ נחומקע האָט גענומען געלט ביי יידן, האָט ער אָבער פון דעם געלט קיינמאָל נישט נהנה געווען און נאָר געלעבט דערפון, וואָס די בעלי־בתים האָבן אים געגעבן שכירות אַלס שמש אין זייער חברה ש״ס, און זייער אָפט ווען עס איז צו אים אַריינגעקומען אַן אָרעמע יידענע און האָט פאַר אים אָנגעהויבן צו וויינען, אַז זי האָט נישט מיט וואָס צו שפּייזן אירע קינדער, האָט דער צדיק ר׳ נחומקע גענומען דאָס גאַנצע געלט שכירות, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאַט באַקומען און עס איר אַוועקגעגעבן. און ווען עס איז דערנאָך געקומען צו גיין זיין ווייב און האָט אים געבעטן, ער זאָל איר געבן עפּעס געלט איינצוקויפן אויף שבת, האָט ער איר געענטפערט, אַז אַן אַנדערע איז פריער געקומען, וואָס האָט אויך געדאַרפט געלט און ער ווייסט נישט ווער עס איז גע־ווען בילכער...

אַ סך לעגענדעס ווערן דערציילט אין האָראָדנע וועגן דער גרויסער צדקות פון ר׳ נחומקע. מיר וועלן דאָ געבן איין ביישפּיל.

דער פרנס פון דער קהלה, ר׳ יעקב פרומקין, האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל פאַרטאָג געגאַנגען אויפן וועג פון האָראָדנע אין אַ דאָרף אַריין, האָט ער באַגעגנט ר׳ נחומקען ליגען אין אַ קופּע שניי כמעט אין גאַנצן אַ פאַרפרוירענעם, האָט ער אים אויפגעהויבן פון שניי און גע־פרעגט, וואָס ער טוט אַזוי פרי וייט פון דער שטאָט, בעת ער דאַרף גאָר איצט זיין אין דער חברה ש״ס, זעען, אַז עס זאָל דאָרטן זיין ליכטיק און וואַרעם פאַר די יידן, וואָס קומען אַריין אין דער חברה דאַוונען בהשכמה.

דער רבי ר׳ נחומקע האָט אָבער נישט געענטפערט, נאָר געהייסן גלייך דינגען אַ שליטן, ווייל ער דאַרף זייער שנעל זיין צוריק אין

שטאָט. האָט דער פּרנס געדונגען אַ שליטן, און ווען דער רבי האָט זיך אַריינגעזעצט, האָט ער געהייסן דעם אַנטרייבער פֿון די פֿערד פֿאַר־פֿאָרן צו זיין שכנטע, אַ גויע, וואָס האָט געוואוינט לעבן זיין הויז. דער פּרנס האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער רבי וויל טאָן. ער האָט זיך נאָר מער פֿאַרחידושט, ווען ער האָט פּלוצלינג דערזען, אַז פֿון דער גרויסער פּוטערנער קאַפּאָטע, וואָס דער רבי האָט געטראָגן, קוקן אַרויס אַ פּאָר יונגע הינטעלעך. האָט ער זיך מער שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אים געפֿרעגט: „זאָגט מיר רבי, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דרך, גאַנץ פֿרי אַוועקצולויפֿן פֿון שטאָט, טראָגן מיט זיך הינטעלעך און הייסן גאָר פֿאַרפֿאָרן צו אַ גויע?"

„די מעשה איז אַזוי", האָט ר׳ נחומקע געענטפֿערט. „די שכנטע מיינע, די גויע, האָט די נאַכט געהאַט אַ קינד. איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן אַ שוואַכס און עס קאָן נישט אָנכאַפּן די בריסט פֿון דער קינ־פּעטאָרין צו זויגן, האָט זי דערפֿון גרויסע יסורים, ווייל די מילך דריקט איר פֿון אַלע זייטן. און אַזוי ווי איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ביי מיינעם אַ באַקאַנטן, אין נעבנדיקן דאָרף, זענען מיט אַ טאָג פֿריער געבוירן גע־וואָרן הינטעלעך, בין איך אַוועקגעלאָפֿן אין דאָרף אַריין ברענגען די הינ־טעלעך צו דער גויענערין, זיי זאָלן אָפּיצען פֿון איר די מילך... נו, דאַרף מען וואָס פֿריער דאָרטן זיין..."

„אַ שיינעם שמש האָט זיך האָראָדנע אויסגעזוכט!" האָט מען דערנאָך געשמועסט אין דער גאַנצער שטאָט. „ער באַדינט נישט בלויז די יידן פֿון דער חברה ש״ס, נאָר אויך די אָרעמע גויים פֿון שטעטל!"

דער רבי ר׳ נחומקע האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט חתונה מאַ־כען אָרעמע יתומות; ער פֿלעגט כּסדר קלייבן געלט ספּעציעל פֿאַר נדן פֿאַר די חתנים, וואָס האָבן געוואָלט חתונה האָבן מיט די אָרעמע כּלות. און נישט איין חתן האָט טאַקע נישט געוואָלט גיין צו דער חופּה, ביז דער רבי ר׳ נחומקע וועט פֿריער נישט קומען צו דער חופּה און אים צוזאָגן, אַז ער וועט אים אויסצאָלן דעם נדן, וואָס מען האָט אים געהאַט צוגעזאָגט, ווייל געוואוסט האָט דער חתן, אַז אויב דער שמש ר׳ נחומקע וועט אים מבטיח זיין צו געבן נדן, מעג ער שוין דערויף בויען אַ הויז. אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז ר׳ נחומקע וועט זיין הבטחה מקיים זיין.

און איינמאָל, דערציילט מען טאַקע, האָט ר׳ נחומקע זיך מתחייב גע־ווען צו געבן אַ גרויסן נדן צו אַן אָרעמער כּלה. האָט ער אָבער נישט גע־

האָט צו באַצאָלן דעם חוב. איז ער אַריינגעגאַנגען צו אַ יידישן אַדוואָקאַט פון שטאָט און אים געבעטן ער זאָל אים געבן אַ נדבה. דער אַדוואָקאַט איז געוואָרן בייז, וואָס מען פאַרדרייט אים דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכען, אַז ער האָט געגעבן אַ פּאַטש דעם רבין ר׳ נחומקע. האָט זיך ר׳ נחומקע אָפּגערופן גוטמוטיק: „נו, דאָס איז פֿאַר מיר, אָבער וואָס פֿאַר אַ מתנה גיט איר פאַר דער אָרעמער כלה?״

איז דער אַדוואָקאַט געוואָרן נאָך בייזער און ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון זיין הויז. פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ נחומקע האָט ווי־ניט־איז צונויפגעזאַמעלט דעם נדן פאַר דער אָרעמער כלה און מען האָט געשטעלט אַ חופה. אָבער אין טאָג פון דער חופה האָט מען פּלוצלינג דעם אַדוואָקאַט אַרעסטירט, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אַדוואָקאַט האָט געגעבן שוחד, כּאַבאַר, צו אַ ריכטער, וואָס האָט געפירט אַ גרויסן פּראָצעס. האָט מען זיך פון דער מעשה דערוואוסט און מען האָט אים אַרעסטירט און ביי אים צוגענומען זיין גאַנצן פאַרמעגן. די יידן אין האָראָדנע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ מופת פון דעם רבין ר׳ נחומקען. אָבער ר׳ נחומקע אַליין האָט שטילערהייט געשיקט יעדע וואָך אַ געוויסע סומע געלט אין שטוב אַריין פון אַדוואָקאַט, אַז זיין בני־בית זאָלן נישט דאַרפן ליידן קיין הונגער. ער האָט אויך אַריינגעשיקט עסן דעם אַדוואָקאַט אין תּפיסה אַריין און ר׳ נחומקען האָט נאָך אָפּגעקאָסט אַ סך געלט, ביז ער האָט אַרויסגענומען דעם אַדוואָקאַט פון דער תּפיסה.

דער שמש ר׳ נחומקע האָט זיין גאַנץ לעבן זיך עוסק געווען אין צדקה, געגעבן עצות פרעמדע מענטשן און יעדע נאַכט געזאָגט אַ שיעור פאַר די לומדים פון שטאָט, און געלערנט אַ באַזונדערן שיעור מיט די בעלי־מלאכות. און ווען ר׳ נחומקע איז נפטר געוואָרן (ח׳ מרחשון, תּר״מ, 1879), האָט די גאַנצע שטאָט אים באַוויינט. מען האָט פאַרמאַכט אַלע געשעפטן אין שטאָט, אַלע בעלי־מלאכות האָבן אין דעם טאָג נישט געאַרבעט, און אַפילו אַ סך קריסטן האָבן פאַרמאַכט זייערע ווערקשטאָטן, און איבער צען טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליגט אין דער לויה.

און כּדי צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון דעם גרויסן צדיק, האָט די קהלה באַשלאָסן, אַז אַלע קינדער, וואָס וועלן געבוירן ווערן אין האָראָדנע, אַ נאָמען צו געבן נאָך אים — „נחום״. דער דאָזיקער מנהג האָט אין האָראָדנע אָנגעהאַלטן היפּשע עטלעכע יאָר.

אַ רבי וואָס האָט ניט גענומען קיין קוויטלעך

דער רבי ר׳ אַברהמעלע פון טשעכאַנאָוו האָט געדאַוונט „נוסח אשכנז״ און „בהשכמה״. — ער איז קיינמאָל נישט געפאָרן צו קיין רבין. — די „גוטע יידן פון זיין דור האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ בעל מופת. — דער „יוד הקדוש״ פון פשיסכע האָט אים געוואָלט האָבן פאַר אַ חסיד. — זיין דרך אין חסידות.

די גייסטיקע מנהיגים פון חסידות, די רביים, האָבן אַלע געהאַט איין באַשטימטן נוסח, וואָס דאָס איז געווען דער חסידישער נוסח.

יעדער „גוטער־ייד״ האָט טאַקע געקאָנט האָבן זיין אייגענעם דרך אין חסידות, יעדער צדיק האָט געקאָנט אויסטייטשן די חסידישע שיטה לויט זיין שטייגער, אָבער אַלע האָבן זיי געשעפּט פון איין עיקר — פון דעם בעל־שם־טוב.

האָט דאָך דער בעל־שם־טוב אַליין פאַרגליכן זיין חסידישע שיטה צו אַ גרויסן בוים מיט אַ סך צווייגן. אָט די „צווייגן״, די צדיקים, האָבן געזוכט יעדער איינער אויף זיין אופן ווי אַזוי צו דערנענטערן די יידן צו חסידות. האָט איין רבי געלייגט דעם טראָפּ אויף זינגען, טאַנצן, זיך משמח זיין און דאַוונען מיט התלהבות; האָט אַ צווייטער רבי געהאַלטן מער פון סגופים פון אַ סך פאַסטען און זיך אָפּזאָגן פון איבעריקע תענוגים. האָט איין רבי געלערנט, אַז דער צדיק דאַרף זיין אויסגעמישט מיטן פשוטן פאָלק, האָט אַ צווייטער רבי געלערנט, אַז מען דאַרף אָפּריכטן התבודדות, זיין אָפּגעזונדערט. אָבער אַלע האָבן זיי געשעפּט פון איין קוואַל, פון חסידות. און דער עיקר ,אַלע האָבן געהאַט אַ באַשטימטן, קאָנאָניזירטן חסידישען נוסח, ווי, למשל, דאַוונען לויטן נוסח ספרד, זינגען ביים דאַוו־נען, זאָגן תורה ביי די טישן, פירן טישן פאַר די חסידים, נעמען קוויט־לעך און פאַרשידענע אַנדערע חסידישע מנהגים. אַן אויסנאַם אין דער גאַנצער חסידישער באַוועגונג איז געווען דער רבי ר׳ אַברהמעלע לאַנדוי פון טשעכאַנאָוו.

ער איז געווען אַן אָריגינעלער טיפּ צווישן די „גוטע־יידן״ אין פּוילן. ער האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע רביים דערמיט וואָס ער אַליין איז נישט געפאָרן צו קיין רבין, האָט נישט געדאַווענט לויטן נוסח ספרד און נישט געהאַט קיין אייגענע חסידישע קלויז, ער האָט געדאַווענט „בהשכמה״, אין דער שטאָטישער שול, צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם. ער האָט אַפילו נישט גענומען קיין קוויטלעך און פּדיונות. דאָך זענען טויזנטער חסידים צו אים געפאָרן, האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ חסידישן מנהיג. און אַלע צדיקי־הדור האָבן אים שטאַרק פאַרהייליקט.

אַזוי, למשל, האָט דער רבי ר׳ אליהו גוטמאַכער, דער גריידיצער „גוטער־ייד״, אָנגערופן ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער „מלאך ד׳ צבאות״, און פאַרשידענע אַנדערע רביים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער מקובל און בעל מופת.

דערצו נאָך האָט דער רבי ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער צוגעצויגן צו זיך אַ סך לומדים, מתנגדים, וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון דעם חסידישן דרך, האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט פאָרן צו קיין רבין, דאָך האָבן זיי דעם רבין ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער געמאַכט פאַר אַן אויסנאַם און צו אים געקומען.

ווי אַזוי טאַקע איז אַט דער מתנגד׳ישער רבי, ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער, געוואָרן אַ מנהיג פון חסידים?

וועגן דעם דערציילט די חסידישע מעשה אַזוי:

ר׳ אַברהמעלע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תּקנ״א (1791), אין קליינעם שטעטל פאַרנעטשעוו, ביי לענטשנע, אין אַ הויז פון פּשוטע יידן, אָבער פון גרויסן יחוס. די גאַנצע משפחה פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער האָט זיך געגרויסט מיט זייערס אַ זיידן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער צדיק, מען האָט אים גערופן ר׳ בעריש הגדול פון קוטנע.

וועגן דעם דאָזיקן ר׳ בעריש הגדול דערציילט מען, אַז ער איז געווען אַ „נסתר״. אַז פערציק יאָר רצופים, ביז צום טאָג פון זיין פּטירה, איז ער געשלאָפן אויף אַ שטיין.

עס איז אויך פאַראַן אַ לעגענדע, אַז דער גאון ר׳ יונתן אייבעשיץ פון פּראַג האָט געוואָלט וויסן ווער עס וועט זיין זיין חבר אין גן־עדן, ווער עס וועט מיט אים זיצן אין שכנות, האָט מען אים מודיע געווען מן השמים, אַז ר׳ בעריש הגדול פון קוטנע וועט זיין זיין שכן אויף יענער וועלט...

דער פאָטער פון ר׳ אַברהמלע טשעכאַנאָווער איז געווען אַ פשוטער ייד, אַ בעל־הבית, וואָס האָט געהאַט אַ קלייטל אין שטעטל און האָט אין דער פרייער צייט געלערנט אין בית־המדרש.

דער רבי ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער אַליין האָט געפלעגט זאָגן צו זיינע חסידים, אַז ער ווייסט נישט צוליב וואָס עס איז אים געקומען אַזאַ עונש פון הימל, אַז ער זאָל זיין אַנדערש פון זיינע עלטערן, וועלכע זע־נען געווען פשוטע יידן...

דער רבי ר׳ אַברהמעלע האָט אין זיינע יונגע יאָרן נישט געלערנט אין קיין ישיבה, אַזוי ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען אין פוילן, נאָר ער האָט געלערנט „פאַר זיך״ אין בית־המדרש, דאָך האָט ער צו פערצען יאָר שוין געשמט פאַר אַ גרויסן עילוי. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרשידענע גבירים האָבן זיך געריסן איבער אים און אים געוואָלט פאַר אַן איידעם.

האָט זיך וועגן דעם עילוי דערוואוסט אויך אַ גביר פון פלאָצק, האָט ער געשיקט זיין עלטסטן איידעם, ער זאָל פאַרן פאַרהערן דעם חתן־בחור. ער האָט אים אַנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זען, אַז דער יונגער בחור איז טאַקע אַזאַ עילוי ווי די וועלט שמ׳ט מיט אים, זאָל ער אויף גאַרנישט קוקן און זאָל תיכף שליסן דעם שידוך פאַר זיין אינגסטער טאָכטער.

איז ר׳ דן, דער איידעם פון גביר, אַוועקגעפאָרן קיין פאַרנעטשעוו און האָט פאַרהערט דעם בחור אַברהמעלען. ר׳ דן איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון זיינע חריפות און פון זיינע עלויאישע פשטלעך, אָבער אַזוי ווי ר׳ דן האָט אַליין געהאַט אַ טאָכטער אין שידוכים און ער איז אויך געווען אַ גרויסער עושר, האָט ער זיך געטראַכט: צו וואָס אַוועקגעבן אַזאַ עילוי צו אַן אַנדערן? האָט ער אַליין צוגעזאָגט אַ גרויסן נדן און באַלד אויף דעם אָרט פאַרקנסט זיין טאָכטער איטעלע פאַר דער פאַרנעטשעווער עילוי...

ווען ר׳ דן איז צוריקגעקומען קיין פלאָצק האָט זיין שווער זיך גע־וואָלט דערוויסן ווי אַזוי דער עילוי איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ר׳ דן אָפּגעפּטרט זיין שווער מיט „שהי־פּהי״ און האָט אים געזאָגט פאַרשידענע תירוצים, אַז דער בחור איז גאָרנישט אַזאַ עילוי ווי מען זאָגט אויף אים, און אַז ער האָט געהערט וועגן אַ צווייטן עילוי אין אַ דערבייאיק שטעטל, וואָס איז באמת אַ גרויסער למדן און ער וועט זיין זייער צוגעפּאַסט פאַרן שווערס טאָכטער. און ר׳ דן האָט נישט מגלה סוד געווען דעם שווער זיי־נעם, אַז ער אַליין האָט געטאָן דעם שידוך מיט דעם פאַרנעטשעווער עלוי.

אָבער ווי לאַנג קאָן מען האַלטן אַזאַ סוד ? האָט זיך דער שווער מיט דער צייט דערוואוסט, אַז דער איידעם זיינער, ר׳ דן, האָט אים אָפּגענאַרט, און אַז ער האָט דעם שידוך געטאָן פאַר זיין טאָכטער איטעלען. נו, קאָן מען זיך פאָרשטעלן דעם כעס פון ר׳ דנ׳ס שווער. ער האָט געשטורעמט און פאַרלאַנגט, אַז זיין איידעם זאָל אָפּלאָזן דעם שידוך. דאָס גבירישע הויז איז געגאַנגען אויף רעדער. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקה צווי־שען שווער און איידעם, וואָס האָט שיער נישט געשמעקט מיט איינעם דעם צווייטן צו מאַכן פאַר אַן אָרעמאַן, ביז דער סוף איז געווען, אַז שווער און איידעם האָט מסכים געווען, אַז זיי גייען צו אַ דין־תורה.

האָט מען זיך אָבער נישט געקאָנט אייניקן ביי וועלכן רב צו האַלטן דעם דין־תורה, איז געבליבן, אַז זיי זאָלן האָבן דעם דין־תורה ביי דעם חתן גופא, און ווי ער וועט פסק׳ענען אַזוי זאָל פאַרבלייבן .

האָט דער יונגער חתן אברהמל שטאַרק מעין געווען אין דעם ענין און ער האָט געפּסקנט, אַז אַזוי ווי ר׳ דן האָט זיך מיט אים משדך געווען, איז מן הסתם דאָס געווען אַ זיווג מן השמים, דאַרף ער שוין נישט אָפּלאָזן דעם שידוך.

און כך הוה: דער גרויסער עילוי, ר׳ אברהמל, איז געבליבן ר׳ דנ׳ס איידעם.

ר׳ אברהמל האָט נאָך דער חתונה געגעסן קעסט ביי זיין שווער, ר׳ דן לאַנדוי. ער האָט דעם שווער אַזוי ליב געהאַט, אַז ער אַליין האָט אָנגע־הויבן זיך צו חתמענען זיין פאַמיליע־נאָמען „לאַנדוי״.

אין פלאָצק האָט ר׳ אברהמל זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט חסידישע יונגעלייט, וועלכע זענען געווען חסידים, האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו־צורעדן, אַז אויך ער זאָל פאָרן צו אַ רבין, אָבער דער שווער זיינער איז געווען אַ שטאַרקער מתנגד און ער האָט אויף אים גוזר געווען, ער זאָל נישט ווערן קיין חסיד. איז ר׳ אברהמל געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה אין פלאָצקער בית־המדרש און האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די חסידישע יונגעלייטלעך.

דערוויל האָט זיך דער „יוד הקדוש״ פון פשיסכע דערוואוסט וועגן דעם „פלאָצקער עילוי״ און ער האָט אים שטאַרק געוואָלט האָבן פאַר אַ חסיד. עס איז אין יענער צייט געווען אָנגענומען צו איבעררעדן די גבירי־שע יונגעלייטלעך, זיי זאָלן זיך „באַהעפטן״ מיט אַ רבין. רייכע איידעמ־

לעך פּלעגן פאַרלאָזן זייערע יונגע ווייבלעך און די גבירישע קעסט און אַנטלויפן צו אַ רבין. דאָרט פלעגן זיי ווערן „יושבים" אויף אַ פּאָר יאָר.

האָט דער „יוד הקדוש" באַפוילן צו איינעם פון זיינע געהויבענע חסידים אין פּלאָצק, ער זאָל זעען ווירקן אויף דעם „פּלאָצקער עילוי", ער זאָל קומען צו אים אויף אַ שבת. און איינער פון די געהויבענע פשיס־כער חסידים האָט גענומען אויף זיך די עבודה צו באַאיינפלוסן דעם פּלאָצקער עילוי. ער האָט מיט אים אַזוי לאַנג געהאַט שמועסן וועגן חסידות, אַז ר' אברהמל האָט שוין מסכים געווען צו פאָרן קיין פשיסכע. זיי האָבן געהאַט אָפּגעשמועסט, זיי זאָלן גייען צו דער וויסל און פון דאָרט וועלן זיי פאָרן קיין פשיסכע. אָבער דערפון האָט זיך דערוואוסט זיין שווער ר' דן און ער איז געווען אַזאַ פאַרביסענער מתנגד, אַז ער האָט נאָך זיין איידעם נאָכגעשיקט פּאָליציי און מיט גוואלד האָט מען אים צוריק־געבראַכט אַהיים.

דער רבי ר' אברהמעלע טשעכאַנאָווער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געקאָנט מוחל זיין זיין שווער וואָס ער האָט אים נישט געלאָזט פאָרן צום יוד הקדוש, און ער האָט געזאָגט, אַז לאחר מאה ועשרים שנה, אויף יע־נער וועלט, וועט ער רופן זיין שווער צו אַ דין־תורה פאַרן בית־דין של מעלה.

אין עלטער פון עטלעכע און דרייסיק יאָר איז ר' אברהמעלע געוואָ־רען רב אין טשעכאַנאָוו.

דאָ האָט ער זיך שוין באַפרייט פון זיין שווערס מתנגדישן דרך און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פירן אויף זיין אייגענאַרטיקן אופן. ער האָט גע־דאַוונט „בהשכמה", אָבער ער פלעגט דאַוונען זייער לאַנג; דער נוסח התפילה איז טאַקע געווען „אַשכנז", אָבער זיינע בכיות און קולות ביים דאַוונען זענען געווען אַזוי גרויס, אַז חסידים פון אַנדערע רביים האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם מתנגדישן רב, ר' אברהמעלע ווי אויף אַ חסידישן מנהיג, און מיט דער צייט איז ר' אברהמעלע געקרוינט געוואָרן פאַר אַ רבין, כאָטש ער אַליין איז קיינמאָל צו קיין רבין נישט געפאָרן.

ווען ר' אברהמעלע איז שוין געווען אַ רבי, האָט ער אויך נישט גע־וואָלט לערנען אַ דרך אין חסידות פון אַן אַנדערן רבין. חסידים דערציילן, אַז דער רבי ר' בונם פון פשיסכע, דער תלמיד פון יוד הקדוש, האָט אַמאָל פאַרבעטן צו זיך ר' אברהמעלע טשעכאַנאָווער. ער האָט אים באַפוילן, אַז ער מיט זיין ווייב, די רביצין רבקהלע, וועלן פאַרלאָזן די שטוב, כדי ר'

אברהמעלע זאָל קאָנען דאַווענען ווי אַזוי און ווי לאַנג ער וועט וועלן, אָבער ר׳ אברהמעלע האָט זיך געהאַלטן אין זיין מדרגה און ער האָט צו קיין שום רבין נישט געוואָלט פאָרן.

דער דרך פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער פלעגט זיין, אַז ער פלעגט אַנווינטשן יעדן יידן, וואָס איז געקומען צו אים זיך מזכיר זיין. קיין קוויטלעך מיט פדיונות, ווי אַנדערע רביים, האָט ער נישט גענומען. די חסידים פלעגען אָבער איבערלאָזן אַ פּאָר גראָשן דער רביצין איטעלע, וועלכע האָט דאָס גאַנצע געלט יעדן טאָג פאַרטיילט צו די אָרעמעלייט.

אָבער דערפאַר זענען זיינע פיר זין געוואָרן חסידים פון פרעמדע רביים. אַזוי איז זיין זון ר׳ וואָלף סטריקאָווער געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון קאָצקער רבין, און דערנאָך אַליין געוואָרן אַ רבי. זיין זון ר׳ בעריש איז געווען אַ שטאַרקער מקורב פון רבין ר׳ איציקל וואָרקער און דערנאָך אויך געוואָרן רבי אין ביאַלע.

דער רבי ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ה (1875), אין עלטער פון 89 יאָר.

אַ סך כתב־יד׳ן זענען פון אים פאַרבליבן. ביז איצט זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן דריי ספרים: „זכות אברהם״, „בית אברהם״ און „אהבת חסד״.

פון די פיר זון זיינע איז דער עלטצטער, ר׳ יאַנקעלע באַשעלסקער, געוואָרן רב אין טשעכאַנאָוו. דער צווייטער זון ר׳ וואָלף איז געוואָרן רבי אין סטריקאָוו. צו אים זענען געפאָרן אַ סך גרויסע רביים און דער גרעס־טער מקרוב זיינער איז געווען דער גאָסטינינער רבי.

דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער איז געווען כמעט דער איינציקער רבי אין פוילן, וואָס האָט געשריבן העברעישע שירים און מליצות (אויך דער אַלעקסאַנדערער רבי פלעגט שרייבן שירים). אַ סך פון זיינע שירים זענען נאָך זיין פטירה פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין עטלעכע קונטריסים, צוזאַמען מיט זיינע בריוו צו מקורבים און פריינט.

דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער איז געווען אַ רבי און א סוחר. ער האָט געפירט גרויסע מסחרים צוזאַמען מיט זיינע חסידים. ער האָט גע־האָט איינגעפירט אַ מנהג, אַז אין יעדן געשעפט, וואו ער איז געווען אַ שותף האָבן געמוזט זיין באַשעפטיקט בלויז יידן. איז עס געווען אַ וואַלד־געשעפט האָבן די מעסטערס, רעכן־מייסטערס און וואַלד־האַקערס געמוזט זיין יידן. דאָס זעלבע אויך אין אַנדערע מסחרים.

צווישן זיינע שירים איז אויך פאַראַן אַ שיר צו זיינס אַ פריינט, זיין לייב־דאָקטאר בלאָך, געשריבן צו אים, ווען ער האָט פאַרלאָזט סטרי־קאָוו און זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָדז.

דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער איז נסתלק געוואָרן אין יאָר תּרנ״ח (1891), אין עלטער פון 83 יאָר.

נאָך זיין פּטירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן זיינס אַ ספר „זר זהב כתר תּורה״, אויף תּורה, מיט הגהות און הוספות פון זיין זון ר׳ מאטעלע.

דער דריטער זון פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער איז געווען ר׳ בער־ריש, דער ביאַלער רבי. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען פּאַראַליזירט אויף אַ האַנט און ער איז נפטר געוואָרן ווען ער אין גאַנצן אַלט געווען 54 יאָר. (תּרל״ו — 1876). נאָך זיין פּטירה האָט זיך זיין גאַנצער עולם איבערגע־טראָגן צו זיין הויפּט תּלמיד ר׳ יחיאל פון אַלעקסאַנדער.

דער פערטער זון פון דעם רבין ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער איז גע־ווען ר׳ רפאל ווענגראָווער. ער איז געווען פון דעם טיפּ וואָנדער־רביים און „שיינע יידן״, וואָס פלעגן אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטעטל.

אַ רבי אַ דאָקטאָר

דער זאַלושינער רבי, ד״ר דוד בערנאַרד. — לויט דער לעגענדע איז ער אין די יונגע יאָרן געווען אַן אַפּיציר. — ער איז געווען אַ דאָקטאָר אין פאַרשידענע רבישע הויפן. — דערנאָך אַליין געוואָרן אַ רבי.

גוטע־יידן, וואָס האָבן געהיילט חולאים מיט פאַרשידענע רפואות און סגולות, זיינען געווען אַ סך. איז דאָך דער בעל־שם־טוב אַליין געווען אַ מין פאָלקס־דאָקטאָר, וועלכער האָט געהיילט די גופים פון די קראַנקע יידן מיט פאַרשידענע קרייטעכצער און זייערע נשמות מיט דעם נייעם דרך אין חסידות. אָבער דער פאָלקס־רבי, דער זאַלושינער דאָקטאָר, איז געווען אַ דאָקטאָר ממש, וואָס האָט געענדיקט אַן אוניווערזיטעט, געווען אַ לייב־אַרצט ביי אַ פוילישן גענעראַל און דערצו נאָך האָט דער דאָזיקער פאָלקס־רבי אין זיינע יונגע יאָרן אַפילו נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ איד...

ד״ר דוד בערנאַרד — דאָס איז דער נאָמען פון דעם זאַלושינער רבין. ער האָט געשטאַמט פון גאַליציע. דער פאָטער זיינער, יששכר־בער, האָט געהאַלטן אַ פּראָפּינאַציע אין אַ דאָרף, און ווען דאָס קינד דוד איז אין גאַנצן אַלט געווען דריי יאָר, דערציילט די חסידישע לעגענדע, איז ער צוגעגנבעט געוואָרן פון זיין פאָטערס הויז און איז אָוועקגעפירט געוואָרן צו אַ פריץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער.

דער פריץ האָט צוגענומען צו דעם קינד קריסטליכע לערער, און מען האָט דעם קינד קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט, אַז ער שטאַמט פון יידן.

און אַזוי ווי דער קליינער דוד בערנאַרד האט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, האָט דער פריץ געוואָלט, ער זאָל שטודירן און ווערן אַ געלערנטער מענש.

דער פריץ האָט אים געשיקט קיין קראָקע צו לערנען אין דער גימנאַזיע, און דערנאָך האט ער אים געשיקט שטודירן מעדיצין אין דער אוניווערזיטעט אין ברעסלאַו.

ווען בערנאַרד האָט געענדיקט די אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר, איז ער אַריינגעטרעטן אין פּוילישן מיליטער, געוואָרן אַן אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי און דערנאָך דער לייב־אַרצט פון דעם גענעראַל זאַיאָנטשעק, וועלכער איז דאַן געווען דער נאַמיעסטניק אין פּוילן.

און דאָ שפּינט די חסידישע פאַנטאַזיע זעהר אַ שיינע לעגענדע: דער יונגער אָפיציר דר. בערנאַרד האָט זיך פאַרליבט אין דער באָנע פון גע־נעראַל, וואָס מען האָט זי גערופן די „שיינע העלענאַ". דר. בערנאַרד איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט זי בעטן, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, וועט זי מסכים זיין דערויף. אָבער די "שיינע העלענאַ" האָט אים אָפּגע־זאָגט, כאָטש זי האָט אים אין האַרצן ליב געהאַט, צוליב אָט דעם טעם:

די „שיינע העלענאַ" איז געווען אַ יידיש קינד. זי האָט אין געהיים אָפּגעהיט יידישקייט, האָט זי נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַן אָפיציר אַ קריסט.

דער יונגער אָפיציר דר. בערנאַרד האָט זיך געפילט זעהר גע־קרענקט, וואָס די „שיינע העלענאַ" וויל מיט אים ניט חתונה האָבן. און ווען ער איז צו איר צוגעשטאַנען און האָט זי געבעטן זי זאָל אים זאָגן די סיבה פון נישט וועלן ווערן זיין ווייב, האָט זי אים מגלה סוד געווען ווער זי איז, און אַז זי וויל האָבן אַ מאַן אַ יידן.

און דאָ איז פאָרגעקומען מיט דר. בערנאַרדן אַ מוראַדיקער פאַל — דערציילט די חסידישע לעגענדע. עס האָט זיך אים פּלוצלינג אָנגעהויבן צו חלומען אויסטערלישע חלומות. איינער שרעקלעכער פון דעם אַנ־דערן, און אַלע האָבן זיך געדרייט אַרום איין ענין, נעמליך: אין חלום זאָגט אים אַ פּרוי, אַז זי איז זיין מוטער און זי איז אים מגלה סוד, אַז ער איז אַ יידיש קינד, וואָס איז צוגעגנבעט געוואָרן פון זיינע עלטערן יונגערהייט... און אַז זי קאָן נישט רוען אין איר קבר ביז ער וועט איר נישט צוזאָגן, אַז ער וועט ווערן צוריק אַ ייד...

האָבן די חלומות געקלעמט דאָס האַרץ פון דעם יונגן אָפיציר, ביז ער האָט זיי דערציילט דער „שיינער העלענאַן".

און דר. בערנאַרד איז דערנאָך אַוועק צו א רב און ער האָט אויס־געפונען, אַז ער איז אַ ייד, און ער האָט חתונה געהאַט מיט דער „שיינער העלענאַ", וועלכע האט זיך דערנאָך גערופן „הדסה". ער איז נאָך אַ שטי־קעל צייט געווען אין דער פּוילישער אַרמיי, האט מיטגעמאַכט די

שווערע מלחמה אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם גרויסן פּרייהייטס־קעמ־פער קאָשטשושקאָ אין דער אַנטשיידונג שלאַכט ביי וראַצלאַוויצע.

נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן איז דר. בערנאַרד אַרויס פון מיליטער־דינסט און האָט זיך באַזעצט אין זאַלושין, אַ שטעטל לעבן דער דייטשער גרענעץ. ער האָט זיך גערופן דר. דוד בערנאַרד. אין זאַלושין האָט דר. בערנאַרד זיך אויפגעפירט ווי א דייטשער ייד, האָט זיך נישט געחברט מיט די שטעטלדיקע יידן. און זיין יידישקייט איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס ער איז איינמאָל אין יאָר, יום כפּור, געגאַנגען דאַווענען אין שול אַריין.

עס איז ניט באַקאַנט, ווי לאַנג דר. בערנאַרד האָט געוואוינט אין זאַלושין און פאַרוואָס ער האָט זיך איבערגעצויגן פון דאָרט קיין פּיעטריקאָוו. אויך אין פּיעטריקאָוו האָט ער געלעבט אָפּגעזונדערט פון דעם פשוטן המון־עם, הגם ער האט געוואוינט לעבן דער שול־גאַס, נישט אין „מקום״, וואו ס׳האָבן געוואוינט די אַריסטאָקראַטן.

זיין שם אַלס גרויסער דאָקטאָר איז געגאַנגען זייער ווייט. ער האָט קיין סך געלד פאַר אַ באַזוך נישט גענומען. אָבער איין פּרינציפּ האָט ער גע־האַט: מען האט אים געמוזט באַצאָלן פאַר אַ וויזיט, ווי אָרים אַ מענטש האָט נישט געזאָלט זיין. (די דאָזיקע מידה האָט ער אָנגעהאַלטן נאָך אפילו דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען אַ רבי און אַ דאָקטאָר. אַ קוויטל האָט ער גענומען אָן אַ פּדיון, אָבער אונטערזוכן דעמזעלבן מענטשן — פאַר דעם האָט ער שוין פאַרלאַנגט באַצאָלט). אָפּטמאָל האָט ער דעם חולה דערנאָך מער געגעבן, וויפיל יענער אָט באַצאָלט פאַר זיין וויזיט. אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז ווען מען באַצאָלט אַ דאָקטאָר, האָט דער חולה מער צוטרוי צו אים, און דערפאַר ווערט ער שנעלער געזונט.

אָבער קיינעם אין פּיעטריקאָוו וואָלט נישט איינגעפאַלן, אַז אָט דער דר. בערנאַרד וועט מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין א חסידישן רבין, און אַז ער וועט פירן די רביסטווע מיט אַלע פּישטשעווקעס...

ווי אַזוי איז דאָס טאַקע געשען? ווי אַזוי האָט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז אַ דאָקטאָר זאָל מגולגל ווערן אין אַ גוטן־יידן? אָט וועגן דעם דער־ציילן אַלטע חסידישע מעשיות, אַז דער רבי ר׳ דוד׳ל לעלעווער האָט אים געמאכט פאַר אַ בעל־תשובה און אים דערנאָך געקרוינט פאַר א רבין.

און געשען איז עס אַזוי:

דר. בערנאַרד פלעגט אָפט גערופן ווערן אין פאַרשידענע רבישע הויפֿן. איינמאָל באַקומט ער אַ ידיעה, אַז דער רבי ר׳ דודל לעלע־ווער איז קראַנק און ער וויל, אַז ער זאָל צו אים קומען. האָט דר. בער־נאַרד גלייך געכאַפּט פערד און וואָגן און געפאָרן צו ר׳ דודלען. ער האָט דעם רבין אונטערזוכט און אים פאַרשריבן אַ רעצעפּט. פאַרן אַוועקגיין האָט אים דער רבי ר׳ דודל געפרעגט, ווי אַזוי ער פירט זיך אויף אין יידישקייט. דר. בערנאַרד האָט נישט געוואָלט מצער זיין דעם רבין און ער האָט געשוויגן. האָט דער רבי ר׳ דודל לעלעווער א שווערן זיפץ גע־טאָן און געזאָגט:

„ר׳ דוד, איך ברויך אַ רפֿואת הגוף, האָב איך געשיקט נאָך אייך. איר אָבער דאַרפט א רפואת הנפש — און ווער וועט אייך היילען?...״

און מער האָט דער רבי ר׳ דודל מיט אים נישט גערעדט. אָבער די דאָזיקע פאָר ווערטער זיינען אַזוי אַריינגעדרונגען אין האַרצן פון דר. בערנאַרד, אַז ער האָט שוין דערנאָך מער נישט געקאָנט רוען. וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען, האָבן אים די דאָזיקע ווערטער געקלונגען אין די אויערן.

דר. בערנאַרד איז שוין דערנאָך אָפטער געפאָרן צום רבין ר׳ דודל לעלעווער.

און איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט די גאַנצע שטאָט זיך דערוואוסט, אַז דר. בערנאַרד איז געוואָרן אַ בעל־תשובה; אַז ער און זיין ווייב האָבן צעבראָכן אַלע טעלער אין שטוב, האָבן אַרויסגעוואָרפן דאָס גאַנצע טריפהנע געשיר און געקויפט נייע כלים...

דר. בערנאַרד האָט זיך דערנאָך געלאָזט וואַקסן אַ באָרד און פיאות. און אַזוי איז ער ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־רבי. דער רבי ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ פון לובלין, גערופן דער „חוזה״, און ר׳ דודל לעלעווער האָבן אים שטאַרק מקרב געווען. ר׳ דודל לעלעווער אַליין פלעגט שיקן צו אים חסידים, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן ביי אים אונ־טערזוכן און אויך ער אַליין האָט אים געגעבן אַ קוויטל.

אַזוי אַרום האָט דער רבי ר׳ דודל לעלעווער אים געקרוינט פאַר אַ רבין.

דער פאָלקס־רבי, דר. בערנאַרד, איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין דער וואָכן אין אַ ראָצעמאָרענער ראַזשיווילקע און שבת אין זיידענע בגדים

און אין אַ שטריימל. ער האָט שבת געפירט טישן, געטיילט שיריים, געמאַכט קידוש פֿרייטאָג־צו־נאַכטס אין אַ טלית, און זיך געוואָשן איבער י״ב חלהלעך.

קיין סגולות און קמיעות האָט דער רבי דר. בערנאַרד נישט געגעבן. האָט ווער אין קוויטל אריינגעשריבן, אַז ער איז קראַנק, האָט ער אים גע־וואונשן א רפואה שלימה און דערנאָך אים אונטערזוכט און אים פאַרשריבן אַ רעצעפּט. און דער חולה האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס עס האָט געהאַט מער ווירקונג — דעם רבינס ברכה, צי דער רעצעפּט, וואָס ער האָט פאַרשריבן...

ביים רבין דר. בערנאַרד זענען אין משך פון פיר וואָכן אויסגע־שטאָרבן צוועלף קינדער — ווערט דערציילט, ווייל אַזוי איז נגזר געוואָרן מן השמים...

ער האָט דערנאָך מיט זיין ווייב הדסה געהאַט אַ זון, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן נאָכן „חוזה״ פֿון לובלין — יעקב יצחק, און ער האָט דערנאָך אויך געהאַט צוויי טעכטער. איינע פון זיי, הינדע לאה, איז געווען אַן אָקו־שערקע אין פּיעטריקאָוו.

חסידים דערציילן אויך, אַז צווישן די פיל יידן, וואָס זיינען גע־קומען צום רבין דר. בערנאַרד זיך היילן, איז איינמאָל געקומען אַן אַלטער ייד מיט אַ קוויטל. ווען דער גוטער־ייד דר. בערנאַרד האָט אַריינגעקוקט אין קוויטל און האָט געלייענט דעם נאָמען „יששכר־בער בן הינדע לאה״, האָט ער זיך מיט אים צעשמועסט ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. און דער טאַטע האָט דערקענט דעם פאַרלוירענעם זון זיינעם, וואָס מ׳האָט ביי אים געהאַט צוגערויבט, ווען דאָס קינד איז אַלט געווען דריי יאָר.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די שמחה, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם רבינס הויף. אַלע חסידים האָבן געשטעלט משקה, מען האָט גע־פּראַוועט אַ סעודה, און דער פּיעטריקאָווער רבי דר. בערנאַרד האָט שוין זיין פאָטער נישט געלאָזט מער צוריקפאָרן, נאָר ער האָט אים גע־האַלטן ביי זיך אין הויז.

דער פֿאָטער זיינער איז געשטאָרבן אין פּיעטריקאָוו ה׳ טבת, תקפ״ו (1826). אויף דער מצבה שטייט אָנגעשריבן יששכר בער בן דוד. ס׳ווערט נישט דערמאָנט, אַז דער גוטער־ייד דר. בערנאַרד איז זיין זון.

די פרוי פון דר. בערנאַרד איז געשטאָרבן כ״ט כסלו, תר״ה. אויף איר מצבה שטייט נישט אָנגעשריבן, אַז זי איז געווען דאָס ווייב פון דעם פיעטריקאָווער רבין.

דער רבי אַליין האָט דערנאָך גענומען אַ צווייט ווייב און מיט איר געלעבט אַ קורצע צייט און דערנאָך זיך געגט.

דער רבי דר. בערנאַרד אַליין איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 80 יאָר, כ׳ שבט, תרי״ח (1868). אין זיין אוהל, וואָס די חסידים האָבן אויפֿגעשטעלט, האָט זיך געפֿונען, אויף דער רעכטער זייט פֿון דער וואַנט, אַן אויפשריפט: הרב הצדיק ר׳ דוד בן ר׳ יששכר דוב ז״ל. נפטר כ׳ שבט תרי״ח.

דער פֿאָלקס־רבי, דער „ברוקאַזש" פֿון פּיעטריקאָוו

די לעגענדעס וואָס עס ווערן דערציילט וועגן דעם רבין, וואָס האָט ברוקירט די גאַסן. — מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז געווען איינער פֿון די למד־וואָוו צדיקים. — אין די יונגע יאָרן איז ער אַרומגעפּאָרן מיט בעטלערס איבער דער מדינה. — ער ברוקירט די גאַסן איינגעבויגענערהייט, כּדי ער זאָל נישט דאַרפֿן קניען.

ווער עס איז געווען באמת דער רבי, דער „ברוקאַזש", וואָס האָט געפֿירט די רביסטווע אין פּעטריקאָוו און אין דער גאַנצער סביבה אַרום, איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אַ סוד.

מען ווייסט נישט פֿון וואו ער איז געקומען און וואו ער האָט זיך אויפֿגעצויגן. מוז מען זיך צוהערן צו דער חסידישער לעגענדע, וועלכע דערציילט, אַז געבוירן געוואָרן איז דער „ברוקאַזש" אין מעזריטש. (לויט אַ צווייטער ווערסיע, אין שטעטל שניאדעוו). זייענדיק נאָך זייער יונג, איז ער געוואָרן אַ יתום. האָט זיך דאָס קליינע יתומל, משהלע, געלאָזט אין דער ברייטער וועלט אַריין זוכן אַ תּכלית. האָט ער אַזוי געוואַנדערט פֿון שטאָט צו שטעטל, זיך געחבר׳ט מיט די שלעפּערס און אָרעמעלייט, געווען תּמיד נע־ונד, וואו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט. האָט ער זיך צווישן די בעטלערס אָנגעהערט פֿאַרשידענע מעשׂיות פֿון, די „למד־וואָוו־צדיקים" אויף וועמעס פּלייצעס עס האַלט זיך די וועלט, און אַז זיי אַליין מוזן תּמיד זיין פֿאַרשטעלט און בעטן נדבות, האָט זיך אין דער יונגער נשמה פֿון דעם יתומל דערוועקט אַ גרויסער חשק אויך צו ווערן איינער פֿון די למד־וואָוו־צדיקים. קומט ער אַמאָל אָן אין אַ שטעטל אַריין מיט אַ בויד אָרעמעלייט, הערט ער, אַז אין שטעטל זוכט מען בעלי־מלאכות, וועלכע קאָנען ברוקירן די גאַסן, ווערט אים נמאס צו וואַנדערן ווייטער מיט די אָרעמעלייט, וויל ער זיין אַליין פֿאַר זיך און ער הויבט אָן צו טראָגן שטיינער צום ברוקירן.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט לערנט ער זיך אויס די מלאכה און ווערט אַ ברוקאַזש.

פֿאַרשפּרייט זיך אַ שם אין שטעטל, אַז דער פֿרעמדער יידישער ברוקאַזש וויל ניט קניען ביי דער אַרבעט, נאָר ער ברוקירט די גאַסן איינגעבויגענערהייט, הויבט מען אָן נאָכצוקוקן דאָס התנהגות פֿון דעם ברוקאַזש, זעט מען, אַז ווען ער פֿאַרענדיקט די אַרבעט, גייט ער אַוועק פֿון שטאָט אין אַ פֿאַרלאָזטער חורבה, וועלכע געפֿינט זיך אין אַ וואַלד.

האָבן יידן אָנגעהויבן זיך צו חידושן אויף דעם פֿרעמדן ברוקאַזש. פֿרעגט מען אים ווער ער איז, וויל ער נישט ענטפֿערן; פֿרעגט מען אים ווייטער, פֿאַרוואָס מען זעט אים נישט קיינמאָל אַריינקומען אין בית־המדרש אַריין, ענטפֿערט ער: אַז אין בית־המדרש דאַווענען שוין גענוג יידן, אָבער אין וואַלד דאַוונט קיינער נישט...

זעט מען שוין באַשיינפּערלעך, אַז דער ברוקאַזש איז אַ נסתר, אַ למד־וואָווניק. פֿאָרן חסידים צום קאָזשעניצער מגיד, דערציילן זיי אים פֿון דעם אויסטערלישן ברוקאַזש וואָס געפֿינט זיך ביי זיי אין שטעטל. הייסט דער קאָזשעניצער מגיד אים גלייך ברענגען צו זיך. ער וויל אים זען מיט זיינע אייגענע אויגן. פֿאָרן חסידים צוריק אַהיים, אָבער דער ברוקאַזש איז שוין מער נישט געווען. פֿרעגט מען זיך נאָך אומעטום: האָט ווער ניט איז געזען דעם ברוקאַזש? ווייסט קיינער ניט וואָס צו ענטפֿערן. אַוועקגעגאַנגען איינמאָל פֿאַרנאַכט אין וואַלד אַריין און שוין מער נישט צוריקגעקומען. זעט מען שוין, אַז דער ברוקאַזש האָט געוואוסט אַז מען גייט אים „פֿאַרמסרן" פֿאַרן קאָזשעניצער מגיד, ווערט די זאַך נאָך מער פֿלאַימדיק.

לאָזן זיך שוין יידן אַרויס אים זוכן אין וואַלד. זוכט מען אים טאָג און נאַכט. געפֿינט מען אים גאָר זיצן אין אַ פֿאַרלאָזטן טאָל נישט ווייט פֿון קאָזשעניץ, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אין גאַנצן באַוואַקסן ווי אַ פּרא־אדם. פֿרעגט מען אים ווי אַזוי ער קומט אַהער און פֿאַרוואָס ער זיצט איינער אַליין אין דעם פֿאַרלאָזטן טאָל? ענטפֿערט ער מיט רמזים־דיקע רייד: „קיין יידישער ישוב ניטאָ אַרום דעם טאָל, דאַרף מען אים מטהר זיין"...

האָבן די חסידים די ערשטע רגע זיך דערשראָקן צו קוקן אויף זיין פּנים, ווייל אין גאַנצן באַוואַקסן איז געווען דער ברוקאַזש, די האָר

פון קאָפּ זענען געווען קאָלטענעוואַטע און האָבן זיך צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט די לאַנגע פּאות און פאַרפּאַפּעוועטער באָרד; ס'העמד וואָס ער האָט געטראָגן אויפן לייב איז שוין געווען שוואַרץ ווי די בלאָטע אין וועלכער ער איז געזעסן, און אַפּילו דער טלית־קטן, וואָס ער האָט געטראָגן איבער דעם העמד, איז שוין אויך נישט געווען צו דערקענען צי ס'איז אַ טלית־קטן צי אַ שטיק שמאַטע.

האָבן די חסידים געמיינט, אַז דער ברוקאַזש איז געוואָרן אַ חסר דעה, האָבן זיי זיך אָבער דערמאָנט וואָס דער קאָזשעניצער רבי האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז ער וויל אים זען, האָבן זיי נאָך לאַנגער מי ביי אים געפּועלט, ער זאָל מסכים זיין מיט זיי מיטצופאָרן.

האָבן די חסידים אים גענומען אין אַ טייך אַריין, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דעם טאָל, און האָבן אים גוט אַרומגעוואַשן, און יעדער איינער האָט אַראָפּגענומען אַ שטיקל מלבוש פון זיך און אים אָנגעטאָן.

האָט מען דעם ברוקאַזש געבראַכט צום קאָזשעניצער מגיד, האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיך מיט אים פאַרשלאָסן אויף אַ פּאָר שעה. האָבן די חסידים געוואָרט אין דרויסן און געוואָלט וויסן וואָס דער מגיד האָט מיט אים גערעדט, אָבער ווען ער איז אַרויסגעקומען האָט ער מער גאָר־נישט געזאָגט ווי דאָס: „וואָס איז דער חילוק וואו אַ מענטש געפינט זיך? אומעטום איז פאַראַן גאָט!... מען דאַרף אים נאָר קאָנען פּי־לען"...

אָבער אויך דער קאָזשעניצער האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגן וועגן דעם ברוקאַזש. ער האָט נאָר באַפוילן מען זאָל אים אַריינגעמען אין קיך און ער זאָל ווערן אַ משרת צווישן אַלע משרתים, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קאָזשעניצער מגידס הויף.

איז אָבער דער ברוקאַזש געווען אַ גרויסער עם הארץ, אַפּילו רעכט דאַווענען האָט ער נישט געקאָנט, האָבן די משרתים פון אים גע־חוזקט און יעדער איינער איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים גע־פרעגט אַ פּסוק פון דאַווענען, און ווען דער ברוקאַרזש, משה־משרת, האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, האָבן זיי פון אים געלאַכט, אָבער דער ברוקאַזש האָט זיך דערפון גאָר ווייניק געמאַכט. אדרבה, עס האָט זיך גאָר אויסגעדאַכט, אַז אים האָט הנאה געטאָן וואָס מען שפּעט פון אים אָפּ. האָבן די אַלע משרתים זיך געסודעט צווישן זיך, אַז ווען אַלע שלאָ־פן שוין אויף זייערע באַנקבעטלעך אין דער משרתים־שטוב, הערט

מען ווי משה־משרת גייט אַראָפּ פֿון זיין געלעגער און שטעלט זיך אין אַ ווינקל שיילן קאַרטאָפֿליעס, און ד'ערביי ריכט ער אָפּ חצות, וויינט אויס באַכן טרערן, און דעמאָלט קאָן ער יאָ זאָגן עברי ווי אַ ייד אַ יודע ספר, נאָר אַזוי ווי עס הויבט־אָן צו טאָגן לייגט ער זיך צוריק אויף זיין געלעגער און הויבט זיך אויף צוריק אַ גרויסער עם הארץ...

האָבן די משרתים אָנגעהויבן צו מורמלען, אַז אַ פֿאַרבאָרגענער צדיק מוז דער משה־משרת זיין. האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאַר אים דרך ארץ צו האָבן.

אָבער משה־משרת האָט זיך נישט געוואָלט אויסגעבן. ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט וואָס אַמאָל אַלץ מער פֿאַרגרעבט און קיינמאָל נישט גענומען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין...

און פֿאַרקערט: וואָס מער עס האָט זיך צעוואַקסן די מחלוקה צווישן די משרתים צי משה משרת איז אַ באַהאַלטענער צדיק, צי גלאַט אַן עם הארץ, אַלץ מער האָט ער זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פֿון זיי און אַלץ מער האָט ער אַרויסגעוויזן גראָביונגישקייט, ביז איינמאָל האָט אים דער קאָזשעניצער מגיד אַריינגערופֿן צו זיך און האָט אים געזאָגט:

— גענוג זיך שוין אויסבאַהאַלטן... מען דאַרף צונעמען צו דיר אַ מלמד... דיך לערנען גיין אין דרך הישר...

און דער קאָזשעניצער מגיד אַליין האָט אָנגעהויבן מיט אים צו לערנען יעדן טאָג אַ שיעור. צוערשט האָט ער מיט אים געלערנט חומש מיט רש״י, דערנאָך גמרא און אַזוי ווייטער. וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער, ביז אין אַ צייט אַרום האָט דער קאָזשעניצער מגיד אָנגעהויבן פֿאַר אים גרויס דרך ארץ האָבן. און אויך די חסידים האָבן אָנגעהויבן אויף אים צו קוקן ווי אויף אַ תּלמיד פֿון קאָזשעניצער מגיד.

האָבן די חסידים אָבער ניט געקאָנט סובל זיין וואָס משה־משרת דרייט זיך אַרום אין הויף אַ ניט־חתונה געהאַטער, האָט מען אים אָנגעהויבן אָן צו רעדן שידוכים מיט די פֿאַרשידענע דאָרפֿס־יידן, וועלכע האָבען זיך געוואָלט איינקויפֿן אַ גוטן איידעם. האָט אָבער משה־משרת נישט געוואָלט הערן דערפֿון. ערשט ווען דער קאָזשעניצער מגיד אַליין האָט אים אַריינגערופֿן צו זיך אין חדר המיוחד און האָט זיך מיט אים פֿאַרמאַכט אויף אַ לאַנגער צייט, האָט דער קאָזשעניצער מגיד דערנאָך צוריק געעפֿנט די טיר און האָט געהייסן אַריינרופֿן זעלדע די דינסט. האָט מען אַריינגערופֿן זעלדען און מען האָט געשריבן תּנאים. אין אַ

פֿאַר וואָכן אַרום האָט מען זיי חתונה געמאַכט. איז געקומען קינד און קייט קוקן ווי אַזוי מען וועט פירן צו דער חופּה משה דעם ברוקאַזש, אַט דעם „פּרא אדם", דעם „נסתר", דעם „למד־וואָווניק", און אַז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קאָזשעניצער רבי האָט געזאָגט, אַז ער אַליין וועט טאַנצן מיט דער כלה דאָס מצווה־טענצל, זענען אויך געקומען אַלע יידן פֿון קאָזשעניץ און אַ סך חסידים פֿון דער אַרומיקער סביבה.

איז דעמאָלט געווען אַ חתונה וואָס קאָזשעניץ האָט עס שוין לאַנג נישט געהאַט געזען. די דאָרפס־יידן האָבן געבראַכט פיש און עופות און מען האָט זיך געגאָסן מיט וויין ווי מיט וואַסער. אַלע פּריצים פֿון דער געגנט, וואָס זענען אויך געווען „חסידים" פֿון דעם קאָזשעניצער מגיד, האָבן געשיקט פֿאַרשידענע מתנות אַלס דרשה־געשאַנק פֿאַרן פֿאַר־פֿאָלק.

נאָך דער חתונה איז משה ברוקאַזש דערהויבן געוואָרן צו אַ „משמש בקודש" און איז געוואָרן דער יוצא ונכנס ביים קאָזשעניצער מגיד אין שטוב, און אַלע חסידים וואָס האָבן זיך געוואָלט באַראָטן מיטן קאָזשעניצער מגיד האָבן פֿריער געהאַלטן זיך אַן עצה מיט משה משמש. און זייער אָפֿט איז משה געווען זייער פירשפּרעכער און מליץ יושר ביים קאָזשעניצער מגיד.

האָט מען געמיינט, אַז משה משמש פירט זיך שוין אויף ווי אַ פּשוטער ייד, אָבער מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז פֿאַר־פֿאַלן געוואָרן אויף אַ פּאָר וואָכן. האָט מען שוין גערעכנט, אַז דאָס ווייבל זיינס וועט בלייבן זיצן אַן עגונה. האָט מען אים אָנגעהויבן אַרומזוכן אין אַלע אַרומיקע שטעט, אָבער אין ערגעץ אים נישט געפֿונען. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער אַליין צוריקגעקומען קרועה־בלועה, ווי ער וואָלט ערגעץ געלעגן די גאַנצע צייט אין הינערפּלעט. ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס מען רעדט צו אים און וואָס מען פרעגט ביי אים. אויף קיין שום זאַך האָט ער נישט געענטפֿערט. ערשט ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים אַריינגערופֿן צו זיך אין זיין חדר המיוחד און האָט זיך מיט אים פֿאַרמאַכט, איז ער צוריק אַרויסגעקומען אין גאַנצן אַן אַנדער מענטש און איז צוריק אַהיים געגאַנגען צו זיין ווייב. האָט דער קאָ־זשעניצער מגיד דערנאָך אָנגעזאָגט אַלע חסידים מען זאָל מער ביי אים נישט פרעגן וואו ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף אַזאַ לאַנגער צייט.

האָט משה־משרת שוין זיך צוריק אויפגעפירט ווי אַלע אַנדערע חסידים. ער איז אין אַ צייט אַרום ווידער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף אַ

פאַר וואָכן און מען האָט ווידער נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקו־מען. ביז ער איז ווידער אַליין צוריקגעקומען. און דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים ווידער אַריינגערופן צו זיך...

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ היבשע פאָר יאָר. אינצווישן האָט משה ברוקאַזשס ווייב געהאַט אַ פאָר קינדערלעך און ער האָט געלעבט דער־פון וואָס די חסידים האָבן אים איבערגעלאָזט לעצט־געלט ווען זיי האָבן זיך געזעגנט ביים קאָזשעניצער מגיד.

און ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז נפטר געוואָרן און זיין זון ר׳ משה איז געוואָרן אַ רבי, האָט ער אַרויסגעטריבן פון זיין הויף דעם פאַרשטעלטן ברוקאַזש און ער האָט אים מער נישט געלאָזט איבער זיין שוועל אַריבערטרעטן.

האָט משה ברוקאַרזש זיך אָנגעטאָן אַ רבישן קאַפעליוש און אַ זייַ־דענע בעקעשע און איז געפאָרן איבער די שטעט וואו עס זענען געווען קאָזשעניצער חסידים. אומעטום האָט מען אים גוט אויפגענומען, ביז ער האָט זיך באַזעצט אין שידלאָווצע און דאָרט אָנגעהויבן זיך צו פירן ווי אַן אמתער רבי. האָבן אָבער די יונגע חסידים פון רבין ר׳ משה קאָזשעניצער דאָס נישט געקאָנט סובל זיין, אַז אַ משרת פון קאָזשעניצער מגיד, אַ געוועזענער ברוקאַזש, זאָל מיט אַמאָל ווערן אַ רבי. איז אויס־געבראָכן אַ גרויסע מחלוקה אין שטאָט, ביז דער סוף איז געווען, מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון שידלאָווצע. האָט ער זיך דערנאָך באַ־זעצט אין פעטריקאָוו.

דאָרט אין פעטריקאָוו זענען געווען אַ סך יידן וואָס האָבן אים גע־קענט פון קאָזשעניצער הויף און געדענקט וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויף אים געזאָגט. בפרט האָבן זיך אַרום אים גענומען שאַרן די פראָסטע יידן פון שטאָט, די בעלי עגלות און די בעלי מלאכות. האָט אָנגעהויבן זיין רביסטווע וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער צו וואַקסן, ביז די חסידים האָבן פאַר אים געקויפט אַ הויז לעבן דער שול.

מיט דער צייט האָט די גאַנצע שטאָט אָנגעהויבן פון אים צו האַל־טען. מען האָט אים פאַרשריבן אַלס „האַנאַראָוועך" דיין אין שטאָט און משה דער ברוקאַזש איז געקרוינט געוואָרן פאַר אַ „גוטן יידן".

און אַ שם איז אַרויס אין דער גאַנצער געגענט, אַז דער רבי, דער „ברוקאַזש", באַווייזט אויסטערלישע מופתים; אַז ער טרייבט אַרויס דיבוקים און היילט משוגעים. האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן צו אים פון

אַלע שטעט, האָט מען געבראַכט קיין פעטריקאָוו אַלערליי אָנשיקעניש און חולאים, האָט מען אויך געבראַכט צו פירן צו אים גויים מיט „נישט גוטע״ קרענק, און אַלע האָט דער הייליקער „ברוקאַזש״ גע־היילט.

מיט דער צייט איז פון דעם אָרעמען „ברוקאַזש״ אַרויסגעוואַקסן אַ רייכער רבי מיט אַ גרויסן הויף, גלייך מיט אַלע אַנדערע רביים פון יענער צייט.

דער רבי, דער „ברוקאַזש״, פון פעטריקאָוו, איז געוואָרן אַ גרויסער עושר. פון די חסידים, וואָס פלעגן קומען צו אים זיך פראַווען, האָט ער געמאַכט אַ מטמון מיט געלט; אויך דער משמש זיינער, ר׳ ישעיה קאַטשקע, האָט געמאַכט אַ סך געלט, ווייל ער האָט באַזונדער גענומען געלט פון יעדער יידענע איידער ער האָט זי אַריינגעלאָזט צום רבין.

דער רבי, „דער ברוקאַזש״, האָט אָבער געהאַט צוויי זין, וועלכע האָ־בען געוואָלט, אַז דאָס געלט פון רבין זאָל בלייבן אין „הויף״, און נישט דער רבי זאָל עס כסדר אַוועקשיקן קיין ארץ־ישראל פאַר די דאָרטיקע אָרעמעלייט, ווי ער האָט זיך נוהג געווען. איז דערפאַר אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן דעם רבין „דעם ברוקאַזש״ און זיינע זין. האָבן די זין געזען, אַז זיי וועלן מיט גוטן גאָרנישט קאָנען אויספועלן ביי זייער פאָטער, זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און האָבן פאַרמסרט זייער אייגענעם פאָטער, אַז ער באַהאַלט אין קעלער פון זיין הויף פעסלעך מיט גאָלד און זילבער, וואָס ער שיקט עס אָפּ בסוד קיין טערקיי צום סולטאַן, כדי יענער זאָל קאָנען פירן מלחמה מיטן צאַר.

דער גובערנאַטאָר האָט גלייך געשיקט קיין פעטריקאָוו אַ קאָמיסיע און מ׳האָט טאַקע אין קעלער געפונען אַ גרויסע צאָל פעסלעך מיט גאָלד.

די רוסישע רעגירונג האָט אפשר נישט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דער מעשה, אַז דער פעטריקאָווער רבי, „דער ברוקאַזש״, שטייט אין געהיימער פאַרבינדונג מיטן סולטאַן, אָבער עס האָט איר שטאַרק געצויגען צום גאָלד, וואָס מ׳האָט דאָרט געפונען אין קעלער, און די רעגירונג האָט מסכים געווען אָנצוהאַלטן דעם ליגען, אַז דאָס געלט איז געווען באַשטימט אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין טערקיי.

די חסידים פון פעטריקאָווער רבין האָבן נישט געקאָנט רוען; זיי האָבן קודם־כל זיך משתדל געווען, אַז מ׳זאָל דעם רבין באַפרייען פון דעם דאָזיקן געמיינעם בלבול און נישט פאַרפירן קעגן אים קיין שום

פּראָצעס, אויף וואָס די רוסישע רעגירונג איז איינגעגאַנגען, אָבי דאָס געלד זאָל בלייבן ביי איר אין די הענט. דערנאָך האָבן די חסידים, מיט פֿאַרשיידענע אויפּטועכצן און בעיקר מיט „אונטערשמירן" די רעגי־רונגס־לייט, אַרויסבאַקומען צוריק אַ טייל פֿון די פּעסלעך מיט געלד, ווייל זיי האָבן אויפגעוויזן, אַז דאָס געלט האָט דער רבי געשיקט קיין ארץ־ישראל פֿאַר׳ן „פּוילישן כולל" אין ירושלים, און ער, דער רבי אַליין, האָט דערפֿון גאָרנישט נהנה געווען.

נאָך דער דאָזיקער מעשה האָט דער רבי, „דער ברוקאַזש", שוין מער נישט געהאַלטן דאָס געלט אין קעלער, נאָר ער פֿלעגט עס גלייך אַפּשיקן קיין ארץ־ישראל.

ווען ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ פּעטריקאָווער סטאָליאַרס אַ טאָכטער, האָט די רביצין זיינע, מרים, אָנגעהויבן צו פֿירן זיין הויף אויף אַ גאָר גרויסן אופֿן. זי אַליין האָט זיך אויך אָנגעהויבן מישן אין דער רביסטווע. זי פֿלעגט זיך זייער טייער קליידן און פּוצן, איינגעקויפט זייער שיין מעבל. און זי אַליין, מרים די רביצין, האָט אויך אָנגעהויבן צו פֿירן טיש... זי האָט געקאָנט אַריינקוקן אין די „ווייבערשע ספֿרים", וואָס זענען געווען געדרוקט אויף „עברי־טייטש", ווי אַ שטייגער, דער טייטש־חומש, די „צאינה וראינה", „נחלת צבי" און אַנדערע ספֿרים, און זי האָט פֿאַר די ווייבער, פֿאַר אירע חסידותטעס, געזאָגט „תּורה". דער מאַן אירער, דער רבי, „דער ברוקאַזש", האָט אַריינגעשיקט צו איר שריים פֿון די פֿאַרשידענע מאכלים, און זי האָט זיי צעטיילט צווישן די חסידותטעס. און די פֿרעמדע חסידים פֿלעגן חוזקן פֿון „ברוקאַזש", אַז די רביצין זיינע לערנט איר מאַן וואָס פֿאַר אַ תּורהס צו זאָגן ביים טיש...

און איין „תּורה" האָט דער „ברוקאַזש" געהאַט, וואָס ער פֿלעגט זי ביי יעדן טיש זאָגן און ביי יעדן זמן, סיי פּסח, סיי סוכּות און סיי אַנ־דערע יום־טובֿים. די „תּורה" איז געווען אַ מעשה, אַן אגדתא, אַז ווען משה רבינו איז געגאַנגען אין מדבר, איז פּלוצים צוגעפֿלויגן צו אים אַ ווייסע טויב און האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פּלייצעס און האָט אָנגעג־הויבן זייער יעמערלעך צו וואָרקען... האָט משה רבינו געפֿרעגט די טויב וואָס זי וויינט אַזוי, האָט די טויב געענטפֿערט: „קוק זיך אום און זע ווער עס פֿליט מיר נאָך". האָט משה רבינו אויפֿגעהויבן זיינע אויגען און ער האָט געזען, אַז אַ שפּאַרבער פֿליט אַרום זיין קאָפּ און וויל כאַפּן די

טויב. האָט משה רבינו געפרעגט דעם שפּאַרבער: „וואָס ווילסטו דאָ? פאַרוואָס טשעפּעסטו זיך צו דער אומשולדיקער טויב?"

— זי איז מיינע — האָט דער שפּאַרבער געענטפערט — גאָט האָט זי באַשאַפן פאַר מיינעטוועגן.

— וויפיל וועגט די טויב? — האָט משה רבינו צוריק געפרעגט דעם שפּאַרבער.

— איך ווייס נישט וויפיל פונט — האָט דער שפּאַרבער געענט־פערט, — אָבער גאָט האָט זי מיר צוגעשיקט, איך זאָל זי פאַרצערן אויף אַ מאָלצייט.

האָט משה רבינו געענטפערט:

— איך וועל דיר געבן פון מיין אייגענעם פלייש אזויפיל וויפיל די טויב וועגט, און טשעפּע נישט די אומשולדיקע טויב.

האָט דער שפּאַרבער מסכים געווען דערויף, און משה רבינו האָט גענומען די טויב און זי אַרויפגעלייגט אויף איין וואָגשאָל און אָפּגעשניטן פון זיך שטיקער פלייש און אַרויפגעלייגט אויפן אַנדערן וואָגשאָל, אָבער וויפיל פונט פלייש משה רבינו האָט אַלץ נישט אַרויפגעלייגט, האָט די טויב אַלץ געוואויגען מער, ביז משה רבינו האָט זיך שוין אַליין אַרויפ־געלייגט אויף דער וואָגשאָל און האָט געזאָגט:

— גאָ, נעם מיך אין גאַנצן, פאַרצער מיך, אַבי לאָז געמאַך די אומ־שולדיקע טויב!.

ערשט דעמאָלט איז פון דער טויב אַרויסגעוואַקסן אַ מלאך און דער שפּאַרבער איז צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיין ריכטיקן גע־שטאַלט, אינעם „שטן", וואָס האָט געוואָלט אויספּרובירן משה־רבינו'ן, צי ער וועט זיך אַליין קאָנען מקריב זיין פאַר די יידן, וועלכע זענען געגליכן צו אַ ווייסער טויב

— אָט דאָס הייסט אַ צדיק, — פלעגט דער רבי, דער „ברוקאַזש", אויסלאָזן נאָך דער דאָזיקער תורה, — זיך אַליין מקריב זיין פאַרן כלל ישראל דאַרף מען קאָנען

אויף דער עלטער האָט זיך אָבער די רביסטווע אָפּגעטאָן פון „ברוקאַזשס" הויף. ער האָט געוואוינט אין אַ קליין הילצערן הייזל. דאָרט האָט ער געלעבט אָפּגעזונדערט און אַליין. אַמאָל פלעגט נאָך צו אים

אַריינקומען אַ חסיד און געבן אים אַ קוויטל, זיך מיט אים שואל־עצה־זיין.

מיט דער צייט האָט מען שוין אַפילו מורא געהאַט אַדורכצוגיין דאָס הויז, וואו דער „ברוקאַזש", האָט געוואוינט, ווייל מ'האָט דערציילט, אַז באַנאַכט, נאָך חצות, זעט מען ווי עס ווערט פלוצלינג ליכטיק אין הויז וואו דער רבי, דער „ברוקאַזש", וואוינט, און מ'הערט אַרויס פון דאָרט שפּילן און טאַנצן...

— דאָס זענען די „נישט־גוטע", וואָס קומען דאָרט אַריין מאַכן הו־ליאַנקעס... — האָט מען זיך געסודעט.

און טיילמאָל פלעגט דער רבי, דער „ברוקאַזש", צוריק פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג, אַזוי ווי אין זיינע יונגע יאָרן, און מ'האָט נישט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. האָט מען אים אַרומגעזוכט אין אַלע שכנותדיקע הייזער, אין דער גאַנצער געגנט, ביז אַ פויער האָט אים אַהיים געבראַכט אין גאַנצן אַ פאַרפרוירענעם, און האָט דערציילט, אַז ער האָט אים געפונען ליגען איינעם אַליין אין וואַלד.

און אַזוי איז דער אַלטער זקן, דער רבי, דער „ברוקאַזש", געלעגען ביי זיך אין זיין הילצערן הייזל פאַרטרויערט און פאַרלאָזט, ביז ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון עטלעכע און ניינציק יאָר.

דאָס איז געווען ט"ו אדר, תרמ"א (1881).

און וועגן זיין פּטירה דערציילט מען אַזוי אין פּעטריקאָוו:

עס איז נאָך דעמאָלט געווען זייער קאַלט אין דרויסן, און פּלוצלינג האָט מען איין מאָל ביינאַכט געהערט אַריינקלאַפּן אין די שויבן פון דעם פּעטריקאָווער בית־המדרש, און עמיצער האָט אַריינגעשריגען:

— דער רבי האַלט ביי יציאת־נשמה און מען דאַרף האָבן אַ מנין יידן...

זענען יידן אַוועק צום רבין, דעם „ברוקאַזש", האָבן זיי אים שוין געטראָפן גוססען; ער האָט שוין נישט געקאָנט רעדן, נאָר ער האָט אָנגע־וויזן מיט דער האַנט, אַז מען זאָל אַרויסנעמען אַ פּאַפּיר, וואָס איז געלע־גען אין אַ שופלאָד פון טיש, און באַלד דערנאָך איז ער געשטאָרבן.

האָט מען אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר און מ'האָט געזען, אַז דאָס איז אַ צוואָה, און עס שטייט פאַרשריבן, אַז דער „ברוקאַזש" בעט זיך, מען זאָל אין זיין קבר אַריינלייגן די אַלע קוויטירונגען, וואָס ער האָט געהאַט פון „כולל ארץ־ישראל", און דאָס העמערל, וואָס ער האָט מיט זיך

אַרומגעטראָגן זיין גאַנץ לעבן. דאָס העמערל, וואָס ער האָט זיך דערמיט באַנוצט, ווען ער איז נאָך געווען אַ ברוקאַזש, און האָט נישט געוואָלט ברוקירן די גאַסן קניענדיגערהייט, ווייל מען קניט אויך צו דער עבודה־זרה, נאָר ער האָט כסדר געאַרבעט איינגעבויגענערהייט, — אָט דאָס העמערל איז דער איינציקער באַוויז זיינער, — האָט דער „ברוקאַזש" געשריבן אין זיין צוואָה, — אַז ער האָט געהאַט אַן ערלעכע מלאכה, און ער האָט די אַרבעט אַוועקגעוואָרפן נאָר צוליב דעם, ווייל דער קאַזשעניצער מגיד האָט אים געהייסן.

נישט ווייט פון גדר אויפן פעטריקאָווער בית־הקברות האָט מען דעם רבין, דעם „ברוקאַזש", מקבר געווען. לעבן אים זענען אויך געקומען צו קבורה זיינע צוויי זין, שמואל און אַהרן־שלמה, און אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט, אַז הר' משה בן צבי הכהן (אַזוי האָט געהייסן דער פעטריקאָווער רבי) איז געווען אַ בעל־צדקה און קדושים האָבן זיך מיט אים גערעכנט.

ר׳ בערישל „בעל תשובה" פון קראָקע

דער רבי ר׳ בערישל פון קראָקע איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ דאָרף. — ער ווערט אַ צעלאָזענער סטודענט. — אַ חסידישער ניגון מאַכט אים פאַר אַ בעל־תשובה.

ווער ס׳איז אַמאָל געווען אין קראָקע אין דער יידישער געגנט פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר, דער האָט זיכער באַמערקט אַרומלויפן איבער די גאַסן פון דער אַמאָליקער יידישער געגנט (גערופן קאַזמאַרק), אַ קליין, דאַר יידל, איינגעהילט אין טלית און תפילין, מיט אַ שטויס ספרים אונטער די אָרעמס, וועלכער פלעגט שנעל געבן אַ לויף אַריין אין אַ יידיש געוועלבל בעטן אַ נדבה און באַלד פאַרשווינדן, — דאָס איז געווען דער רבי ר׳ בערישל בעל תשובה.

אַ סך מעשיות ווייסן די קראָקעווער יידן צו דערציילן וועגן דעם רבין ר׳ בערישל וועגן זיין יוגנט און ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער מדרגה פון ווערן אַ רבי. אָבער קיינער ווייסט נישט גענוי פון וואַנען ער שטאַמט און וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן, ווייל וועגן דעם האָט ר׳ בערישל בעל־תשובה קיינמאָל ניט געוואָלט רעדן. אַן אַלטער ייד אין זאַקאָפּאַנע, וועלכער איז געווען אין די יונגע יאָרן אַ פריינט פון ר׳ בערישל בעל־תשובה, האָט מיר איבערגעגעבן געוויסע ביאָגראַ־פישע ידיעות וועגן דעם מערקווירדיקן פאָלקס־רבין.

און אָט וואָס דער ייד האָט מיר דערציילט:

געבוירן איז ר׳ בערישל בעל־תשובה אין אַ דאָרף ביי הונדסדאָרף, אונגאַרן, ערגעץ אין די טאַטרעס בערג, נישט ווייט פון דער פוילישער גרע־ניץ, לעבן זאַקאָפּאַנע. (נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט הונדסדאָרף געהערט צו טשעכאָסלאָוואַקיע).

אין די דערפער אַרום הונדסדאָרף וואוינען בלויז „גוראַלעס" אַן אַל־טער פוילישער שטאַם, מיט אייגענע זיטן, מנהגים, וועלכער פירט אַן איי־

גענאַרטיק שטייגער־לעבן. אויך די יידן וואָס וואוינען דאָרט זענען מיט דער צייט געוואָרן פאַרגרעבט, און איבערגענומען געוויסע זיטן...

דער יידישער ישוב דאָרט איז זייער אַלט. אַמאָל, מיט לאַנגע יאָרן צוריק, האָט זיך פאַרקליבן אַהין אין די בערג אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ בער האַרצבלוט, און ער האָט דאָרט פאַרפלאַנצט אַ יידישן ישוב. די יידן האָבן זיך אין די גוראַלישע דערפער באַשעפטיקט מיט אַרבעטן אין פעלד, האַקןביימער אין וואַלד, פירן קלעצער צום טאַרטאַק און פאַשן שאָף. זיי פלעגן גיין אַנגעטאָן פונקט אַזוי ווי די גוראַלעס, אין גראָבע, ווייסע, וואָלענע הויזן, וואָס זענען געווען אויסגענייט מיט פאַרשידענע סטענגעס, מיט גרויסע קאַפעליושן, פאַרצירט מיט ים־מושעלעך און געריכערט לאַנגע ליולקעס. די יידן האָבן אויך געהאַט זייערן אַן „עלסטן" און זיי האָבן זיך גוט צו־נויפגעלעבט מיט זייערע גוישע שכנים.

עס ווערט אַפילו דערציילט, אַז איינמאָל איז געקומען קיין הונדס־דאָרף אַ יונגער גלח, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס די יידן לעבן אַזוי בשלום מיט די גוראַלעס, האָט ער אָנגעהויבן זיי צו העצן געגן די יידן, געהאַלטן יעדן זונטאָג אין דער קירך אַנטיסעמיטישע דרשות. האָבן די גוראַלעס געסטראַשעט דעם גלח, אַז אויב ער וועט נישט אויפ־הערן זיי צו רייצן קעגן זייערע אידישע שכנים, וועלן זיי אינגאַנצן אויפ־הערן צו קומען אין דער קירך אַריין. און דאָס האָט טאַקע געווירקט. דער גלח האָט זיין העצע אָפּגעשטעלט.

ביי איינעם אַזאַ „עלסטן" פון די יידישע גוראַלעס, ביי ר׳ עקיבא האַרצבלוט, (אַן איניקל פון ר׳ בער האַרצבלוט), איז געבוירן געוואָרן, מיט אַן ערך פון זיבעציק יאָר צוריק, דער צוועלפטער זון, בערישל.

די יידן פון טאַטרעס־בערג ווייסן צו דערציילן אַ סך וואונדערלעכע זאַכן וועגן אָט דעם קינד. אַזוי גייט דאָרט אַרום אַ לעגענדע, אַז דאָס קינד האָט קיינמאָל ניט געוויינט, נאָר איינמאָל ווען עס איז אַלט געווען אינגאַנצן אַ יאָר, האָט עס זיך צוגעשאַרט צו אַן אָרט וואו עס איז געלעגן אַ חומשל, און ווען די מוטער איז אַריינגעקומען און צוגענומען ביים קינד דאָס חומשל, האָט זיך דאָס קינד צום ערשטן מאָל צעוויינט אויף אַ קול. די מוטער האָט געפּרואווט מיט אַלע כוחות איינשטילן דאָס קינד, אָבער ס׳האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. דאָס קינד האָט אַזוי לאַנג גע־וויינט, ביז מ׳האָט אים צוריקגעגעבן דאָס חומשל, ערשט דעמאָלט האָט עס זיך באַרואיקט.

צו זעקס יאָר האָט דער פֿאָטער שוין אַרויסגעשיקט דעם קליינעם בערישלען, צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער צו פּאַשן די שאָף אין די בערג. ער איז אַזוי אויפֿגעצויגן געוואָרן אין די בערג אַלס אַ פּאַסטוך ביז זעכצן יאָר, ער איז געווען אין גאַנצן פֿאַרגרעבט און זיך אין גאַנצן געפֿירט ווי אַ גוראַלישער פּאַסטוך. זיין איינציקער פֿאַרגעניגן איז געווען צו לויפֿן וויניטער איבער די טאַטרעס־בערג אין זיינע גליטש־ברעטלעך און וויזן זיינע חברים, די פּאַסטוכער, אַז ער קאָן פֿלינקער אַראָפּשפּרינגען פֿון אַ הויכן באַרג, ווי ווער עס איז פֿון זיי... זומער, ווידער, פֿלעגט ער אָפּליגן גאַנצע טעג און זוכן צווישן די קליינעביימלעך נעסטן פֿון שפּיל־פֿייגעלעך. צוליב זיין גרויס בריה׳שאַפֿט, האָבן די יונגע גוראַלעס פֿון אים זייער שטאַרק געהאַלטן און זיי פֿלעגן אים מיטנעמען זייער אָפֿט אויף זייערע שמחות. דאָרט פֿלעגט ער וויזן די גוראַלעס פֿאַרשידענע קונצן, נאָכמאַכן די קולות פֿון פֿאַרשידענע באַרג־חיות און טאַנצן די גוראַלישע טענץ בעסער ווי די גוראַלעס אַליין. דער פֿאָטער זיינער, עקיבא, האָט זיך אַרומגעזען, אַז מיט זיין זונס יידישקייט האַלט עס זייער שמאָל, אַז ער איז אויסגעוואַקסן אַן אמתער גוי און קען צומאָל רעכט נישט דאַווענען, ווייסט נישט פֿון קיין שום עול תורה.

דער שיינער יידישער גוראַלישער פּאַסטוך, בערישל, איז אָבער נישט געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פֿון יידישקייט, ווי דער פֿאָטער האָט געמיינט. אין די בערג פֿלעגט אים זייער אָפֿט באַפֿאַלן אַ חשק צו בעטן גאָט, נאָר ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן, ווייל דאַווענען האָט מען אים קיינמאָל נישט געלערנט. ער האָט זיך אָבער אָנגעהערט מעשיות אין שטוב, אַז אַלע חיות און עופֿות, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, זאָגען יעדען טאָג שירה צום אויבערשטן, האָט ער זיך געטראַכט: ווער לערנט מיט די פֿייגל דאַווענען?... און פּונקט אַזוי ווי די פֿייגל קאָנען דאַווענען צו גאָט, כאָטש קיינער האָט זיי נישט געלערנט, וועט ער אויך קענען מיט זיי מיטדאַווענען... האָט זיך בערישל אַוועקגעשטעלט אויף אַ בוים און אָנגעהויבן נאָכצומאַכן די קולות פֿון די פֿייגל און מיט זיי אַזוי מיטגעדאַווענט, ביז דער ברודער זיינער איז געקומען און אים אַראָפּגענומען פֿון בוים...

דער פֿאָטער אָבער האָט פֿון דעם גאָרנישט געוואוסט און ער האָט

דאָרט האָט מען דעם ווילדן, הפקר׳דיקן באַרג־פּאַסטוך אָנגעדונגען צו אַ מלמד ער זאָל מיט אים לערנען יידישקייט.

דאָס דאַרפס־ייִנגל בערישל האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און ער האָט באַלד אַלץ באַנומען וואָס דער מלמד האָט מיט אים געלערנט. איז באַלד געוואָרן אַ שם אין גאַנצן שטעטל, אַז דאָס דאַרפס־ייִנגל וואַקסט אַן עלוי, האָט זיך אויף אים פאַרקוקט איינער פון משכּילישע יידן און ער האָט אָנגעהויבן מיט אים איינצוטענהן, ער זאָל ווערן אַזוי ווי ער, אָוועקוואַרפן די גמרא און אָנהויבן צו שטודירן. דאָס דאַרפס־ייִנגל, וואָס האָט אין דער שטאָט דערזען אַ גאַנץ נייע וועלט, האָט זיך געלאָזט צורעדן פון דעם „אַפּיקורס" און ער איז אין אַ שיינעם העלן טאָג אַנטלאָפן פון טערצע קיין בודאַפּעסט, וואו ער האָט אָנגעהויבן צו שטודירן אויפ׳ן חשבון פון דער רעפאָרמירטער יידישער געמיינדע.

נאָך צוויי יאָר צוגרייטונג, האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און איז געוואָרן אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע אויף דער בודאַפּעסטער אוניווערזיטעט. און ווען ניט אַ צופאַל, וואָלט דער סטודענט בערישל האַרצבלוט, זיכער געווען אויסשטודירט און געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער ערגעץ אין דער וועלט...

און דער צופאַל איז געווען אַזאַ: איינמאָל, פאַרנאַכט, איז דער סטודענט בערישל דורכגעגאַנגען מיט זיינע חברים אַ יידישע גאַס און ער האָט דערהערט זייער אַ שיין קול, וואָס האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון אַ הויז. די אַנדערע סטודענטן האָבן זיך גאַרנישט אָפּגעשטעלט און געוואָלט גיין ווייטער, אָבער דעם סטודענט בערישל האָט זייער געצויגען אַהין. איז דער סטודענט איינער אַליין אַריין אין הויז און דאָרט האָט ער געטראָפן זיצן ביי אַ טיש אַ רבין מיט חסידים און זינגען אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געהערט. דאָס האַרציקע קול וואָס ער האָט געהערט, איז טאַקע געווען דאָס קול פונעם רבין אַליין, און דער רבי איז געווען: ר׳ הערצקע רייצפערדער, אַ תּלמיד פונעם סאַנזער רבין, ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

דער רבי ר׳ הערצקע האָט געהאַט אויף זיך גענומען אַן עבודה: די פאַרגרעבטע אונגאַרישע יידן מחזיר למוטב צו זיין. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן כּח אין זינגען און זאָגן תּורה, פלעגט ער אַרומפאָרן איבער די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון אונגאַרן און זאָגן די יידן מוסר, און ער האָט געהאַט אומעטום אַ גרויסע השפּעה אויף די יידן.

דער סטודענט, וואָס איז צופעליק אַריין אין הויז פון רבין ר׳ הערצ־קע רייצפּערדער, האָט אויך געהערט אַזאַ מוסר־דרשה, און ער האָט אויך אויף אים געהאַט אַ פּעולה. ער האָט באַשלאָסן מער נישט צו פאַרלאָזן דעם רבין, נאָר מיט אים כסדר מיטצופאָרן. ער איז שוין אַפילו מער נישט אַהיימגעגאַנגען, נאָר געבליבן נעכטיגען ביים רבין אין שטוב. דער רבי ר׳ הערצקע, האָט זיך געפרייט, וואָס עס איז אים געלונגען מחזיר למוטב צו זיין אַזאַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה און ער האָט אָנגעהויבן דעם געוועזע־נעם סטודענט זייער שטאַרק מקרב צו זיין.

גאַנצע צען יאָר איז ר׳ בערישל געווען ביים רבין, געלערנט אין זיין ישיבה. דער פאָטער זיינער האָט אַפילו נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינ־געקומען. און ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אַז זיין זון האַלט זיך אויף אין רייצפּערד, ביים רבין ר׳ הערצקע, איז ער אַהין געפאָרן אים אַהיימ־נעמען, אָבער ר׳ בערישל האָט מער נישט געוואָלט הערן דערפון. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן די בקשות פון רבי ר׳ הערצקען אַליין. ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די ישיבה, און ווען דער רבי ר׳ הערצקע האָט אים גע־הייסן זיך פירן מיט אַלע יידן גלייך, חתונה האָבן און ווערן אַ איד אַ בעל־הבית, האָט ער ניט מסכים געווען דערויף, נאָר ער האָט כסדר „געפּאַסט הפסקות״, פון איין שבת צום צווייטן, כדי תשובה צו טאָן אויף זיינע גרוי־סע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען, בעת ער איז געווען אַ סטודענט אין בור־דאַפּעסט. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן זיך פון דעם רבי ר׳ הערצ־קען, אַז ער זאָל אָפּטרעטן פון דעם משונהדיקן וועג און אויך נישט דאָס אויפּווייזן אים, אַז דער דרך פון חסידות איז נישט מ׳זאָל כסדר אין זינען האָבן די עבירות, וואָס מ׳איז באַגאַנגען. „ווען איינער האָט זיך געפונען אין אַ מקום פון צואה״, האָט דער רבי ר׳ הערצקע מיט אים איינגעטענהט, „דאַרף ער זען וואָס שנעלער אַרויסצוקריכן פון דעם אָרט; טוט מען אָבער נישט אַזוי, איז מען כסדר איינגעחזירט און מען שטעקט דאָרט, וואו מ׳האָט פריער געשטעקט... דער מענטש דאַרף זיך אָבער קאָנען דערהויבן און אַרויסקריכן פון דער גאַנצער בלאָטע...״

אַזוי האָט דער רבי ר׳ הערצקע מיט אים געלערנט, אָבער ר׳ בערישל האָט געהאַלטן אין איין טענהן: „דער רבי ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ חוטא איך בין געווען״, מיינע חטאים קאָן מען אַזוי שנעל נישט אָפּמעקן...״ און ער פלעגט ווייטער פאַסטן און דאַווענען אַ גאַנצן טאָג.

די חסידים פון רייצפּערד האָבן אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף אַ הייליקן, מען האָט אים אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט קוויטלעך,

האָט זיך ר' בערישל איינמאָל אויפגעהויבן אין מיטן דער נאַכט און האָט פאַרלאָזט רייצפעדד, איז אַריבער די אונגאַרישע גרעניץ און אָנגעקומען קיין קראָקע. ער איז אַריין אין דער אַלטער שול און דאָרט טאָג און נאַכט געלערנט און געדאַוונט. ווען די יידן האָבן אים געפרעגט ווי ער הייסט, האָט ער געענטפערט: בעריש. האָט מען אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט און וואָס זיין טון איז געווען ביז איצט, האָט ער געשוויגן און גאַרנישט געוואָלט ענטפערן. האָבן די יידן אים געגעבן דעם נאָמען: „ר' בערישל בעל־תשובה". אין יאָרן אַרום האָט מען ר' בערישל בעל־תשובה חתונה געהאַט מיט אַן אַלט מיידל פון מיידאַן (מערב גאַליציע), אָבער ר' בערישל בעל־תשובה האָט זיך אויך נאָך דער חתונה געפירט אין זיין אויסטערלישן דרך. זיין ווייב האָט געמוזט אַליין פאַרדינען אויף פרנסה, זיצן אין מאַרק אויף קאַזמאַרק, און ר' בערישל איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און געדאַוונט. און איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן אין בית־המדרש אַריין בעטן אַ נדבה, איז ר' בערישל גלייך מיט אים אַרויס פון מקום קדוש און איינגעהילט אין טלית און תפילין איז ער געגאַנגען אי־בער די געוועלבער קלייבן געלט פאַר דעם אָרעמאַן.

מיט דער צייט איז דער נאָמען פון ר' בערישל בעל־תשובה געוואָרן באַקאַנט אין גאַנץ מערב־גאַליציע, און ווען אַ ייד אָדער אַ יידענע האָט זיך געפונען אין אַן עת־צרה, איז מען געלאָפן צום רבין ר' בערישל בעל־תשובה ער זאָל מתפלל זיין. און איז געקומען אַ ייד וואָס איז געווען פאַר'צער'ט, האָט ר' בערישל גלייך צונויפגענומען אַ מנין יידן און צו־זאַמען מיט זיי געזאָגט תהילים. קיין געלט האָט ער נישט גענומען, און די פדיונות, וואָס די יידן האָבן אים געגעבן, האָט ער אָוועקגעגעבן די פאַר־באַרגענע אָרעמעלייט פון שטאָט. יעדן פרייטאָג איז ער אַרומגעגאַנגען צו־נויפזאַמלן געלט אויף „פדיון־משכנות", אויסצולייזן די משכנות, וואָס די אָרעמע יידן האָבן פאַרזעצט אין משך פון דער וואָך.

דער רבי ר' בערישל האָט אויך געהאַט אַן אויסטערלישן מנהג, צו לויפן אַ פאַר מאָל אין טאָג אין מקוה אַריין און ווען ער האָט געהאַט אַ קינד אַ יינגעלע, האָט ער אויך מיטגענומען דאָס קינד און פאַר דעם ברית עס טובל געווען אין דער מקוה. דאָס קינד איז באַלד נאָכן ברית געשטאָר־בען פון אַ פאַרקילונג. דאָס זעלביקע איז אויך געווען מיט זיין צווייטן קינד. געבליבן לעבן זענען נאָר צוויי טעכטער.

דער רבי ר' בערישל פלעגט אַזוי גאַנצע טעג אַרומלויפן איבער די גאַסן אין טלית און תפילין, און שטענדיק זיין פאַרטאָן אין מצוות. טאָ־

מער האָט ער צייט געהאַט אַ מינוט, איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַ קלויז אַריין און זיך געוואָרפֿן אונטער אַ באַנק, דאָרט תּפֿילה געטאָן, ביז עס איז אַריינגעקומען אַ ייד און זיך פֿאַר אים אויסגערעדט זיין ביטער האַרץ, ד׳ע־מאָלט איז ר׳ בערישל אַפּירגעקראָכן פֿון אונטער דער באַנק און מיט דעם יידן געלאָפֿן איבער דער שטאָט, אים אַרויסהעלפֿן.. · און ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ שטוב און איז אַהיימגע־לאָפֿן, געבראַכט אַ שייטל האָלץ, אַ הערינג און אַ ביסל קאַרטאָפֿל, דאָס ווייב מיט די קינדער זאָלן אויך האָבן מיט וואָס דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, און באַלד איז ער ווידער אַוועק און אָנגעהויבן צו וועקן די יידן פֿור־נעם קאָזמאַרק צו חצות. מיט אַ מתיקות׳דיקן ניגון פֿלעגט ער רופֿן אי־בער די פֿאַרשלאָפֿענע אַלטע גאַסן.

און האָט מען געהערט דעם רבין ר׳ בערישל בעל־תּשובה רופֿן צו חצות. איז נישט מעגלעך געווען, מען זאָל בלייבן ליגן אין בעט. זיין קול האָט געצויגן וואָס שנעלער זיך אויפֿצוהויבן אָפּצוריכטן חצות...

ווען ר׳ בערישל בעל־תּשובה איז נפֿטר געוואָרן, זענען טויזנטער מענטשן געקומען צו דער לויה. דער גאַנצער קאָזמאַרק איז געווען פֿאַר־פֿלייצט מיט יידן. קיין הספּדים זענען נישט געהאַלטן געוואָרן. און מתעסק געווען מיט זיין קבורה האָבן זיך נאָר די פּשוט׳ע, פּראָסטע יידן, וועמעס רבי און אַרויסהעלפֿער ר׳ בערישל בעל־תּשובה איז געווען, קיין אַנדערן האָבן זיי נישט צוגעלאָזט.

ווי מען האָט דערציילט, האָט ר׳ בערישל אין זיין צוואה אָנגעזאָגט: מען זאָל איבער אים מקיים זיין די אַרבע־מיתות־בית־דין, דאָס הייסט, מען זאָל אים אַראָפּוואַרפֿן פֿון בעט אויף דער ערד און אים דערנאָך באַוואַרפֿן מיט שטיינער... אָבער דאָס בית־דין פֿון קראָקע האָט גע׳פּסק׳ענט, אַז מען זאָל די צוואה ניט אויספֿירן, אַז ער אַליין האָט זיך טאַקע געמעגט האַלטן פֿאַר אַ חוטא, אָבער דאָס בית־דין ווייסט, אַז ער איז געווען אַ איש־תּמים און אַן ערלעכער ייד.

זוכצעטל

I

א

אביגדור, פינסקער רב, זון פון חיים, אין יאָר 1798 געמסרט פאַר דער רוסישער רעגירונג דעם רבין ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, זייט 97.

אברהם טווערסקי פון טריסק (טריסקער מגיד), זון פון ר׳ מרדכי פון טשערנאָביל, געשטאָרבן 1889. זיין ספר: „חסד לאברהם“, זייט 150.

אברהם כהנא זייט 118.

אברהם לאַנדוי פון טשעכאַנאָוו, זז׳ 179, 185 (וועגן אים זע אויך מ. פיינקינד „גוטע יידן אין פוילן“, וואַרשע 1936).

אברהם יהושע העשל, אַפּטער רב, געבוירן 1765, געשטאָרבן 1825, אַ תלמיד פון ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. זיינע ספרים: „אוהב ישראל“ און „תורת אמת“. זז׳ 21, 22, 38, 39, 61, 63.

אברהם יעקב פרידמאַן פון סאַדיגורע, זון פון ר׳ ישראל פון רוזשין, געשטאָרבן 1883, זז׳ 68, 98.

אברהם מלאך, זון פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד“ פון מעזריטש, געבוירן בערך 1741, געשטאָרבן 1777. זיין ספר: „חסד לאַברהם“, זז׳ 112, 198.

אברהם פון קאַליסק, אַ תלמיד פון דוב־בער, דער „גרויסער מגיד“ פון מעזריטש, געשטאָרבן אין ארץ־ישראל 1777, זייט 124.

אברהם קאַצענעלבויגן, זון פון דוד, בריסקער רב, איינער פון די אָנפירער פון די מתנגדים, זז׳ 125, 126.

אברהם משה פון פשיסכע, זון פון ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע, געשטאָרבן 1829, זייט 105.

אַדעל, טאָכטער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זז׳ 60, 61.

אורי, דער „שרף“ פון סטרעליסק. זז׳ 161, 165.

איסאַנדער, טאָרסטען, שוועדישער גלח, זייט 125.

אָכאָטסקי, יאַן דוקלאַן, זייט 25.

אליהו גוטמאַכער, דער גריידיצער „גוטער ייד“, געשטאָרבן 1875, זייט 180.

אליהו, ווילנער גאון, געבוירן 1720, געשטאָרבן 1797. זייט 124.

אלימלך פֿון ליזשענסק, געבוירן 1717, געשטאָרבן 1786, אַ תּלמיד פֿון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פֿון מעזריטש. זיין ספֿר: „נועם אלימלך״, זז׳ 27, 37, 38, 39, 45, 46, 67, 68, 77, 78, 89, 92, 111, 112, 135, 136, 142.

אליעזר האָראָוויץ פֿון זשיקאָוו, זון פֿון ר׳ נפֿתּלי צבי האָראָוויץ פֿון ראָפּשיץ, געשטאָרבן 1854, זייט 112.

אליעזר לאַנדוי, זייט 175.

אַלעקסאַנדער רבי, זע: יחיאל פֿון אַלעקסאַנדער.

אַנ—סקי, ש. פּסעוודאָנים פֿון שלמה־זאַנוויל ראַפּאָפּאָרט, געבוירן אין וויטעבסק 1863, געשטאָרבן 1920, זייט 111.

אַפּטער רבי, זע: אַברהם יהושע העשל פֿון אַפּט.

האר״י הקדוש, זע: יצחק לוריא.

אשר האָראָוויץ פֿון רומאַנאָוו, זון פֿון ר׳ מאיר האָראָוויץ פֿון זשיקאָוו, געשטאָרבן אין ווין, 1934, זז׳ 115, 116.

ב

בובער, ד״ר מאַרטין, זייט 11.

ביילע, די מוטער פֿון ר׳ נפֿתּלי צבי האָראָוויץ פֿון ראָפּשיץ, זייט 63.

בלאָך, ד״ר, זייט 185.

בעלזער רבי, זע: שלום רוקח פֿון בעלז.

בעל־שם־טוב, זע: ישראל בעל־שם־טוב.

בעל התּולדות, זע: יעקב יוסף הכּהן.

בערדיטשעווסקי מיכה־יוסף, געבוירן אין בערשאַד, 1865, געשטאָרבן 1921, זייט 12.

בעריש ביאַלער, זון פֿון ר׳ אַברהם פֿון טשעכאַנאָוו, געבוירן 1817, געשטאָרבן 1876, זייט 184.

בערישל (בער האַרצבלוט), „בעל תּשובה״ פֿון קראָקע, זז׳ 203—209.

בעריש הגדול פֿון קוטנע, זייט 180.

בערעניו פֿרידמאַן פֿון ליעאָוואַ, זון פֿון ר׳ ישראל רוזשינער, געבוירן, 1817, געשטאָרבן אין סאַדיגורע, 1877. פֿון די יאָרן 1860—1869 געווען רבי אין ליעאָוואַ, וואָס ליגטביים טייך פּרוט, זז׳ 155, 156.

דער ברוקאַרזש פֿון פּיעטריקאָוו, משה בן צבי, זז׳ 192—201.

בראַנדשטעטער, מרדכי דוד, געבוירן 1844, געשטאָרבן 1928, זייט 157.

ברוך פֿון מעזריטש, זון פֿון אָדעל, ר׳ ישראל בעל־שם־טובֿ׳ס טאָכטער, און פֿון יחיאל־מיכל פֿון מעזריטש, געבוירן, בערך 1737, געשטאָרבן, בערך 1811. זיין ספֿר: „בוצינא דנהורא״, זז׳ 68, 84, 138, 139, 141.

בריסקער רב, זע: אַברהם קאַצענעלבויגן.

ג

גאָטלאָבער, אַברהם בער, געבוירן אין אַלט־קאָנסטאַנטין, 1815, געשטאָרבן 1899 אין ביאַליסטאָק, זייט 139.

גערער רבי, זע: יצחק מאיר פֿון גער.

גראָס, נפֿתלי, זייט 31.

גרשון (אַברהם) קיטעווער, בראָדער רב, געווען אַ שוואָגער פֿון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, אין יאָר 1747 געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, זז׳ 17, 18.

ד

דאַבאָש, זז׳ 29, 31, 32, 33, 34, 35, 36.

דבורה, די „באָבע דבורה״, ר׳ אליעזר זשיקאָווערס ווייב, זייט 129.

דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פֿון מעזריטש, זון פֿון ר׳ אַברהם, אַ תּלמיד פֿון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, געבוירן, בערך 1704, געשטאָרבן 1772. זיינע ספֿרים: „מגיד דבריו ליעקב״, אָדער „לקוטי אמרים״ און „אור תּורה״, זז׳ 40, 75, 104, 112, 133, 135, 161.

דובנאָוו, פּראָפֿ׳ ש., זז׳ 12, 25, 88.

דוד טווערסקי פֿון טאַלנע, זון פֿון מאָטעלע (מרדכי) טווערסקי פֿון טשערנאָביל, געבוירן 1808, געשטאָרבן 1882, זז׳ 68, 115, 151.

דוד פֿון לעלעוו, אַ תּלמיד פֿון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פֿון לובלין, געשטאָרבן 1814, זז׳ 188, 189.

דוד, ד״ר בערנאַרד, זאַלישינער רבי, זז׳ 186—191.

דוד מאַקאָווער, קעגנער פֿון חסידים, פֿאַרפֿאַסט דעם פּאַמפֿלעט „זמיר עריצים״, געשטאָרבן 1815, זז׳ 17, 87, 88.

דוד משה פֿון טשאָרטקאָוו, זון פֿון ר׳ ישראל פֿון רוזשין, געשטאָרבן 1903. זיין ספֿר: „דברי דוד״, זייט 115.

דעמביצער רבי, זע: ראובן האָראָוויץ פֿון דעמביץ.

ה

האַלפּערן, ישראל, זייט 150.

האָראָדעצקי, ד״ר ש. א., זז׳ 46, 139.

האָראָוויץ בער, געבוירן 1895, אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים, זייט 31.

האָראָוויץ, ש. י., זייט 157.

הילל באָברויסקער, זייט 104.

הערצקע ראַצפֿערדער, זז׳ 206, 207.

הערשעלע אָסטראָפּאָלער, פֿאָלקס־לץ, געלעבט צום סוף פֿון 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, זייט 138.

הערשל אשכנזי, **רב פון לובלין, זייט 175.**

הערש (צבי) סאפראן **פון זידיטשאָוו, זון פון ר׳ יצחק אייזיק, אַ תלמיד פון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פון לובלין, געשטאָרבן 1836, זז׳ 40, 155.**

ו

וואָלף (זאב) **פון זשיטאָמיר, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש, געשטאָרבן 1800. זיין ספר: „אור המאיר״, זז׳ 54, 67, 140.**

וואָלף (זאב) פון סטריקאָוו, **געשטאָרבן 1891, זז׳ 176, 184, 185.**

ווילנער גאון, **זע:** אליהו פון ווילנע.

ז

זאַלישינער רבי, **זע:** דוד, ד״ר בערנארד.

זושע פון אַניפּאָלע, **זון פון ר׳ אליעזר ליפּאַ, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש, געשטאָרבן 1801, זז׳ 27, 28, 92.**

זידיטשאָווער רבי, **זע:** הירש צבי סאַפּראַן.

זשיטאָמירער מגיד, **זע:** וואָלף (זאב) פון זשיטאָמיר.

ח

חוה, **יעקב פראַנקס טאָכטער, זייט 61.**

חוה־חיה, **טאָכטער פון ר׳ מאָטעלע (מרדכי) פון טשערנאָביל, זייט 61.**

דער „חוזה״ פון לובלין, **זע:** יעקב יצחק האָראָוויץ פון לובלין.

חיים האַלבערשטאַם **פון סאַנז, אַ תלמיד פון ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, געשטאָרבן 1876. זיינע ספרים: „דברי חיים״ אויף תורה און אויף שו״ת, זז׳ 68, 69, 115, 147, 148, 206.**

חיים חייקאַ **פון אַמדור, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש, געשטאָרבן 1787. זיין ספר: „חיים וחסד״, זייט 87.**

ט

טריסקער מגיד, **זע:** אברהם טווערסקי **פון טריסק.**

טשאָרטקאָווער רב, **זע:** דוד משה **פון טשאָרטקאָוו.**

טשערנאָבלער מגיד, **זע:** מאָטעלע **(מרדכי) פון טשערנאָביל.**

י

יאָזעף, **קייזער פון עסטרייך, זז׳ 37, 38, 39, 42.**

יהודה צבי **פון סטרעטין, זון פון ר׳ שמואל זיינוויל פון זוואָלעוו, אַ תלמיד פון ר׳ אורילע פון סטרעליסק, זייט 165.**

יהושע האָראָוויץ **פון זשיקאָוו, זון פון ר׳ מאירל האָראָוויץ פון זשיקאָוו, געשטאָרבן 1913, זייט 129.**

דער „יוד הקדוש", זע: יעקב יצחק פֿון פשיסכע.

יונתן אייבשיץ, געבוירן אין קראָקע, בערך 1690, געשטאָרבן אין אַלטאָנע 1764, זייט 180.

יחיאל פֿון אַלעקסאַנדער, זון פֿון ר' פֿייוויש פֿון גריצע, געשטאָרבן 1894, זז' 184, 185.

יעקב פֿרומקין, זייט 176.

יעקב יוסף הכהן פֿון פּולנאָהע, אַ תּלמיד פֿון ר' ישראל בעל־שם־טוב, געשטאָרבן בערך 1782. זיינע ספֿרים: „תּולדות יעקב יוסף", „בן פּורת יוסף" און „צפֿנת פּענח", זז' 23, 26, 53, 56, 75.

יעקב יצחק האָראָוויץ, דער „חוזה" פֿון לובלין, אַ תּלמיד פֿון ר' אלימלך פֿון ליזשענסק, געשטאָרבן 1815. זיינע ספֿרים: „זאת זכּרון" און „זכרון זאת", זז' 38, 39, 89, 107, 111, 112, 189.

יעקב יצחק פֿון פשיסכע, גערופֿן: דער „יוד הקדוש", אַ תּלמיד פֿון ר' יעקב יצחק דער „חוזה" פֿון לובלין, געשטאָרבן 1814, זז' 112, 140, 179, 182, 183.

יעקב לייב לאַנדוי פֿון נאַשעלסק, זון פֿון ר' אברהם פֿון טשעכאַנאָוו, געשטאָרבן 1894, זייט 184.

יעקב (ישראל) עמדין, זון פֿון צבי אַשכּנזי, געבוירן אין אַלטאָנא, 1697, געשטאָרבן 1776, גאון און באַקעמפֿער פֿון דער שבתי צבי סעקטע, זייט 123.

יעקב קאָפּל, גערופֿן: ר' יעקב חסיד, געוואוינט אין מעזשיבערזש, אַ תּלמיד פֿון ר' ישראל בעל־שם־טוב, אַן איידעם פֿון גאון ר' זלמן. זיינע ספֿרים: „שערי גן עדן" און „סדור התּפֿילה", זייט 162.

יעקב פֿראַנק, געבוירן אין יאָר 1720, געשטאָרבן 1782, באַגרינדער פֿון דער סעקטע פֿראַנקיסטן, זז' 59, 61.

יצחק (איציקל) פֿון וואָרקע, זון פֿון ר' שלמה, אַ תּלמיד פֿון ר' יעקב יצחק, דער „„חוזה" פֿון לובלין און פֿון ר' שמחה בונם פֿון פשיסכע, געשטאָרבן 1848, זז' 48, 49, 115, 184.

יצחק אייזיק פֿון קאַלעוו, אַ תּלמיד פֿון ר' שמעלקע פֿון ניקעלשבורג, געשטאָרבן 1829, זייט 106.

יצחק לוריא („הארי" הקדוש"), זון פֿון ר' שלמה אַשכּנזי, געבוירן אין ירושלים, 1534, געשטאָרבן אין צפֿת 1572, באַגרינדער פֿון דער נייער שיטה אין קבלה, זייט 86.

יצחק (איטשע) מאיר פֿון גער, תּלמיד פֿון ר' מענדעלע פֿון קאָצק, געשטאָרבן 1866. זיין ספֿר: „חידושי הרי"ם", זייט 68.

ישראל זאַמאָשטש, זייט 154.

ישראל פֿרידמאַן פֿון רוזשין, געבוירן 1797, געשטאָרבן 1851, זון פֿון ר' שלום, וועלכער איז געווען אַ זון פֿון אַברהם מלאך. אין יאָר 1841 אַנטלאָפֿן פֿון

רוסלאַנד, זיך באַזעצט אין סאַדיגורע. זיין ספר: „אירין קדישין", זז' 68, 115, 144, 148, 149, 150.

ישראל בעל־שם־טוב (בעש"ט) פון מעזשיבעזש, באַגרינדער פון חסידות, זון פון ר' אליעזר, געשטאָרבן 1760, זז' 12—20, 23, 24, 29, 30, 31, 34, 35, 36, 45, 51, 53, 56, 57, 58, 59, 60, 61, 64, 66, 67, 71, 74, 76, 77, 80, 81, 82, 83, 85, 86, 87, 95, 100, 101, 111, 117, 118, 119, 120, 127, 128, 131, 132, 133, 134, 138, 139, 140, 141, 142, 145, 153, 157, 162, 179, 186.

ישראל טאָוב פון מאָזשיץ, זון פון שמואל אליהו פון זוואָלין, געשטאָרבן 1921, זז' 112, 113, 114, 116.

ישראל פון קאָזשעניץ, גערופן: „קאָזשעניצער מגיד", זון פון ר' שבתי איינבינדער, אַ תלמיד פון ר' דוב־בער, דער „גרויסער מגיד" פון מעזריטש, געשטאָרבן 1814. זיינע ספרים: „עבודת ישראל", „נר ישראל", אור ישראל", תהלות ישראל", „גבורות ישראל" און אַנדערע, זז' 38, 39, 89, 98, 107, 111, 127, 128, 193, 194, 195, 196.

ישראל בר ר' יהודה לייב, זייט 126.

ל

לובלינער רבי, זע: יעקב יצחק הָאַראָוויץ, דער „חוזה" פון לובלין.

לודימער מויד, חנה רחל, געבוירן, בערך 1815, אַ טאָכטער פון מאַניש בער־בערמאַכער, געשטאָרבן אין ארץ־ישראל, זז' 61, 62.

לוי יצחק פון בערדיטשעוו, זון פון ר' מאיר פון הוסאַקאָוו, אַ תלמיד פון ר' דוב־בער, דער „גרויסער מגיד" פון מעזריטש, געשטאָרבן 1810. זיין ספר: „קדושת לוי" זז' 24, 48, 54, 83, 96, 105, 121, 122, 125, 173.

לייבעלע (יהודה) אייגער פון לובלין, זון פון ר' שלמה אייגער, געשטאָרבן 1888, זייט 47.

לייב שרה'ס, אַ תלמיד פון ר' דוב־בער, דער „גרויסער מגיד" פון מעזריטש, גע־שטאָרבן 1791, זז' 40, 41, 42, 43, 178.

לעווינזאָן, יצחק בער (רי"בל), געבוירן 1787, געשטאָרבן 1860, זייט 157.

מ

מאָזשיצער רבי, זע: ישראל טאָוב פון מאָזשיץ.

מאָטעלע (מרדכי) טווערסקי פון טשערנאָביל, גערופן: „טשערנאָבלער מגיד", זון פון ר' נחום פון טשערנאָביל, געבוירן 1770, געשטאָרבן 1837. זיין ספר: „לקוטי תורה", זייט 61.

מאיר איבן גבאי, זייט 132.

מאיר הָאַראָוויץ פון זשיקאָוו, זון פון ר' אליעזר הָאַראָוויץ פון זשיקאָוו, געשטאָרבן 1878. זיין ספר: „אמרי נועם", זז' 115, 129, 147.

מאיר פֿון פּרעמישלאַן, זון פֿון אַהרן לייב פֿון פּרעמישלאַן, אַ תּלמיד פֿון ר׳ מרדכי פֿון קרעמעניץ, געשטאָרבן 1852, זז׳ 46, 47.

מאַרעק פּ., זייט 52.

מעזריטשער מגיד, זע: דוב־בער פֿון מעזריטש.

מעכעלע (יחיאל מיכל) פֿון זלאָטשעוו, זון פֿון ר׳ יצחק פֿון דראָהאָביטש, אַ תּלמיד פֿון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פֿון מעזריטש, געשטאָרבן 1792, זז׳ 85, 86, 87, 104.

מענדעלע (מנחם) פֿון קאָצק, אַ תּלמיד פֿון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פֿון לובלין, פֿון „יוד הקדוש״, פֿון פּשיסכע, און פֿון ר׳ שמחה בונם פֿון פּשיסכע, געבוירן 1788, געשטאָרבן 1859, זז׳ 78, 111, 156.

מענדל לעפֿין (לעווין), זון פֿון יהודה לייב, געבוירן 1749 אין סאַטאַנאָוו, אויך גע־רופֿן: „סאַטאַנאָווער״, געשטאָרבן 1826 אין טאַרנאָפּאָל, זייט 154.

מענדעלע (מנחם) פֿון ליסקע, זון פֿון ר׳ יעקב ראַבין, זז׳ 64,63.

מענדעלע (מנחם) פֿון רומאַנאָוו, זון פֿון ר׳ יוסף חריף, אַ תּלמיד פֿון ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק, געשטאָרבן 1815. זיינע ספֿרים: „מנחם ציון״ און „דברי מנחם״, זז׳ 69, 70.

מענדעלסאָן, משה, באַגרינדער פֿון דער „השׂכּלה״־באַוועגונג, געבוירן 1729 אין דעסוי, דייטשלאַנד, געשטאָרבן 1786 אין בערלין, זייט 154.

מרדכי יוסף פֿון איזביצע, אַ תּלמיד פֿון ר׳ מענדעלע פֿון קאָצק, געשטאָרבן 1854, זייט 156.

מרדכי פֿון נעשכיז, אַ תּלמיד פֿון ר׳ יחיאל מיכל פֿון זלאָטשעוו, געשטאָרבן 1800, זיין ספֿר: „רשפּי אש״, זז׳ 104, 162, 167, 170.

משה האָראָוויץ פֿון ראָזוואַדאָוו, זון פֿון ר׳ אליעזר האָראָוויץ פֿון דזשיקאָוו, געשטאָרבן 1894, זייט 62.

משה אליקום בריעה פֿון קאָזשעניץ, זון פֿון ר׳ ישראל פֿון קאָזשעניץ, געשטאָרבן 1826, זייט 197.

משה יצחק עווריל, זייט 75.

משה לייב פֿון סאַסאָוו, זון פֿון ר׳ יעקב, אַ תּלמיד פֿון ר׳ שמעלקע האָראָוויץ פֿון ניקעלשבורג און פֿון ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק, געשטאָרבן 1807. זיין ספֿר: „לקוטי רמ״ל״, זז׳ 14, 24, 49, 51, 105, 107, 108, 109, 121, 173.

נ

נחום קאַפּלאַן פֿון האָראָדנע, זז׳ 173—178 (די מאַטעריאַלן גענומען פֿון ה. י. יאַנאָווסקי, „רשומות״, כּרך ה׳, הוצאת „דביר״, תּל־אָביב, תּרפּ״ז, זז׳ 437—443).

נחום טווערסקי פֿון טשערנאָביל, גערופֿן „טשערנאָבילער מגיד״, זון פֿון ר׳ צבֿי, געבוירן 1730, געשטאָרבן 1797. זיין ספֿר: „מאור עינים״, זייט 67.

נחום יפה, זייט 175.

נחמן פון בראַסלאַוו, זון פון שמחה, בעל־שם־טוב׳ס אַן אייניקל, געבוירן 1772, געשטאָרבן אין אומאַן, 1810, זז׳ 61, 75, 84, 94, 96, 101, 102, 103, 117, 121, 141, 142, 144.

נטע פון כעלעם, זז׳ 167, 17.

נפתלי צבי (הירש) האָראָוויץ פון ראָפשיץ, זון פון ר׳ מנחם מענדל פון ליסק אַ תלמיד פון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה" פון לובלין. זיינע ספרים: „זרע קודש" און „אילה שלוחה". געשטאָרבן 1827, זז׳ 55, 63, 78, 83, 84, 85, 90, 106, 107, 109, 111, 136, 162.

נתן פון נעמיראָוו, אַ תלמיד פון ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו, געשטאָרבן 1830, זז׳ 101, 102, 142, 143.

ס

סאַדיגורער רבי, זע: ישראל פון רוזשין און אברהם יעקב פון סאַדיגורע.

סאַנזער רבי, זע: חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז.

ע

עגנון, ש. י., זייט 11.

עזרא הסופר, זייט 94.

עקיבא אייגער, געבוירן אין אייזנשטאַט, אונגאַרן, 1761, געשטאָרבן אין פּויזן 1837, זייט 47.

עקיבא האַרצבלוט, זז׳ 204, 205.

פּ

פּייוויש פון באַלשוויץ, זייט 121

פּנחס שפּיראָ פון קאָריץ, אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, געשטאָרבן 1791, זייט 104.

פּערל יוסף, איינער פון די הויפּט משכילים אין גאַליציע, געבוירן אין טאַרנאָפּאָל, 1773, געשטאָרבן 1839, פאַרפאַסט דעם פּאַמפלעט „מגלה טמירין" קעגן חסידים. זייט 154.

פּרעמישלאַנער רביצין, שרה שלומטשע, טאָכטער פון ר׳ מענדעלע זידיטשאָווער, ר׳ מאירל פּרעמישלאַנערס אַן אייניקל, זייט 65.

פּרץ, יצחק לייבוש, געבוירן אין זאַמאָשטש, 1852, געשטאָרבן אין וואַרשע 1915, זז׳ 11, 14, 80.

פּשיטכער רבי, זע: יעקב יצחק פון פּשיסכע, אָדער שמחה בונם פון פּשיסכע.

פֿ

פֿייגע, די מוטער פון ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו, זייט 61.

צ

צבי ניסן גאָלאָמב, זייט 113.

ציַנבערג, ד״ר ישראל, מחבר פֿון די „געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור ביי יידן״, זייט 154.

ר

רומאַנאָווער רבי, זע: אשר פֿון רומאַנאָוו.

רחלע, טאָכטער פֿון ר׳ אַברהם יהושע העשל פֿון אַפּט, זייט 61.

רוזשינער רבי, זע: ישראל פֿרידמאַן פֿון רוזשין.

רייטמאַן, ד״ר יהודה לייב, פֿון טשערנאָוויץ, זייט 155.

רמב״ם, משה בן ר׳ מימון הספֿרדי, געבוירן אין קאָרדאָוואַ, שפּאַניע, 1135, געשטאָרבן אין פֿאַסטאַט, עגיפּטן, 1206, געקומען צו קבורה אין טבריה, ארץ־ישראל, זז׳ 47, 65, 72.

רפֿאל, רב אין וועגראָוו, איידים פֿון דעם רב ר׳ אייזיק פֿון וועגראָוו, זייט 185.

ש

שבתי איינבינדער, פֿאָטער פֿון ר׳ ישראל פֿון קאָזשעניץ, געשטאָרבן 1740, זז׳ 127, 128.

שבתי צבי, „פֿאַלשער משיח״, געבוירן אין איזמיר, 1626, געשטאָרבן אין ביראַט, אַלבאַניע, 1676, זז׳ 59, 72.

שלום רוקח, פֿון בעלז, אַ תּלמיד פֿון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פֿון לובלין, געשטאָרבן 1855, זז׳ 68, 165.

שלמה אַלקביץ, זון פֿון משה הלוי, געשטאָרבן, בערך 1580 אין צפֿת, פֿאַרפֿאַסט שירים און פּיוטים, צווישן אַנדערע „לכה דודי״, זייט 80.

שלמה פֿון כעלם, אַ שוואָגער פֿון ר׳ אַברהם הכהן פֿון זאַמאָשטש, דער מחבר פֿון ספֿר: „בית אַברהם״ און „מרכבת המשנה״, זייט 123.

שלמה מימון, געבוירן אין נישוויטש, ליטע, 1754, געשטאָרבן אין נידערזיגערסדאָרף, שלעזיע, 1800, זז׳ 73, 100.

שלמה פֿון קאַרלין, אַ תּלמיד פֿון ר׳ אַהרן פֿון קאַרלין, געהרגעט געוואָרן אין לודמיר אין יאָר 1792, זז׳ 161—164.

שלמה לייב פֿון לענטשנע, אַ תּלמיד פֿון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פֿון לובלין און פֿון ר׳ יעקב יצחק, דער „יוד הקדוש״ פֿון פּשיסכע, געשטאָרבן 1827, זייט 83.

שלמה הכהן ראַבינאָוויטש פֿון ראַדאָמסק, זון פֿון ר׳ דוד צבי הכהן, אַ תּלמיד פֿון ר׳ בער פֿון ראַדישיץ, געשטאָרבן 1868. זיין ספֿר: „תּפֿארת שלמה״, זז׳ 115, 116.

שמואל זביטקעווער, פון פראגע, געווען ליוועראנט פון דער פוילישער אַרמיי בעת דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד אין 1794, לויט דער לעגענדע האָט ער געראַטעוועט יידן בעת דער פראַגער הריגה, זייט 107.

שמחה בונם פון פשיסכע, אַ תלמיד פון ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פון לובלין און פון ר׳ יעקב יצחק, דער „יוד הקדוש״ פון פשיסכע, געשטאָרבן 1843, זיין ספר: „קול שמחה״, זז׳ 83, 105, 111, 183.

שניאור זלמן שניאורזאָן פון ליאַדי, גערופן אויך אויפן נאָמען פון זיין ספר „תנאי״, באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה אין חסידות, געבוירן 1748 אין ליאָזשנע, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש, געשטאָרבן 1818, זז׳ 66, 97, 104, 124, 126, 140, 141.

שפּאָלער זיידע (לייב), אַ תלמיד פון ר׳ יעקב יוסף פון פּאָלנאָהע, געשטאָרבן 1811, זייט 122.

דער „תנאי״, זע: שניאור זלמן שניאורזאָן פון ליאַדי.

II

ספרים

אגרת הקודש, פון ר׳ מענדל פון וויטעבסק, ר׳ אַברהם פון קאַליסק און אַנדערע צדיקים, וואַרשע תר״י, זז׳ 66, 144.

אהבת חסד, זייט 184.

אור המאיר פון ר׳ זאב וואָלף פון זשיטאָמיר, זייט 140.

אלה דברי הברית, אַלטאָנה, 1819, זייט 79.

אמרי נועם, פון ר׳ מאיר האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, זייט 89.

אמרי קודש, פון ר׳ אורי פון סטרעליסק, זייט 165.

באָנמשע שוויג, דערציילונג פון י. ל. פרץ, זייט 81.

בוצינא דנהורא, פון ר׳ ברוך פון מעזשיבעזש, זז׳ 84, 138.

בית אברהם, זייט 184.

געשיכטע פון חסידיזם, פון פּראָפ׳ ש. דובנאָוו, זז׳ 12, 88.

געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר י. צינבערג, זייט 154.

דברי ישראל, פון ר׳ ישראל טאַוב, פון מאָזשיץ, ניו־יאָרק, תרצ״א, זייט 113.

דברי שלמה, זייט 97.

דברים ערבים, ילקוט ספורי צדיקים, מונקאַטש, תרס״ב, זייט 133.

דגל מחנה אפרים, פון ר׳ אפרים פון סאַדילקאָוו, קאָרעץ תק״ע, זייט 119.

דמשק אליעזר, זייט 175.

התגלות צדיקים, זאַמלונג פון חסידישע מעשיות, זייט 53.

ספר ויכוח, פון ר׳ ישראל לייבל, וואַרשע, תקנ״ב, זייט 126.

זכרונות ימי נעורי, פון א. ב. גאָטלאָבער, זייט 139.
זכות אברהם, זייט 184.
זר זהב כתב תורה, זייט 185.

חיי מהר״ן, וועגן ר׳ נחמן בראַסלעווער, זז׳ 142, 143.
דער חסידיזם און זיינע פירער, פון ד״ר ש. א. האָראָדעצקי, ווילנע 1937. זייט 64.
החסידות והחסידים, פון ד״ר ש. א. האָראָדעצקי, 4 בענד, זייט 139.

יד חזקה, פון רמב״ם, זייט 65.

כבוד חכמים, זייט 79.
כללי אוריתא, פון ר׳ ישראל טאַוב פון מאָזשיץ, זייט 113.
כנסת ישראל, אַ זאַמלונג פון מעשיות און מאמרים פון ר׳ ישראל פון רוזשין און פון זיינע קינדער, זייט 149.
כתיב רש״י, זייט 104.
כתר שם טוב, פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, לבוב, תרי״ב, זז׳ 83, 96, 132, 133.

לקוטי מוהר״ן, פון ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו, זז׳ 101, 104, 143.
לקוטי רמ״ל, פון ר׳ משה יהודה לייב פון סאַסאָוו, זייט 75.
לקוטי תפילות, פון ר׳ נתן פון נעמיראָוו, זייט 144.

מגלה עפה, זייט 157.
מטפחת ספרים, זייט 123.
מנצח בנגינות ,זייט 113.
מעין חכמה, פון ר׳ אָשר צבי פון אוסטראה, קאָרעץ תקע״ז, זייט 76.
מעשי צדיקים, זאַמלונג פון מעשיות וועגן רביים, זייט 121.
מעשיות ומאמרים יקרים, זאַמלונג פון מעשיות פון בעש״ט און פון זיינע איי־ניקלעך, זשיטאָמיר תרס״ב, זייט 23.
מסכת סוכה, זייט 120.
מסכת ערבין, זייט 114.
מסכת תענית, זייט 120.
מרכבות המשנה, זייט 123.

נועם אלימלך, פון ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, וואַרשע תרמ״א, זז׳ 89, 135.
נזר הדמע, זייט 154.

נפלאות הרבי מברדיטשוב, וועגן ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו, זייט 52.

ספר המדות, פון ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו, זייט 75.

עדת צדיקים, זאַמלונג פון מעשיות וועגן צדיקים, זייט 127.
עשר אורות, זאַמלונג פון מעשיות און מאמרים פון צדיקים, פיעטריקאָוו, תר״ס, זז׳ 99, 148.

עשר צחצחות, זאַמלונג פֿון מעשׂיות און מאמרים פֿון צדיקים, פּיעטריקאָוו תר״ס, זז׳ 27, 67, 136.

פרי הארץ, פֿון ר׳ מנחם מענדל פֿון וויטעבסק, זייט 124.

צוואת ריב״ש, וועגן ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, זז׳ 74, 96.

קדושת לוי, פֿון ר׳ לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו, זייט 83.
קהל חסידים, זאַמלונג פֿון מעשׂיות פֿון צדיקים, וואַרשע תרצ״ה, זז׳ 52, 55, 108.

רשפי אש, פֿון ר׳ מרדכי פֿון נעשכיז, וואַרשע, תרכ״ט, זייט 104.

שאלות ותשובות מהר״ן יפה, זייט 175.
שבחי הבעש״ט, וועגן ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, לבוב, תרס״ו, זז׳ 12, 17, 26, 29, 45, 52, 57, 59, 61, 119, 134.
שערי אורה, פֿון ר׳ יוסף גקטליה, זייט 95.
שמואל א׳, זייט 121.
שׂפתי צדיקים, זאַמלונג פֿון חסידישע מעשׂיות, זייט 76.

תולדות יעקב יוסף, פֿון ר׳ יעקב יוסף פֿון פּאָלנאָהע, זז׳ 26, 53.
תורה אור, פֿון ר׳ שניאור זלמן פֿון ליאַדי, קאָפּוסט תקצ״ג, זייט 74.
תּנאי, פֿון ר׳ שניאור זלמן פֿון ליאַדי, זייט 117.

אינהאַלט

מאַרק שאַגאַל — אַ חסיד 5
אַריינפיר 7

ערשטער טייל:

די חסידישע לעגענדעס אַלס מקור פאַר געשיכטס־פאָרשונג 11
באַציאונג פון חסידות צו דאָרפס־יידן 16
חסידות פאַרטיידיקט די דאָרפס־יידן 23
חסידות האַלט מיט די אָרעמע קעגן די רייכע 29
חסידות האָט פאַרטיידיקט יידן קעגן פאַרשידענע גזירות 37
די באַציאונג פון חסידות צום בעל־מלאָכה 44
חסידות אין קאַמף מיט רבנים און תקיפים 51
די באַציאונג פון חסידות צו דער פרוי 58
חסידות און צדקה 65
חסידות און תשובה 71
שבת און חסידות 79
חסידות און תפילה 94
חסידות און נגינה 100
חסידישע לידער און נגונים 105
סקאַרבאָווע נגונים 111
חסידות און טאַנץ 118
חסידות און צדיק 131
די ירידה פון צדיקים און חסידות 138
די רייכע חסידישע הויפן 145
חסידות און השכלה 152

צווייטער טייל:

דער שרף פון סטרעליסק 161
ר׳ נטע פון כעלעם 167
ר׳ נחום פון האָראָדנע 137
אַ רבי וואָס האָט ניט גענומען קיין קוויטלעך 179
אַ פאָלקס־רבי אַ דאָקטאָר 186
דער פאָלקס־רבי, דער „ברוקאַזש“ פון פיעטריקאָוו 192
ר׳ בערישל „בעל־תשובה“ פון קראָקע 203
זוכצעטל 211